STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01876

LENIN

Nadezhda Konstantinovna Krupskaya

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

נ. ק. קרופסקאַיאַ

לענין

(זכרונות)

יידיש: מאַרק ראַקאָווסקי

ווארשע 1930

[illegible]

[illegible] דעם [illegible] 1932

[illegible]

N. K. KRUPSKAJA

L E N I N

Wyd. M. RAKOWSKI

Drukarnai „P O L“
Przejazd 11. Tel. 317-31

אינהאלט:

הקדמה	5
אין פעטערבורג (1898—1893)	7
אויף פארשיקונג (1901—1898) . . .	32
מינכען (1902-1901)	60
דאס לעבן אין לאנדאן (1903—1902) . .	80
זשענעווע (1903)	104
דער צווייטער צוזאמענפאר (יולי—אויגוסט 1903) .	107
נאכן צווייטן צוזאמענפאר (1904—1903) . .	120
דאס „פינפטע" יאר (אין עמיגראציע) . .	137
דאס פינפטע יאר (אין פעטערבורג) . . .	164
פעטערבורג און פינלאנד (1907—1906) . .	177
פון רוסלאנד קיין אויסלאנד (סוף 1907) . .	198

צוגאב

וועגן דעם מעטאד פון לענינס וויסנשאפטלעכער ארבעט	207
לענין וועגן קענען שרייבן פאר פויערים און ארבע-טער-מאסן	215
לענין און טשערנישעווסקי	224
וואס איז לענינען געפעלן געווארן פון קונסט-ליטעראטור	231

הקדמה

דער ציל פון דידאָזיקע געדרוקטע דערינערונגען — איז צו געבן דאָס בילד פון די באַדינגונגען, אין וועלכע וולאַדימיר איליטש איז אויסגעקומען צו לעבן און צו אַרבעטן.

דער ערשטער באַנד דערינערונגען נעמען אַרום דעם פעריאָד פון 1894, די צייט פון מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט וולאַדימיר איליטשן, ביז 1908, דאָס הייסט ביז דער צווייטער עמיגראַציע. דאָ גייען אַריין די דערינערונגען וואָס האָבן אַ שייכות צו: 1) זיין אַרבעט אין פעטערבורג, 2) דער צייט אויף דער פאַרשיקונג, 3) דעם מינכענער און לאָנדאָנער פעריאָד פון דער ערשטער עמיגראַציע, 4) דער צייט פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי, דער צווייטער צוזאַמענפאָר גופא און דער פעריאָד נאָך אים — ביז 1905 יאָר, 5) די דערינערונגען פון 1905 אין אויסלאַנד, 6) דעם 1905 אין פעטערבורג און, ענדלעך 7) צו די יאָרן 1906 און 1907.

ס׳רוב פון דידאָזיקע דערינערונגען זענען שוין געווען אָפגעדרוקט אין „פראַוודאַ״. נאָכדעם איז אַ טייל פון זיי געווען געדרוקט אין אַ זאַמלבוך, אַרויסגעגעבן דורך דער „פראַוודאַ״, שפעטער אין אַ זאַמלבוך פון פאַרלאַג „גיז״ (1926). איצט זענען די דערינערונגען דערפילט און איבערעדאַגירט.

דער צווייטער באַנד דערינערונגען וועלן אַרומנעמען דעם פעריאָד פון דער צווייטער עמיגראַציע (פון 1908 ביז 1914,

די עפּאָכע פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און דעם פּעריאָד נאָך זיין צוריקקער פון דער עמיגראַציע, אין אַפּריל 1917, ביזן טויט פון וולאַדימיר איליטש. אַ טייל פון דידאַזיקע דערינערונגען זענען שוין אָנגעשריבן.

חוצדעם, ווערן אין דעם באַנד אַלס ביילאַגע געגעבן עטלעכע אַרטיקלען, וואָס זענען אָנגעשריבן אין פאַרשידענע צייטן און אַנטהאַלטן מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון וולאַדימיר איליטשעס לעבן.

נ. ק. קרופּסקאַיאַ

אין פעטערבורג

(1893-1898)

וולאַדימיר איליטש איז געקומען צופֿאָרן קיין פעטערבורג האַרבסט 1893 יאָר, אָבער באַקענט האָב איך זיך מיט אים נישט באַלד. חברים האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז פון דער וואָלגע איז געקומען עפּעס אַ געלערנטער מאַרקסיסט, נאָכדעם האָט מען מיר צוגעשיקט אַ העפט „וועגן מערק", ביִשקשהדיק אָנגעשריבן. אין העפט זענען פון איין זייט געווען איבערגעגעבן די מיינונגען פון אונדזער פעטערבורגער מאַרקסיסט, דעם טעכנאָלאָג הערמאַן קראַסין, פון דער צווייטער זייט — די מיינונגען פונם אָנגעקומענעם וואָלגער יונגערמאַן. דער העפט איז געווען איינגעבויגן אויף דער העלפט: אויף איין זייט, מיט אַ צודרייטער האַנדשריפט, געמעקט און אַריינגעשריבן, האָט אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען ה. קראַסין, אויף דער צווייטער זייט, דייטלעך, נישט געמעקט, האָט געשריבן זיינע באַמערקונגען און זיינע רעפליקן דער וואָלגער.

די „מערק־פראַגע" האָט אונדז אַלעמען דעמאָלט שטאַרק אינטערעסירט, אונדז יונגע מאַרקסיסטן.

אין די פעטערבורגער מאַרקסיסטישע קרייזן האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהייבן אויסצוקריסטאַליזירן אַ באַזונדערע באַוועגונג. איר אינהאַלט האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס אויף די פראַצעסן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג,

האָבן די פאַרשטייער פון דערדאָזיקער באַוועגונג געקוקט ווי אויף אַ מעכאַנישער סכעמאַטישער זאַך. אויסטייטשנדיק אויף אַזאַ אופן די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, איז לגמרי אַוועק אָן אַ זייט די ראָל פון די מאַסן, די ראָל פונם פּראָלעטאַריאַט. די רעוואָלוציאָנערע דיאַלעקטיק פונם מאַרקסיזם איז פאַרוואָרפן געוואָרן. ס'זענען פאַרבליבן בלויז טויטע „אַנטוויקלונגס-פאַזן". פאַרשטייט זיך, אַז איצט וואָלט יעדער מאַרקסיסט געקענט צעקלאַפּן דעמדאָזיקן „מעכאַנישן" שטאַנדפּונקט, אָבער דעמאָלט האָבן אונדזערע פּעטערבורגער מאַרקסיסטישע קרייזן זיך שטאַרק דערפון באַאומרויקט. מיר זענען נאָך שלעכט געווען באַוואָפנט; אַ סך פון אונדז האָבן פון מאַרקסן געקענט בלויז דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", האָבן אַפילו נישט אָנגעזען דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אָבער האָבן בלויז מיטן אינסטינקט געפילט, אַז דידאָזיקע „מעכאַנישקייט" איז אין ווידערשפּרוך מיטן לעבעדיקן מאַרקסיזם.

די „מערק-פראַגע" איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דערדאָזיקער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון מאַרקסיזם.

די אָנהענגער פון דער „מעכאַנישקייט" פלעגן געווייגלעך גאַנץ אַבסטראַקט צוגיין צו דער פראַגע.

פון יענער צייט איז אַריבער מער פון דרייסיק יאָר.

דער העפט, וועגן וועלכן איך האָב גערעדט, איז ליידער פאַרפאַלן געוואָרן.

איך קען בלויז ריידן פון דעם איינדרוק, וועלכן זי האָט אויף אונדז געמאַכט.

די „מערק-פראַגע" האָט דער וואָלגער מאַרקסיסט טראַקטירט אַרכי-קאָנקרעט; ער האָט זי פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון די מאַסן; ס'האָט זיך אין זיין צוגאַנג געפילט אַ לעבעדיקער מאַרקסיזם, וואָס באַטראַכט דערשיינונגען אין זייערע קאָנקרעטע באַדינגונגען און אין זייער אַנטוויקלונג.

ס'האָט זיך געוואָלט נענטער באַקענען מיט דעמדאָזיקן אורח, זיך באַקענען נענטער מיט זיינע שטאַנדפּונקטן.

צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט לענינען אין דער

פּוּטער־וואָך (מאַסלעניצע). אויף אָכטע, ביים אינזשיניר קלאַסאָן *), ביי איינעם פון די אָנגעזעענע פּעטערבורגער מאַרקסיסטן, מיט וועלכן איך בין מיט צוויי יאָר צוריק געווען אין אַ מאַרקסיסטישן קרייז, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עטלעכע פּעטערבורגער מאַרקסיסטן זאָלן אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג מיטן אָנגעקומענעם וואָלגער. צוליב קאָנספּיראַציע האָט מען געמאַכט בלינצעס. חוץ וולאַדימיר איליטשין זענען אויף דער דאָזיקער באַראַטונג געווען: קלאַסאָן, י. פּ. קאָראָווקאָ, סערעבראָווסקי, סט. איוו. ראַדטשענקאָ און אַנדערע. ס'האָבן געדאַרפט קומען פּאָטרעסאָוו און סטרווע, אָבער זיי זענען, דאַכט זיך, נישט געקומען. איך האָב פאַרגעדענקט איין מאָמענט. מען האָט גערעדט וועגן די וועגן, מיט וועלכע מען האָט געדאַרפט גיין. מען האָט זיך עפּעס נישט געקענט צונויפריידן. איינער, דאַכט זיך, שעווליאַגין, האָט געזאָגט אַז ס'איז זייער וויכטיק די אַרבעט אין פאָלקס־בילדונגס־קאָמיטעט. וולאַדימיר איליטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט; עפּעס בייז און טרוקן האָט געקלונגען זיין געלעכטער; קיינמאָל נאָכדעם האָב איך שוין נישט געהערט אַזאַ מין געלעכטער. ער האָט געזאָגט:

„נו, פאַרוואָס נישט, ווער ס'וויל ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד אין פאָלקס־בילדונגס־קאָמיטעט, דעם וועלן מיר נישט שטערן."

ס'איז כדאי צו זאָגן, אַז אונדזער יונגער דור האָט נאָך געזען די צוזאַמענשטויסן פון די נאַראָדאָוואָלצעס מיטן צאַריזם; זיי זענען געווען עדות, ווי די ליבעראַלע „געזעלשאַפט" האָט פון אָנהויב „מיטגעפילט", אָבער נאָכן צעקלאַפּן די פּאַרטיי פון די נאַראָדאָוואָלצעס, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך מורא

---

*) אויף דער דירה פון אינזשיניר קלאַסאָן זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אין דער פּוטער־וואָך 1894. האַרבסט־צייט פון דעמזעלבן יאָר האָט וולאַדימיר איליטש געלייענט זיין אַרטיקל „דער עקאָנאָמישער תוך פון דער נאַראָדנער באַוועגונג און איר קריטיק אין סטרווועס בוך".

געהאַט פאַר יעדן שאַרף, האָט געפירט אַן אַגיטאַציע פון „נישטיקע זאַכן".

זיי האָבן פאַרשטאַנען די בייזע באַמערקונג פון וולאַדימיר איליטש. ער איז געקומען, כדי זיך אויפצורייצן, וויאַזוי צו גיין צוזאַמען אין קאַמף, און אַלס תשובה האָט ער באַקומען דעם אויפרוף — צו פאַרשפרייטן בראָשורן פונם בילדונגס-קאָמיטעט.

נאָכדעם, ווען מיר האָבן זיך נענטער באַקענט, האָט וולאַדימיר איליטש מיר איינמאָל דערציילט, וויאַזוי די „גע-זעלשאַפט" האָט זיך באַצויגן צום אַרעסט פון זיין ברודער. אַלע באַקאַנטע האָבן זיך אָפּגעקערט פון דער פאַמיליע אוליאַנאָוו; ס'האָט אַפילו אויפגעהערט צו זיי אַריינצוקומען דער אַלטער לערער, וועלכער פלעגט פריער יעדן אָוונט כסדר קומען שפילן אין שאָך. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען קיין אייזנבאַן קיין סימבירסק, איז וולאַדימיר איליטשעס מוטער אויסגעקומען צו פאָרן מיטן אָקס ביז סיזראַן, כדי צו דערקלייבן זיך קיין פעטערבורג, וווּ איר זון איז געזעסן אין תפיסה. וולאַדימיר איליטשן האָט מען געשיקט אויפזוכן אַ מיטפאָרער, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט דער מוטער פון אַן אַרעסטירטן.

דידאַקטיקע אַלגעמיינע פחדנות האָט, לויט וולאַדימיר איליטשעס ווערטער, אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

דידאַקטיקע יוגנטלעכע איבערלעבונג האָט בלי ספק גע-לייגט אַ שטעמפּל, אויף וולאַדימיר איליטשעס באַציונג צו דער „געזעלשאַפט", צו די ליבעראַלן. ער האָט זייער פרי ווי גע-העריק אָפּגעשאַצט די ליבעראַלע פלוידעריי.

הארבסט, אין דעמזעלבן 1894 יאָר, האָט וולאַדימיר איליטש אין זיין אַרטיקל „דער עקאָנאָמישער תוך פון דער נאַראָדניקער-באַוועגונג און איר קריטיק אין סטרוועס בוך" גע-שריבן: „די בורזשואַזיע געוועלטיקט סיי אין לעבן, סיי אין דער געזעלשאַפט. ס'קומט אויס, אַז מען וואָלט זיך געדאַרפט

אפקערן פון דער געזעלשאפט און גיין צום אנטיפאד פון דער בורזשואזיע" (געז. ווערק II באנד, זייט 18).

און ווייטער:

איר (נאראדניקעס)... איר דערקלערט דעם פארלאנג צו פארטיידיקן די בורזשועס דערמיט... — ווער ס'פאדערט פון די אידעאלאגן פונם ארבעטער־קלאס פולשטענדיק איבערצורייסן מיט דידאזיקע עלעמענטן און אויסשליסלעך דינען דעם, ווער ס'איז דיפערענצירט פונם לעבן פון „בורזשואזן קלאס"... (אין זעלבן ארט זייט 54).

ס'איז באקאנט וולאדימיר איליטשעס שטאנדפונקט בנוגע די ליבעראלן, זיין אומצוטרוי צו זיי, זייער כסדרדיקע דעמאס־קירונג... איך האב געבראכט בלויז עטלעכע ציטאטן, וואס האבן א שייכות צום זעלבן יאר, ווען ס'איז געווען די באראטונג אין קלאסאנס וווינונג.

ביי די „בלינצעס" האט מען זיך צו קיין זאך נישט דערדעדט. וולאדימיר איליטש האט קנאפ גערעדט, ער האט זיך מער צוגעקוקט צום עולם. די מענטשן, וועלכע האבן זיך אנגערופן מארקסיסטן, האבן זיך זייער שלעכט געפילט אונטער וולאדימיר איליטשעס דורכדרינגלעכע בליקן.

איך געדענק, בעת מיר האבן זיך צוריקגעקערט פון אכטע אהיים, גייענדיק לענגאויס דער נעווע, האט מען מיר צום ערשטן מאל דערציילט וועגן וולאדימיר איליטשעס ברודער, דעם געוועזענעם נאראדאוואלעץ, וועלכער האט אנטייל גענומען אין אטענטאט אויף א. עקסאנדער דעם III, אין 1886 און איז אומגעקומען פון די צארישע הענקער, נישט דערגרייכנדיק די פולייעריקייט.

וולאדימיר איליטש האט שטארק געליבט זיין ברודער. זיי האבן געהאט אלגעמיינע געשמאקן,ביידע האבן געהאט ליב איינזאמקייט, כדי צו קענען בעסער קאנצענטרירן די געדאנקען. זיי האבן געוווינט צוזאמען, א געוויסע צייט אין א באזונדער אפיצינע, און ווען ס'איז צו זיי געקומען עמיצער פון זייערע צאלרייכע באקאנטע און קרובים — שוועסטער־קינדער — וועלכע זיי האבן געהאט א סך, האבן די יינגלעך

געהאַט אַ געליבטע פראַזע: „באַגליקט אונדז מיט אייער אָפּ־וועזנהייט". ביידע ברידער האָבן געקענט פעסט אַרבעטן, ביידע זענען געווען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט. נאָר דער חילוק אין די יאָרן האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן. אַלעקסאַנדער איליטש האָט נישט וועגן אַלץ גערעדט מיט וולאַדימיר איליטשן.

אָט וואָס וולאַדימיר איליטש האָט דערציילט:

דער ברודער איז געווען אַ נאַטורפאָרשער. אינם לעצטן זומער, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך געגרייט צו אַ דיסערטאַציע וועגן רינגען־ווערים און די גאַנצע צייט געאַרבעט מיט אַ מיקראָסקאָפּ. כּדי אַריינצוכאַפּן וואָס מער לופט, פלעגט ער אויפשטיין באַגינען און תּיכּף זיך גענומען צו דער אַרבעט. „ניין, ס׳וועט פון ברודער קיין רעוואָלוציאָנער נישט אַרויסקומען, האָב איך דעמאָלט געטראַכט — האָט דער־ציילט וולאַדימיר איליטש — אַ רעוואָלוציאָנער קען נישט פטרן אַזוי פיל צייט אויף אויספאָרשונג פון רינגען־ווערים".

אינגיכן האָט ער דערזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט.

דעם ברודערס גורל האָט געהאַט אויף וולאַדימיר אי־ליטשן אַ גרויסע השפּעה. אַ וויכטיקע ראָל האָט געשפּילט דאָס, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט צו יענער צייט וועגן אַ סך זאַכן זעלבסטשטענדיק געטראַכט, ער האָט שוין געלייזט פאַר זיך די פראַגע וועגן נויטווענדיקייט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט זיין ברודערס גורל אים בלויז פאַרשאַפן טיפע ליידן, אָדער, אין בעסטן פאַל, וואָלט עס אין אים אַרויסגערופן דעם דראַנג צו גיין אויפן ברודערס וועג. ביי די געשאַפענע באַדינגונגען האָט דעם ברו־דערס גורל בלויז פאַרשאַרפט די אַרבעט פון זיינע געדאַנקען, האָט אויסגעאַרבעט אין אים אַן אויסערגעוויינלעכע ניכטער־קייט, צו קענען קוקן דעם אמת אין די אויגן, נישט לאָזנדיק זיך אויף קיין רגע פאַרפירט צו ווערן פון אַ פראַזע, פון אַן אילוזיע, האָט אויסגעאַרבעט אין אים די העכסטע ערלעכקייט ביים צוגאַנג צו אַלע פראַגן.

האַרבסט 1894 האָט וולאַדימיר איליטש געלייענט אין

אונדזער קרייז זיין אַרבעט „די פריינט פון פאָלק״. איך געדענק, ווי דאָס בוך האָט אונדז אַלע מיטגעריסן. אינם בוך האָט זיך בולט אויסגעשניצט דער ציל פון קאַמף. „די פריינט פונם פאָלק״ זענען אין אַ קאָפּירטער פאָרם אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אונטערן נאָמען „געלע העפטן״. זיי זענען געווען אָן אַן אונטערשריפט. מען האָט זיי שטאַרק געלייענט און ס׳איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז זיי האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף דער דעמאָלטיקער יוגנט. ווען איך בין אין 1896 געווען אין פּאָלטאַווע, האָט פּ. פּ. רומיאַנצעוו, — דעמאָלט אַן אַקטיווער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון דער תפיסה,—כאַראַקטעריזירט „די פריינט פון פאָלק״, ווי די בעסטע און שטאַרקסטע פאָרמולירונג פון דעם שטאַנדפונקט פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

ווינטער 1894—1895 האָב איך זיך זייער נאָענט באַקאַנט מיט וולאַדימיר איליטשן. ער איז געווען באַשעפטיקט אין אַרבעטער־קרייזן הינטער נעווסקער ראָגאַטקע; איך, ווידער, בין דאָרט דעם פערטן יאָר געווען לערערקע אין דער סמאָלענסקער אָוונט־זונטיקדיקער שולע און גוט געקענט דאָס לעבן פונם טראַקט. אַ גאַנצע ריי אַרבעטער פון די קרייזן, וווּ ס׳איז געווען באַשעפטיקט וולאַדימיר איליטש, זענען געווען מיינע תלמידים אין דער זונטיק־שולע: באַבושקין, באָראָווקאָוו, גריבאַקין, אַרסעני, פיליפּ באַדראָוו און אַנדערע. אין יענע צייטן איז די אָוונט־זונטיקדיקע שולע געווען אַ זעלטענער מיטל פון ברייטער באַקאַנטשאַפט מיטן טאָגטעגלעכן לעבן, מיט די אַרבעט־באַדינגונגען, מיט דער שטימונג פון די אַרבעטער־מאַסן. די סמאָלענסקער שולע איז געווען אויף 600 מאַן, נישט רעכענענדיק די אָוונט־טעכנישע קלאַסן, די פרויען־שול, די אָבוכאָווער שול, וועלכע זענען דאָרט פאַררעכנט געוואָרן. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן צו די „לערערקעס״ מיטן גרעסטן צוטרוי: דער מרה־שחורהדיקער שומר פון די גראָמאָווער האָלץ־לאַגערן, האָט מיט אַ פרייל עכן אויסזעז דערציילט דער לערערקע, אַז ביי אים איז געבוירן אַ זון;

דער שווינדזוכטיקער טעקסטיל־אַרבעטער, דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים אויסגעלערנט שרייבן, האָט איר געוווּנטשן אַ גוטן חתן; אַן אַרבעטער־סעקטאַנט, וואָס האָט אַ גאַנצן לעבן געזוכט גאָט, האָט מיט צעפרידנקייט איר געשריבן, אַז ערשט אין דער „ליידנשאַפטלעכער וואָך" איז ער דערגאַנגען פֿון רודאַקאָוון (אַן אַנדער תּלמיד פֿון דער שולע), אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, אַז ס'איז אים זייער לייכט געוואָרן, ווייל ס'איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי צו זיין גאָטס אַ שקלאַף, ווייל דאָ קענסטו גאָרנישט אויפטאָן; ס'איז שוין בעסער זיין פֿאַר־שקלאַפט צום מענטשן — דאָ קען מען קעמפֿן; דער טאַבאַק־אַרבעטער, וועלכער פֿלעגט יעדן זונטיק זיין טויט־שכּור און אָנגעזאַפּט מיטן ריח פֿון טאַבאַק, און בעת די פֿלעגסט זיך איינבויגן צו זיין העפֿט פֿלעגט זיך דער קאָפּ פֿאַרדרייען, האָט מיט קאָטשערגעס, פֿאַרפֿעלנדיק די וואָקאַלן, געשריבן — אַז מען האָט אויף דער גאַס געפֿונען אַ דריי־יעריק מיידעלע, און זי לעבט אין זייער אַרטעל, אַז מען דאַרף זי אָפּגעבן דער פּאָ־ליציי, אָבער ס'איז אַ שאָד; ס'איז געקומען דער איינפּוסיקער זעלנער און דערציילט, אַז מיכאַילאַ, וועלכער האָט זיך פֿאַריקן יאָר געלערנט שרייבן האָט זיך אָנגעריסן ביי דער אַרבעט, געשטאָרבן, און שטאַרבנדיק האָט ער אייך דערמאָנט, אייך געהייסן גריסן און געוווּנטשן לאַנגע יאָרן; אַ טעקסטיל־אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען שטאָל און אייזן פֿאַרן צאַר און די פּאָפּן, האָט געוואָרנט „מען זאָל זיך אָפּהיטן פֿאַר דעמדאָזיקן שוואַרצן, ווייל ער שלעפּט זיך כּסדר אויף גראָכאָוואַיאַ"; אַן עלטערער אַרבעטער האָט געטענהט, אַז ער טאָר נישט אויפֿ־הערן צו זיין אַ צערקווע־סטאַראָסטע, „ווייל די פּאָפּן באַ־שווינדלען דאָס פֿאָלק און מען דאַרף עס אַרויסברענגען אויף דער ליכט, פֿון דער צערקווע האַלט ער נישט און אין ענין אַנטוויקלונג האָט ער אַ גרויסע השגה", א. אַז. וו. די אַרבעטער וועלכע זענען אָנגעקומען אין דער אָרגאַניזאַציע, פֿלעגן קומען אין שולע, כּדי צוצוקוקן זיך צום פֿאָלק און אָנצייכענען, וועמען מען זאָל אַריינציען אין די קרייזן, אַריינשלעפּן אין דער

אָרגאַניזאַציע. נישט אַלע לערערקעס האָבן ביי זיי געהאַט איין פּנים, זיי האָבן שוין דערקענט אויף וויפל איינע איז צוגעגרייט. אויב זיי פלעגן דערקענען, אַז די לערערקע איז אַן „אייגענע“, פלעגן זיי וועגן זיך געבן צו וויסן מיט עפּעס אַ פראַזע, למשל, ביים באַטראַכטן די האַנטווערקער־פראַגע, פלעגן זיי זאָגן: „דער האַנטווערקער קען נישט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון דער גרויס-פּראָדוקציע“; אָדער אַזוי פרעגן: „וואָסער אונטערשייד איז צווישן דעם פּעטערבורגער אַרבעטער און דעם אַרכאַנגעלסקער פּויער?“ און נאָכדעם קוקט מען אויף דער לערערקע מיט אַ באַזונדערן בליק און מען פאַרנייגט זיך איר אויף אַ ספּעציעלן אופן, וואָס דאַרף באַדייטן: „אַן אונזעריקע, מיר ווייסן“.

וואָס עס פלעגט זיך טרעפן אויפן טראַקט, האָט מען באַלד דערציילט; מען האָט געוווּסט, אַז די לערערקעס וועלן אַלץ איבערגעבן אין דער אָרגאַניזאַציע.

גלייך ס׳וואָלט עקזיסטירט אַ מין שווייגעוודיקער אָפּמאַך.

ריידן אין שולע האָט מען, אייגנטלעך, געקענט וועגן אַלץ, נישט געקוקט דערויף, וואָס זעלטן ווו אין אַ שולע זאָל זיך נישט געפינען קיין שפּיק; מען האָט נאָר געדאַרפט נישט דערמאָנען די שרעקלעכע ווערטער „צאַר“, „סטאָטשקע“, וכדומה און איר האָט געמעגט באַרירן אַלע פראַגן. אָבער אָפּיציעל האָט מען וועגן קיין זאַך נישט געטאָרט ריידן. איינמאָל האָט מען צוגעמאַכט די אַזוי-גערופענע איבערחזרונגס גרופּע דערפאַר, ווייל דאָרט,—ווי ס׳האָט פעסטגעשטעלט דער פלוצלונגאָנגעקומענער אינספּעקטאָר,—האָט מען געלערנט ברוכצאָלן, בעת לויטן פראָגראַם איז נאָר געווען דערלויבט די פיר אַריטמעטישע כללים.

איך האָב אין יענער צייט געוווינט אויף אַלט-נעוווסקע, אין אַ הויז מיט אַ דורכגייענדיקן הויף און וולאַדימיר איליטש, צוריקקערנדיק זיך זונטיק פונם קרייז, פלעגט זיך אַרייןכאַפּן צו מיר. ס׳פלעגן אַוועק אומענדלעכע שמועסן. איך בין דעמאָלט געווען פאַרליבט אין דער שולע און איך האָב געקענט

זיך באַגיין אָן עסן, אַבי מען זאָל מיר געבן די מעגלעכ־ קייט צו ריידן וועגן דער שולע, וועגן די תלמידים, וועגן סע־ מיאַניקאָווער, טאָרנטאָנער, מאַקסוועלער און אַנדערע פאַבריקן פון בעזוסקער טראַקט. וולאַדימיר איליטש האָט זיך אינטערע־ סירט מיט יעדער קלייניקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דאָס לעבן פון די אַרבעטער, לויט איינצלנע פּרטים האָט ער זיך באַמיט אויפצופאַסן דאָס אַלגעמיינע לעבן פונם אַרבעטער, גע־ פינען דאָס, אָן וואָס מען זאָל זיך קענען אָנכאַפּן, כּדי בעסער קענען צוגיין צום אַרבעטער מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. אַ לאַנגע צייט האָט אין די קרייזן „אַרומגעשפּאַצירט“ אַן אי־ בערגעזעצטער כּתב־יד פון ענגעלסעס בוך: „פאַמיליע, אייגנ־ טום און מלוכה“. וולאַדימיר איליטש האָט געלייענט מיט די אַרבעטער מאַרקס „קאַפּיטאַל“, נאָכדעם האָט ער זיך דורכגע־ שמועסט מיט די אַרבעטער וועגן זייער אַרבעט, וועגן די באַ־ דינגונגען אין וועלכע זיי אַרבעטן, זיי אויפגעקלערט די פאַר־ בינדונג פון זייער לעבן מיט דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, אָנווייזנדיק זיי דעם וועג – וויאַזוי איבערצואַרבעטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. די צופּאַסונג פון דער טעאָריע צו דער פּראַקטיק, – דאָס איז געווען לענינס הויפּט-אַרבעט אין די קרייזן. ביסלעכווייז האָבן אַלע אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער קרייז אים נאָכגעטאָן. ווען ס׳האָט זיך אין נעכסטן יאָר באַוויזן די ווילנער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע“, איז דער באָדן צו פירן אַ בלעטלעך־אַגיטאַציע געווען אַזוי צוגעגרייט, אַז מען האָט געדאַרפט בלויז צוטרעטן צו דער אַרבעט. דער מעטאָד פון אַגיטאַציע אויפן געביט פון די טאָג־טעגלעכע גע־ ברויכן פונם אַרבעטער אין אונדזער פּאַרטיי־אַרבעט, האָט גע־ לאָזן טיפע וואָרצלען. וועגן די נוצן פון דעמדאָזיקן מעטאָד האָב איך פאַרשטאַנען ערשט שפּעטער, ווען איך האָב אַלס עמיגראַנטקע געלעבט אין פראַנקרייך און זיך צוגעקוקט, ווי בעת אַ גרויסן שטרייק פון די פּאָסט־אָנגעשטעלטע אין פּאַריז, איז די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך נישט אַריינגעמישט אינם שטרייק. דאָס איז

אַזוי־צו־זאָגן אַן אַרבעט פאַר פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען! זיי האָבן געהאַלטן, אַז די אַרבעט פון דער פאַרטיי — איז בלויז פאָליטישער קאַמף. די נויטווענדיקייט צונויפצובינדן דעם עקאָנאָמישן און פאָליטישן קאַמף איז פאַר זיי געווען לגמרי פרעמד.

אַ סך חברים, וואָס האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין פעטערבורג און געזען די ווירקונג פון די בלעטלעך־אַגיטאַציע האָבן, אַריינציענדיק זיך אין דערדאָזיקער פאָרם פון אַרבעט, פאַרגעסן, אַז דאָס איז בלויז איינע פון די פאָרמען, אָבער נישט די איינציקע פאָרם פון אַרבעט צווישן די מאַסן און זענען אַוועק אויפן וועג פונם באַרימטן „עקאָנאָמיזם”.

וולאַדימיר איליטש האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן וועגן די אַנדערע פאָרמען פון אַרבעט. אין 1895 שרייבט ער אָן אַ בראָשור „דערקלערונג פונם געזעץ וועגן שטראָפן, וואָס ווערן גענומען פון אַרבעטער אויף די פאַבריקן”. אין דערדאָזיקער בראָשור האָט וולאַדימיר איליטש געגעבן אַ גלענצנדיקן מוסטער דערפון, וויאַזוי מען האָט געדאַרפט צוגיין צום מיטעלן אַרבעטער פון יענער צייט און, נעמענדיק אין באַטראַכט זיינע נויטבאַדערפעניש, טריט ביי טריט צופירן אים צו דער פראַגע וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ פאָליטישן קאַמף. ביי אַ סך אינטעליגענטן איז די בראָשור אויסגעקומען אומעטיק, צעצויגן, אָבער די אַרבעטער האָבן זי געלייענט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. זיי האָבן זי פאַרשטאַנען און זי איז זיי געווען זייער נאָענט (די בראָשור איז געווען געדרוקט אין אַ דרוק פון די נאַראָדאָוואָלצעס און איז געוואָרן פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער). אין יענער צייט האָט וולאַדימיר איליטש אויפמערקזאַם שטודירט די פאַבריק־געזעצן, האַלטנדיק, אַז נאָכדעם ווי מען האָט זיך אויפגעקלערט דידאָזיקע געזעצן, איז לייכט געבן צו פאַרשטיין דעם אַרבעטער די שייכות פון זייער לאַגע צום מלוכה־אַפּאַראַט. די שפּורן פונם דאָזיקן שטודיום זעט מען אין אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען און בראָשורן „נייער פאַבריק־געזעץ”, אין די אַרטיקלען „וועגן שטרייקן”, „וועגן אינדוסטריעלע געזעצן” און אַ סך אַנדערע.

די וואַנדערונגען איבער די אַרבעטער־קרייזן זענען גלאַט נישט דורכגעגאַנגען: ס׳האָבן זיך אָנגעהייבן שטאַרקע נאָכשפּי-רונגען. פון אונדזער גאַנצער גרופּע איז וולאַדימיר איליטש געווען דער גרעסטער ספּעציאַליסט אין ענין קאָנספּיראַציע: ער האָט געקענט אַלע דורכגאַנגס-הויפן, ער האָט געקענט זעלטן גוט אָנפּייפן די שפּיאָנען, אונדז געלערנט, וויאַזוי אויף אַ כע-מישן אופן צו שרייבן אין ביכער, וויאַזוי צו שרייבן מיט פּונקטן, שרייבן מיט סימנים, אויסגעטראַכט פאַרשידענע צונע-מען. בכלל, האָט מען געזען, אַז ער איז אַדורך אַ גוטע שולע פון די נאַראָדאָוואָלצעס. נישט אומזיסט האָט ער מיט גרויס רעספּעקט גערעדט וועגן דעם אַלטן נאַראָדאָוואָלעץ מיכאַילאָוו, וועלכער האָט באַקומען פאַר זיין קאָנספּיראַטיווע אויסגעהאַלטנ-קייט דעם צונאָמען „שומר". די נאָכשפּירונג האָט זיך פאַר-שטאַרקט, און וולאַדימיר איליטש איז אָנגעשטאַנען, מען זאָל באַשטימען אַ „יורש", נאָך וועמען ס׳גייען נישט נאָך קיין געהיים-אַגענטן און וועמען מ׳זאָל קענען איבערגעבן אַלע פאַר-בינדונגען. היות איך בין געווען דער „ריינסטער" מענטש, האָט מען באַשלאָסן מיך צו מאַכן פאַר דער „יורשטע". דעם ערשטן טאָג פּסח זענען מיר פינף־זעקס מענטשן אַוועקגעפאָרן „פייערן דעם פּסח" קיין צאַרסקאָע־סעלאָ, צו איינעם פון אונדזער גרופּע, סילווין, וועלכער האָט דאָרט געלעבט פון אַ לעקציע. אין צוג זענען מיר געפאָרן ווי אומבאַקאַנטע. כמעט אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך געהקרנט, וויאַזוי צו פאַרהיטן די פאַרבינ-דונג. וולאַדימיר איליטש האָט אונדז געלערנט שיפרירן. כמעט אַ גאַנץ בוך האָבן מיר דורכגעשיפרירט. ליידער, האָב איך נאָכדעם נישט געקענט פאַנאַנדערקלייבן אין אונדזער ערשטן קאָלעקטיוון שיפער. איין טרייסט בלויז: בעת ס׳איז אויסגעקו-מען צו דעשיפרירן זענען ס׳רוב פון די „פאַרבינדונגען" שוין געהאַט דורכגעפאַלן.

וולאַדימיר איליטש האָט זאָרגזאַם צונויפגעקליבן דידאָזיקע „פאַרבינדונגען", אויפזוכנדיק אומעטום מענטשן, וועלכע זאָלן אַזוי אָדער אַנדערש טויגן צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. איך

געדענק, אַז איינמאָל איז לויט דער איניציאַטיוו פון וולאַדימיר איליטש פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון אונדזער גרופּע (וולאַדימיר איליטש און דאַכט זיך אויך קושישאַנאָווסקי) מיט אַ גרופּע לערערקעס פון דער זונטיקדיקער שולע. זיי זענען כמעט אַלע נאָכדעם געוואָרן סאָציאַל־דעמאָקראַטקעס. צווישן זיי איז געווען לידיאַ מיכאַילאָוונאַ קניפּאָוויטש, אַן אַלטע נאַראָדאָוואָלקע, וועלכע איז אין אַ צייט אַרום אַריבערגעגאַנגען צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די אַלטע פּאַרטיי־חברים געדענקען זי נאָך. אַ מענטש מיט אַן אומגעהויערער רעוואָלוציאָנערער אויסגעהאַלטנקייט, שטרענג צו זיך און צו אַנדערע, האָט זיך גוט געקענט אויף מענטשן, אַ זעלטענער חבר, האָט געזאָרגט און געליבט די מענטשן מיט וועלכע זי האָט געאַרבעט. לידיאַ האָט תיכף אָפּגעשאַצט אין וולאַדימיר איליטשן זיין רעוואָלוציאָנערן פאַרנעם. זי האָט איבערגענומען אויף זיך די פאַרבינדונג מיט דער דרוקעריי פון די נאַראָדאָוואָלצעס: האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען, האָט איבערגעגעבן די מאַנוסקריפּטן, באַקומען פון דאָרט אָפּגעדרוקטע בראָשורן, פאַנאַנדערגעפירט פּעק בראָשורן צו אירע באַקאַנטע, האָט אָרגאַניזירט די פאַנאַנדערטיילונג פון ליטעראַטור צווישן די אַרבעטער. ווען מען האָט זי אַרעסטירט — לויט די אָנווייזונגען פון אַ פאַררעטער, אַ זעצער פון אַ דרוקעריי — האָט מען גלייכצייטיק ביי לידיעס באַקאַנטע פאַרכאַפּט צוועלף קערב מיט אומלעגאַלע בראָשורן. די נאַראָדאָוואָלצעס האָבן דעמאָלט געדרוקט בערגער בראָשורן פאַר די אַרבעטער: „דער אַרבעטס-טאָג”, „מיט וואָס איינער לעבט”, וולאַדימיר איליטשעס אַ בראָשור „וועגן שטראָפן”, „מלך־הונגער” און אַנדערע. צוויי פון די נאַראָדאָוואָלצעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער לאַכטינער דרוקעריי, שאַפּאָוואַלאָוו און קאַטאַנסקאַיאַ, זענען איצט אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. לידיאַ מיכאַילאָוונאַ לעבט שוין נישט. זי איז געשטאָרבן אין 1920 אין קרים, וווּ זי האָט געוווינט די לעצטע יאָרן, און איז געווען אין די הענט פון די ווייסע. שטאַרבנדיק, האָט זי זיך געריסן צו אירע, צו די

קאָמוניסטן און איז געשטאָרבן מיטן נאָמען פון איר פּאַרטיי אויף די ליפּן. פון לערערקעס זענען נאָך דוכט זיך געווען פּ. פּ. קוצעלי, א. י. מעשטשעריאַקאָוו (ביידע איצט מיטגלידער פון דער פּאַרטיי) און אַנדערע. הינטער די נעווער ראָגאַטקעס האָט אויך געגעבן לעקציעס אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָווגאַ קאַלמי-קאָווא, אַ גלענצנדע לעקטאָרקע (איך געדענק אירע לעקציעס וועגן מלוכה-בודזשעט), וועלכע האָט צו יענער צייט געהאַט אַ בוכהאַנדלונג אויף ליטיינע. מיט אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונען האָט זיך דעמאָלט זייער נאָענט באַקענט וולאַדימיר איליטש. סטרוווע איז געווען איר תלמיד; ביי איר פלעגט תמיד זיין פּאָטרעסאָוו, סטרוווס אַ חבר פון גימנאַזיע. שפּעטער האָט אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ אַרויסגעגעבן אויף איר חשבון די אַלטע „איסקראַ", ביזן סאַמען II-טן צוזאַמענפאָר. זי איז נישט באָכגעגאַנגען סטרוווען, בעת ער איז אַריבער צו די ליבעראַלן, און האָט זיך פעסט אָנגעקניפּט מיט דער „איסקראַ-אָרגאַניזאַציע". מען האָט זי געגעבן אַ צונאָמען „מומע". זי האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו וולאַדימיר איליטשן. איצט איז זי טויט, ליגנ-דיק פּאַרדעם צוויי יאָר צו בעט אין אַ סאַנאַטאָריום, אין קינדער-דאָרף. אָבער צו איר פלעגן צייטנווייז קומען קינדער פון די שכנותדיקע קינדער-היימען. זי פלעגט זיי דערציילן וועגן וולאַדימיר איליטשן. זי האָט צו מיר געשריבן, פרילינג 1924, אַז מען דאַרף אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער בוך וולאַדימיר איליטשעס אַרטיקלען פון 17-טן יאָר, פול מיט ברענענדיקער ליידנשאַפט, מיט זיינע הייסע רופן, וועלכע האָבן דעמאָלט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף די מאַסן. אין 1922 האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעשריבן אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַן עטלעכע וואַרעמע גרוסן, וועלכע נאָר ער אַליין האָט געקענט שרייבן. אַלעקסאַנ-דראַ מיכאַילאָוונאַ איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער גרופּע „אַרבעט-באַפרייאונג". אין אַ געוויסער צייט, דאַכט זיך אין 1899, ווען זאַסוליטש איז געקומען צופאָרן קיין רוסלאַנד, האָט אַלעקסאנדרא מיכאַילאָוונאַ זי איינגעאָרדנט אומלעגאַל און כּסדר זיך מיט איר געזען. אונטערן איינפלוס פון דער וואַקסנדיקער

אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהייבן און אונטערן איינפלוס פון אַרטיקלען און ביכער פון דער גרופּע „אַרבעט־באַפרייאונג", אונטערן איינפלוס פון די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז לינקער געוואָרן פּאָטרעסאָוו, איז צייטווייליק לינקער געוואָרן סטרווע. נאָך אַ גאַנצער רייע פון פאַרלויפיקע פאַרזאַמלונגען האָט זיך אָנגעהייבן צו פילן דער באַדן פאַר געמיינזאַמער אַרבעט. מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן צוזאַמען אַ זאַמלבוך „מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג". פון אונדזער גרופּע זענען אַריין אין רעדאַקציע: וולאַדימיר איליטש, סטאַרקאָוו און סטעפּאַן איוו. ראַדטשענקאָ, פון זיי — סטרווע, פּאָטרעסאָוו און קלאַסאָן. דער גורל פונם זאַמלבוך איז באַקאַנט. ער איז פאַרברענט געוואָרן דורך דער צאַרישער צענזור. פרילינג 1895, פאַרן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט וולאַדימיר איליטש נישט אויפגעהערט צו גיין אויף דער אָזערני געסל, ווו פּאָטרעסאָוו האָט דעמאָלט געוווינט, איילנדיק זיך צו פאַרענדיקן די אַרבעט.

זומער 1895 האָט וולאַדימיר איליטש פאַרבראַכט אין אויסלאַנד. אַ צייט האָט ער געוווינט אין בערלין, ווו ער פלעגט גיין אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אַ צייט אין דער שווייץ, ווו ער האָט צום ערשטן מאָל געזען פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן, זאַסוליטשן. ער איז געקומען פול מיט איינדרוקן, פאַרכאַפּנדיק פון אויסלאַנד אַ טשעמאָדאַן מיט אַ דאָפּלטן דעק, ווו ס'איז געווען אָנגעשטאָפּט אומלעגאַלע ליטעראַטור.

מען האָט תיכּף אָנגעהייבן וולאַדימיר איליטשן נאָכצושפּירן: מען האָט אים נאָכגעשפּירט, מען האָט נאָכגעשפּירט זיינע טשעמאָדאַנען. מיינס אַ שוועסטערקינד האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַדרעס־טיש. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך וולאַדימיר איליטשעס אָנקומען, האָט זי מיר דערציילט, אַז ביינאַכט, בעת זי איז געווען אויף אַ שמירה, איז געקומען אַ געהיים־אַגענט, איבערגעקליבן די בויגנס (די אַדרעסן אין אַדרעס־טיש זענען לויטן אַלף־בית געווען אָנגעצויגן אויף בויגנס) און זיך באַרימט:

„מען האָט אויסגעשפּירט אַ וויכטיקן מלוכה-פאַרברעכער אוליאַנאָוון, — זיינעם אַ ברודער האָט מען אויפגעהאָנגען — ער איז געקומען פון אויסלאַנד, איצט וועט ער זיך פון אונדזער נישט אַרויסדרייען". וויסנדיק, אַז איך קען וולאַדימיר איליטשן, האָט מיין שוועסטערקינד שנעל דערפון מיר דערציילט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, תּיכּף געוואָרנט וולאַדימיר איליטשן. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ דאָפּלטע פאָרזיכטיקייט. דאָך איז אונדזער אַרבעט נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. די אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט. מען האָט איינגעפירט אַן אַרבעט־פאַרטיילונג, טיילנדיק די אַרבעט אויף ראַיאָנען. מען האָט אָנגעהייבן צוזאַמענצושטעלן און אַרויסלאָזן, בלעטלעך. איך געדענק, אַז וולאַדימיר איליטש האָט צוזאַמענגעשטעלט דאָס ערשטע בלעטל פאַר די אַרבעטער פון סעמיאַניקאָווס פאַבריק*). דעמאָלט האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין שום טעכניק. דאָס בלעטל איז פון דער האַנט געוואָרן איבערגעשריבן מיט געדרוקטע אותיות און באַבושקין האָט זיי פאַרשפּרייט. פון פיר עקזאַמפּליאַרן האָבן צוויי צוגענומען די וועכטער און צוויי זענען אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מען האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די בלעטלעך אויך אין אַנדערע ראַיאָנען. למשל, אויף וואַסיליעווסקי אָסטראָוו האָט מען צוזאַמענגעשעלט אַ בלעטל צו די אַרבעטערינס פון לאַפערמס טאַבאַק־פאַבריק. א. אַ. יאַקובאָוואַ און ז. פ. נעווזאָראָוואַ (קזשיזשאַנאָווסקאַיאַ) האָבן אָנגעווענדעט אַזאַ פאַרשפּרייטונגס־מיטל: איינדרייענדיק די בלעטלעך אַזוי, מען זאָל זיי קענען נעמען איינציקווייז און, איינאָרדענענדיק זיי אויף אַ געהעריקן אופן אונטער די פאַרטוכער, זענען זיי, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דעם פייף פון דער פאַבריק, אַוועק מיט שנעלע טריט אַנטקעגן די אַרבעטאָרערינס, וועלכע האָבן מחנותווייז אַרויסגעשיט פונם פאַבריק-טויער און כמעט פאַרבייגייענדיק

---

*) דאָס בלעטל צו די ארבעטער פון סעמיאַניקאָווס פאבריק באציט זיך צום אָנהייב 1895. דאָס בלעטל איז נישט אויפגעזוכט געוואָרן. (זע לענינס ווערק באַנד I, זייט 462). רעד.

האָבן זיי די צעטומלטע אַרבעטערינס אַריינגערוקט די בלעטלעך אין די הענט. דאָס בלעטל האָט געהאַט אַ דערפאָלג. די בלעטלעך, די בראָשורן האָבן געהאַט אַ פּעולה אויף די אַרבעטער. מען האָט באַשלאָסן אויך אַרויסצוגעבן — גוט וואָס ס'איז געווען אַן אומלעגאַלע דרוקעריי — אַ פּאָפּולערן זשורנאַל „די אַרבעטער זאַך". וולאַדימיר איליטש האָט זאָרגזאַם צוגעגרייט פאַר אים מאַטעריאַלן. יעדע שורה איז אַדורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט. איך געדענק אַ פאַרזאַמלונג ביי מיר אין שטוב, ווען זאַפּאָראָזשעץ האָט מיט גרויס באַגייסטערונג דערציילט וועגן דעם מאַטעריאַל, וואָס ס'איז אים געלונגען אויפצוזאַמלען אויף דער שוסטער־פאַבריק הינטער, דער מאָסקווער ראָגאַטקע. „פאַר אַלץ צאָל שטראָף, –האָט ער דערציילט, — זעצסט אַרויף דעם אָפּצאַס אָן אַ זייט — צאָל שטראָף". וולאַדימיר איליטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט: „נו, אויב ער האָט אַרויפגעזעצט דער אָפּצאַס אָן אַ זייט, זענען זיי דאָך באַלד גערעכט". דאָס מאַטעריאַל האָט אויפגעזאַמלט און זאָרגזאַם איבערגעקוקט וולאַדימיר איליטש. איך געדענק, למשל, ווי מען האָט געזאַמלט שטאָף אויף טאָרנטאָנס פאַבריק. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, איך זאָל צו זיך אַרויספאָדערן מיינעם אַ תלמיד, דעם בראַקער פון טאָרנטאָנס פאַבריק, קראָליקאָוון, וועלכן מען האָט שוין פריער אַרויסגעשיקט פון פעטערבורג און, לויט וולאַדימיר איליטשעס אויסגעאַרבעטן פּלאַן, זאָל איך ביי אים אַרויסבאַקומען אַלע ידיעות. קראָליקאָוו איז געקומען אויסגעפּוצט, קענטיק, אין אַ געליגענעם, פיינעם פוטער, געבראַכט אַ גאַנצן העפט ידיעות, צו וועלכע ער האָט נאָך אַסך זאַכן צוגעגעבן אויף אויסנווייניק. די ידיעות האָבן געהאַט אַ גרויסן ווערט. וולאַדימיר איליטש האָט זיך צו זיי צוגעכאַפּט. נאָכדעם, אַרומגעבונדן מיט טיכלעך, מעשה אַרבעטערינס, פלעג איך מיט אַפּאָלינאַריע אַלעקסאַנדראָוונאַ יאַקובאָוואַ צוזאַמען גיין אויף דער אַלגעמיינער אַרבעטער־וווינונג פון טאָרטאָנס פאַבריק, אין דער אָפּטיילונג פאַר פאַרהייראַטע און פון נישט־פאַרהייראַטע. די באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעכע. בלויז אויפן יסוד פון אַזאַ מין אויפגעזאַמלטן

מאַטעריאַל האָט װלאַדימיר איליטש געשריבן זײנע קאָרעספּאָנ־דענצן אין די בלעטלעך. טוט אַ קוק זײן בלעטל צו די אַר־בעטער אין אַרבעטערינס פון טאָרנטאָנס פאַבריק*). מען זעט דאָרט אַ זעלטענע פאַרשטענדעניש צו דער זאַך. און ס׳אַראַ זעלטענע שול דאָס איז גלײכצײטיק געװען פאַר זײנע חברים, װאָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט! דעמאָלט האָט מען זיך געלערנט „אויפמערקזאַמקײט צו די קלענסטע פּרטים״. און װי טיף ס׳האָבן זיך אַרײנגעשניטן אין באַװוסטזײן דידאַזיקע קלײ־ניקײטן!

אונדזער „אַרבעטער־זאַך״ האָט נישט אָנגעזען די שײן. דעם 8־טן דעצעמבער איז בײ מיר אין שטוב פאָרגעקומען אַ זיצונג, װו מען האָט דורכגעלײענט אַ פאַרטיקן נומער, גרײט צום דרוק. ער איז געװען אין צװײ עקזעמפּליאַרן. אײן עקזעמפּליאַר האָט גענומען װאַניעװ, כּדי אָנטגילטיק איבערצוקוקן, דער צװײטער איז געבליבן בײ מיר. אויפצומאָרגנס בין איך אַװעק צו װאַנעװן נאָכן אויסגעבעסערטן עקזעמפּלאַר, אָבער די דינסט האָט מיר געמאָלדן, אַז ער האָט זיך נעכטן אַרויסגע־צויגן. פריער האָב איך אָפּגערעדט מיט װלאַדימיר איליטשן, אַז אין פאַל פון ספק זאָל איך צוערשט זיך נאָכפרעגן בײ זײנעם אַ באַקאַנטן, װאָס האָט צוזאַמען מיט מיר געדינט אין דער הויפּט־פאַרװאַלטונג פון די אײזנבאַנען, בײ אַ געװיסן טשעבאָטאַרעװ. װלאַדימיר איליטש האָט דאָרט געגעסן מיטאָג און געװען דאָרט יעדן טאָג. טשעבאָטאַרעװ איז אויף דער דינסט נישט געװען. איך בין אַװעק צו אים אַהײם. װלאַדימיר איליטש איז נישט געקומען אויף מיטאָג — אַ סימן, אַז ער איז אַרעסטירט. אָװנטצײט איז מען דערגאַנגען, אַז מען האָט אַרעסטירט זײער פיל פון אונדזער גרופּע. דעם עקזעמפּליאַר „אַרבעטער־זאַך״, װאָס האָט זיך געפונען בײ מיר, האָב איך אַװעקגעטראָגן צו פאַרבאַהאַלטן בײ נינאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ גערד — מײנע אַ חברטע פון גימנאַזיע, סטרוװעס צוקונפטיקע

*) געז. װערק, באַנד I, זײט 449—452. רעד.

ווייב. כּדי נישט צו פאַרשיטן נאָכמער די אַרעסטירטע, האָט מען באַשלאָסן פאַרלויפיק „די אַרבעטער-זאַך" נישט צו דרוקן.

דערדאָזיקער פּעטערבורגער פּעריאָד פון װלאַדימיר אי־ליטשעס אַרבעט, איז געװען זייער אַ װיכטיקער פּעריאָד, אָבער בעצם אַן אומבאַמערקבאַרע אַרבעט. ער אַליין האָט די אַרבעט אַזוי כאַראַקטעריזירט. זי האָט נישט געהאַט קיין אויסערלעכן עפעקט. ס'האָט זיך געהאַנדלט נישט אין קיין העלדישע טאַטן, נאָר דערין װי איינצושטעלן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער מאַסע, זיך דערנענטערן צו איר, זיך אויסלערנען צו זיין דער אויסדריקער פון אירע בעסטע שטרעבונגען, זיך אויסלערנען שטיין נאָענט צו איר, זיין פאַרשטענדלעך פאַר איר און פירן זי נאָך זיך. גראָד אין יענעם פּעריאָד פון דער פּעטערבורגער אַרבעט האָט זיך פון װלאַדימיר איליטשן אויסגעשמידט דער אָנפירער פון די אַרבעטער-מאַסן.

װען איך בין, צום ערשטן מאָל נאָכן אַרעסט פון אונ־דזער חברה, אַריינגעקומען אין שולע, האָט באַבושקין מיך אָפּ־גערופן אין אַ װינקל אונטער די שטיגן און דאָרט מיר אי־בערגעגעבן אַ בלעטל, אָנגעשריבן דורך די אַרבעטער בנוגע דעם אַרעסט. דאָס בלעטל האָט געטראָגן אַ ריין פּאָליטישן כאַראַקטער. באַבושקין האָט געבעטן דאָס בלעטל איבערגעבן, אין דער טעכנישער אָפּטיילונג און צושטעלן זי אויף צו פאַר־שפּרייטן, ביז יענער צייט האָב איך קיינמאָל מיט אים נישט געהאַט קיין דירעקטן שמועס װעגן דעם, אַז איך בין פאַר־בונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב דאָס בלעטל איבער־געגעבן אונדזערע מענטשן. איך געדענק די פאַרזאַמלונג, װעלכע איז פאָרגעקומען אין דער װוינונג פון סט. איװ. ראַדטשענקאָ. ס'האָבן זיך אויפגעקליבן די רעשטלעך פון דער גרופּע. איבער־לייענענדיק דאָס בלעטל, האָט ליאַכאָװסקי אויסגעשריגן: „קען מען דען דרוקן דאָסדאָזיקע בלעטל — דאָס איז דאָך געשריבן אויף אַ ריין פּאָליטישער טעמע". דאָך, אַזויװי דאָס בלעטל איז געװען בלי ספק געשריבן פון די אַרבעטער, לויט זייער אייגענער איניציאַטיװ און אַזויװי די אַרבעטער האָבן געבעטן,

מען זאָל עס אומבאַדינגט דרוקן, האָט מען באַשלאָסן עס אָפּ־צודרוקן. אַזוי האָט מען געטאָן.

מיט וולאַדימיר איליטשן האָט מען זיך גאַנץ שנעל פאַר־בונדן. אין יענע צייטן האָט מען די אַרעסטירטע אין דער „פּרעדוואַרילקע" געקענט געבן ביכער וויפל מען האָט געוואָלט. מען האָט זיי זייער איבערפלעכלעך באַטראַכט, אַזוי, אַז מען האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט באַמערקן די קליינינקע פּינ־טעלעך אינמיטן די אותיות, אָדער די קוים־באַמערקבאַרע ענ־דערונג פונם פּאַפּיר־קאָליר אין בוך, ווו מען האָט געשריבן מיט מילך. די טעכניק פון דער קאָנספּיראַטיווער שרייבעריי האָט זיך ביי אונדז שנעל פאַרפּאָלקאָמט. כאַראַקטעריסטיש איז געווען וולאַדימיר איליטשעס זאָרגזאַמקייט אין באַצוג צו זיינע אַרעסטירטע חברים. אין יעדן בריוו אויף דער פריי, איז תמיד געווען אַ גאַנצע רייע בקשות, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די אַרעסטירטע. צו דעם און דעם קומט קיינער נישט, מען דאַרף פאַר אים אָפּזוכן אַ „כלה"; דעם און דעם דאַרף מען איבערגעבן אויף אַ זעונג דורך זיינע קרובים, אַז ער זאָל זוכן אַ בריוו אין אַזאַ און אַזאַ בוך פון דער תּפיסה־ביב־ליאָטעק, אויף אַזאַ און אַזאַ זייט; דעם און דעם דאַרף מען צושיקן וואַרעמע שטיוול א. אַז. וו. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט אַ סך אַרעסטירטע חברים; פאַר וועמען דידאָזיקע קאָרעס־פּאָנדענץ האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג. וולאַדימיר אי־ליטשעס בריוו האָבן געאָטעמט מיט מוט, האָבן גערעדט וועגן אַרבעט. באַקומענדיק זיי, האָט מען פאַרגעסן, אַז מען זיצט אין תּפיסה און מען האָט זיך אַליין גענומען צו דער אַרבעט. איך געדענק דעם איינדרוק פון דידאָזיקע בריוו (אין אויגוסט 1896 בין איך אויך אַריין אין תּפיסה). די בריוו געשריבן מיט מילך זענען אָנגעקומען פון דער פריי, אינם טאָג פון איבער־געבן ביכער — שבת. פלעגסט אַ קוק טאָן אויף די אויפגע־רעדטע סימנים, און פלעגסט זיך אָנשלאָגן, אַז אין בוך געפינט זיך אַ בריוו. זעקס אַזייגער האָט מען דערלאַנגט געקאָכט וואַסער, און נאָכדעם האָט די אויפזעערין געפירט די אַרע־

סטירטע אין צערקווע. דעמאָלט פלעגסטו צעשניידן דעם בריוו אויף לאַנגע פּאַסן, פלעגסט פאַרקאָכן טיי און, בעת די אויפ־זעערין איז אַוועקגעגאַנגען, פלעגסטו אָנהייבן אַראָפּצולאָזן די פּאַסן אין הייסן טיי, און די ווערטער קריכן בולט אַרויס. (אין תּפיסה האָט מען נישט געקענט אַרויסבאַקומען די ווערטער דורך דער הילף פון אַ ליכט, האָט וולאַדימיר איליטש צוגעטראַכט דעם מיטל מיט הייסן טיי). און די בריוו פלעגן אָטעמען מיט אַזויפיל מוט, מען האָט זיי געלייענט מיט געוואַלדיקן אינטע־רעס. פונקט ווי וולאַדימיר איליטש איז אויף דער פריי גע־שטאַנען אין צענטער פון דער גאַנצער אַרבעט, אַזוי איז ער אין תּפיסה געווען דער צענטער פון די פאַרבינדונגען מיט דער פרייער וועלט.

חוצדעם האָט ער אַ סך געאַרבעט אין תּפיסה. דאָרט האָט ער צוגעגרייט „די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם". וולאַ־דימיר איליטש האָט דורך לעגאַלע בריוו באַשטעלט די נייטיקע מאַטעריאַלן, סטאַטיסטישע זאַמלביכער. „אַ שאָד וואָס מען האָט צו פרי אַרויסגעלאָזט, כ'האָב נאָך געדאַרפט אַביסל צוארבעטן אויפן בוך, אויף סיביר איז שווער צו באַקומען ביכער" — האָט געחוזקט וולאַדימיר איליטש, בעת מען האָט אים אַרויס־געלאָזט פון תּפיסה. נישט בלויז „די אַנטוויקלונג פונם קאַ־פּיטאַליזם" האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן אין תּפיסה, ער האָט אויך געשריבן בלעטלעך, אומלעגאַלע בראָשורן, האָט אָנ־געוואָרפן אַ פּראָיעקט פאַרן פּראָגראַם פון ערשטן צוזאַמענפאָר (ער איז ערשט פאָרגעקומען אין 1898, געגערעכנט אָבער האָט מען פריער), האָט זיך אַרויסגעזאָגט בנוגע געוויסע פראַגן, וועגן וועלכע ס'האָבן זיך געפירט וויכּוחים אין דער אָרגאַני־זאַציע. כּדי ער זאָל זיך נישט פאַרשיטן, בעת ער פלעגט שרייבן מיט מילך, האָט וולאַדימיר איליטש געמאַכט פון ברויט קליינע מילך־טינטערלעך, וועלכע ער פלעגט שנעל אַריינלאָזן אין מויל אַריין, ווי נאָר דאָס טירל פון דער צעלע האָט אַ סקריפּ געטאָן. „היינט האָב איך אויפגעגעסן זעקס טינטערס", — האָט מיט שפּאַס וולאַדימיר איליטש מוסיף געווען צום בריוו.

אָבער ווי וולאַדימיר איליטש האָט זיך נישט באַהערשט, ווי ער האָט זיך נישט געשטעלט אין די ראַמען פון אַ באַשטימטן רעזשים, פלעגט דאָך אויף אים אָנפאַלן אַ תפיסה־אומעט. אין איינעם פון זיינע בריוו האָט ער אַנטוויקלט אַזאַ מין פלאַן. ווען מען פלעגט זיי פירן אויף אַ שפּאַציר, האָט זיך פון איין קאָרידאָר־פענסטער אויף אַ רגע אַרויסגעזען אַ שטיקל טראָטואַר פון שפּאַלערנע. נו, האָט ער זיך דערטראַכט, אַז איך און אַפּאָלינאַריע אלעקסאַנדראָוונא יאקובאָוואַ, זאָלן אין אַ באַשטימטער צייט קומען און זיך שטעלן אויף דעם שטיקל טראָטואַר, וועט ער אונדז זען. אַפּאָלינאַריע האָט פונקט נישט געקענט גיין, און איך בין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געגאַנגען און אָפּגעשטאַנען אויף דעמדאָזיקן שטיקל. ס'איז אָבער פון דעם פלאַן גאָרנישט אַרויסגעקומען, איך געדענק נישט פאַרוואָס.

אינדערצייט וואָס וולאַדימיר איליטש איז געזעסן, האָט זיך די אַרבעט אויף דער פריי פאַנאַנדערגעוואָקסן. סטיכיש איז געוואָקסן די אַרבעטער־באַוועגונג. נאָכן אַרעסט פון מאַרטאָוון, ליאַכאָווסקין און אַנדערע, איז די גרופּע נאָכמער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אמת, אין דער גרופּע זענען אַריינגעטראָטן נייע חברים, אָבער דאָס איז געווען אַן עולם נישט אַזוי אידעיש פאַרהאַרטעוועט, און אויף לערנען זיך איז שוין נישט געווען קיין צייט. די באַוועגונג האָט געפאָדערט געוואַלדיקע כוחות, אַלץ איז געגאַנגען אויף אַגיטאַציע, וועגן פּראָפּאַגאַנדע איז נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן. די בלעטל־אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דער שטרייק פון 30 טויזנט פּעטערבורגער אַרבעטער, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1896, איז אַדורך אונטערן איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און האָט אַלעמען צעחושט. ס'האָט זיך געשאַפן אַ באָדן פאַר דער פאַנאַנדערבליונג פונם עקאָנאָמיזם. איך געדענק, ווי איינמאָל (דאַכט זיך אָנהייב אויגוסט) אויף אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד, אין פּאַוולאָווסק, האָט סילווין געלייענט אויפן קול אַ פּראָיעקט פון אַ בלעטל. אין איין אָרט איז דאָרט אַריינגעפאַלן אַ פראַזע, לויט וועלכער די אַרבעטער־באַוועגונג איז באַגרענעצט בלויז מיט עקאָנאָמישן

קאַמף. איבערלייענענדיק עס אויפן קול, איז סילווין שטיין גע־בליבן. „נו, נישקשהדיק פאַרקראָכן", — האָט ער געזאָגט לאַכנ־דיק. די פּראָזע איז געוואָרן אויסגעמעקט. זומער 1896 איז מיטן פולן טראַסק דורכגעפאַלן די לאַכטינער דרוקערײ. ס׳איז אונטערגעגאַנגען די מעגלעכקייט צו דרוקן בראָשורן, ס׳איז אויסגעקומען אויף לאַנג אָפּצולייגן די אַרבעט פון דרוקן.

בעתן שטרייק אין 1896, איז אין אונדזער גרופּע אַריינ־געטראָטן טאַכטאַרעווס גרופּע, באַוווסט אונטערן צונאָמען „מאָל־פעס", און טשערנישעווס גרופּע, באַוווסט אונטערן צונאָמען „העגער" *). אָבער כל־זמן די „דעקאַבריסטן" זענען געזעסן אין תפיסה און געהאַט פאַרבינדונג מיט דער פריי, איז די אַרבעט געגאַנגען ווי אויף פוטער. ווען וולאַדימיר איליטש איז אַרויס פון תפיסה **), בין איך נאָך געזעסן. נישט געקוקט אויפן נעפּל, אין וועלכן דער מענטש איז אײַנגעהילט נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה, האָט וולאַדימיר איליטש אויף אַ רײַע זיצונגען אָנגעשריבן בריוו וועגן לויפנדיקע ענינים. די מאַמע האָט דער־ציילט, אַז ס׳איז אים צוגעקומען אין תפיסה און אַז ער איז אפילו זייער פריילעך.

מיך האָט מען אַרויסגעלאָזט נישט לאַנג נאָך דער „וועט־ראָוו־געשיכטע" (די אַרעסטירטע וועטראָוואַ האָט זיך פאַרברענט אין פעסטונג) — דעמאָלט האָבן די זשאַנדאַרמען אַרויסגעלאָזט אַ גאַנצע רײַע אַרעסטירטע פרויען; מען האָט מיך אויך אַרויס־געלאָזט און איבערגעלאָזט אין פּעטערבורג ביזן סוף פונם פּראָ־צעס, צושטעלנדיק מיר עטלעכע שפּיאָנען, וועלכע זענען מיר נאָכגעגאַנגען טריט בײַ טריט. איך האָב געטראָפן די אָרגאַני־זאַציע אין זייער אַ טרויעריקן צושטאַנד. פון די פריערדיקע אַרבעטער איז בלויז פאַרבליבן סטעפאַן איוו. ראַדטשענקאָ און

---

*) דעם 12־טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ נייער דורכפאַל. ס׳זענען דורכ־געפאַלן כמעט אַלע „זקנים" און אַ סך פון די „העגער".

**) וולאַד. איל. איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון תפיסה דעם 26־טן פעברואַר 1897. — רעד.

זיין ווייב. ער אַליין האָט נישט געקענט פירן די אַרבעט אויף קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען, אָבער ער איז פּסדר פאַרבליבן אין צענטער און געהאַלטן די פאַרבינדונג. ער האָט געהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט סטרווען. סטרוווע האָט אינגיכן חתונה געהאַט מיט ג. א. גערד, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע. סטרוווע איז דעמאָלט געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטיזירנדיקער. ער איז כּלל נישט געווען פעיק צו דער אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע, בפרט אין אַן אומלעגאַלער. נאָר ס׳האָט אים געחנפעט דאָס, וואָס מען האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך עצות. ער האָט אפילו אָנגעשריבן אַ מאַניפעסט צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ס. ד. פּאַרטיי. ווינטער 1897—1898 בין איך זייער אָפט געווען ביי סטרוווען מיט שליחותן פון וולאַדימיר איליטשן — דעמאָלט האָט סטרוווע אַרויסגעגעבן „דאָס נייע וואָרט" — און חוצדעם בין איך געווען צונויפגעטראָגן מיט נינאַ אַלעקסאַנדראָוונען. איך האָב זיך צוגעקוקט צו סטרוווען. ער איז דעמאָלט געווען אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, אָבער מיך האָט געחידושט זיין גריבלען זיך איבער ביכער און כּמעט די פולע אָפּוועזנהייט פון אינטערעס צום „לעבעדיקן בוים פון לעבן", אַן אינטערעס, וואָס ביי וולאַדימיר איליטשן איז געווען זייער שטאַרק אַנטוויקלט. סטרוווע האָט פאַר מיר באַקומען אַן איבערזעצונג און ער האָט זיך גענומען זי רעדאַגירן. ווי ס׳ווייזט אויס, איז די דאָזיקע אַרבעט אים געווען צו לאַסט. ער האָט זיך שנעל פאַרמאַטערט (מיט וולאַדימיר איליטשן זענען מיר שוין לאַנג אָפּגעזעסן ביי אַזאַ מין אַרבעט. וולאַדימיר איליטש האָט גאַנץ אַנדערש געאַרבעט, איבערגעגבנדיק זיך אינגאַנצן דער אַרבעט, זאָל עס זיין אַן איבערזעצונג). אויף אָפּרו האָט סטרוווע געלייענט פּעטן. עמיצער האָט געשריבן אין זיינע דערינערונגען, אַז וולאַדימיר איליטש האָט ליב געהאַט פּעטן. נישט אמת. פּעט איז אַ כּפל־שמונהדיקער פּריץ, ביי וועלכן ס׳איז אפילו נישטאָ אין וואָס זיך אָנצוטשעפּען. אָבער סטרוווע האָט באמת ליב געהאַט פּעטן. צו וולאַדימיר איליטשן האָט זיך סטרוווע דעמאָלט, בלי־ספק, באַצויגן זייער גוט.

איך האָב אויך געקענט טוגאַן־באַראַנאָווסקין. איך האָב זיך געלערנט צוזאַמען מיט זיין ווייב, לידיאַ קאַרלאָוונאַ דאַ־ווידאָווא (אַ טאָכטער פון דער ארויסגעבערין פון „באָזשי־מיר") און אַ געוויסע צייט בין איך צו זיי אַריינגעקומען. לידיא קאַרלאָוונא איז געווען זייער גוט און קלוג, הגם זי האָט נישט געהאט קיין ווילן. זי איז געווען קליגער פון איר מאַן. אין זיינע שמועסן האָט זיך תמיד געפילט אַ פרעמדער מענטש. איינמאָל האָב איך זיך צו אים געווענדעט, ער זאָל זיך אונ־טערשרייבן אויף שטיצן אַ שטרייק (קאסטראָמער, דאכט זיך) איך האָב דעמאָלט פון אים באַקומען, כ'געדענק נישט וויפל רובל, נאָר איך האָב געמוזט אויסהאָרכן אַ שמועס אויף דער טעמע: „ס'איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מען דאַרף שטיצן אַ שטרייק — אַ שטרייק איז נישט קיין ממשותדיקער מיטל אין קאַמף מיט די אונטערנעמער". איך האָב צוגענומען דאָס געלט און אוועק.

איך האָב וולאַדימיר איליטשן אויף דער פארשיקונג אָנ־געשריבן וועגן אלץ, וואָס איך האָב געזען און געהערט. דאָך וועגן דער ארבעט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען קיין סך נישט געקענט שרייבן. צו דער צייט פון 1־טן צוזאַמענפאָר זענען דאָרט געווען בלויז פיר פארשוין: סט. איוו. ראַדטשענ־קאָ, זיין ווייב ליובאָוו ניקאָלאַעוונא, סאַמער און איך. דעלע־גירט פון אונדז איז געווען סטעפאַן איוואַנאָוויטש. אָבער קו־מענדיק צוריק פון צוזאַמענפאָר האָט ער אונדז כמעט גאָרנישט איבערגעגעבן, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, אַרויסגענומען פון אַ בוך־טאָוול דעם גוט־באַקאַנטן מאַניפעסט, אָנגעשריבן דורך סטרוווען און אָנגענומען דורכן צוזאַמענפאָר און האָט זיך פאַנאַנדערגעווײנט. כמעט אַלע אָנטיילנעמער אין צוזאַמענ־פאָר — עטלעכע מענטשן — האָט מען אַרעסטירט.

איך האָב באַקומען דריי יאָר אופימער גובערניע. איך האָב זיך איינגעבעטן, מען זאָל מיך איבערשיקן אין דאָרף שושענסקאָע, מינוסינער אויעזד, ווו ס'האָט געוווינט וולאַדימיר איליטש. דערצו האָב איך זיך געמוזט אָנגעבן פאַר זיינע אַ „כלה".

אויף פאַרשיקונג

(1898–1901)

אין מינוסינסק, וווהין איך בין געפאָרן אויף מיין אייגענעם חשבון, איז מיט מיר מיטגעפאָרן מיין מוטער. מיר זענען געקומען קיין קראַסנאָיאַרסק דעם 1־טן מאַי 1898, פונוואַנען ס׳איז אויסגעקומען צו פאָרן מיט אַ שיף וואַסער־אַרויף אויפן יעניסעי. אָבער די שיפן האָבן נאָך נישט קורסירט. אין קראַסנאָיאַרסק האָב איך זיך באַקענט מיטן נאַראָדאָפּראַוועץ טיוטשעוו און זיין ווייב, מענטשן מיט רגילות אין דידאָזיקע ענינים, און זיי האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ זעונג מיט אַ פאַרטיע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זענען דורכגעפאָרן דורך קראַסנאָיאַרסק. צווישן זיי זענען געווען די חברים לענגניק און סילווין, וועלכע האָבן געהאַט דעמזעלבן פּראָצעס וואָס איך. ברענגענדיק צופירן די פאַרשיקטע צו אַ פאָטאָגראַף, זענען זיך די זעלנער געזעסן אָן אַ זייט און געקייט ברויט מיט קאָלבאַסע, מיט וואָס מען האָט זיי מכבד געווען.

אין מינוסינסק בין איך אַריין צו אַרקאַדי טירקאָוון, אַ פאַרשיקטער, כדי אים איבערצוגעבן אַ גרוס פון זיינער אַ שוועסטער, מיינע אַ חברטע פון גימנאַזיע. איך בין געווען ביי פ. י. קאָנעון, וועלכער איז אין מיין פאַנטאַזיע געווען פאַררעכנט פאַר אַן אַלטן האַרטנעקיקן רעוואָלוציאָנער. ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן.

אין שושענסק, ווו ס׳האָט געוווינט וולאַדימיר איליטש,
זײַנען מיר אָנגעקומען אָוונטצײַט. וולאַדימיר איליטש איז גע-
ווען אויף יאַגד. מיר זענען אויסגעשטיגן; מען האָט אונדז
צוגעפירט צו אַ כאַטע. אויף סיביר, אין מינוסינסקער קרײַז,
וווינען די פּויערים זייער זויבער. די פּאָדלאָגעס זענען אויס-
געשפּרייט מיט בונטע כאָדניקעס, די ווענט ריין אויסגעווייסט
און באַפּוצט. וולאַדימיר איליטשעס צימער איז געווען נישט
אַזוי גרויס, אָבער דערפאַר זייער ריין. מיך מיט דער מוטער
האָבן די באַלעבאַטים אָפּגעטראָטן די צווייטע טייל פון דער
כאַטע. אין דער כאַטע האָבן זיך אָנגעשטופּט אַלע באַלעבאַטים,
שכנים, געקוקט אויף אונדז און געשטעלט פאַרשידענע פראַגן.
ענדלעך איז אָנגעקומען וולאַדימיר איליטש. ס׳האָט אים שטאַרק
געחידושט, וואָס ביי אים אין צימער איז ליכטיק. דער באַ-
לעבאָס האָט אים געזאָגט, אַז אָסקאַר אַלעקסאַנדראָוויטש (אַ פאַר-
שיקטער פּעטערבורגער אַרבעטער) איז געקומען אַ שיכּורער און
פאַנאַנדערגעוואָרפן ביי אים אַלע ביכער. איליטש איז שנעל
אַרויף אויפן גאַנעק. דאָ בין איך אַרויס פון שטוב. לאַנג-לאַנג
האָבן מיר אין יענער נאַכט געשמועסט.

ס׳איז איליטשן צוגעקומען, ער האָט אויסגעזען זייער גוט.

אין שושענסק זענען פון די פאַרשיקטע געווען בלויז צוויי
אַרבעטער, אַ לאָדזשער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ פּוילישער היטל-
מאַכער פּראָמינסקי מיט אַ ווייב און זעקס קינדער און אַ פּו-
טילאָווער אַרבעטער ענגבערג, אַ פינלענדער, לויט דער נאַציאָ-
נאַליטעט. ביידע — זייער גוטע חברים. פּראָמינסקי איז גע-
ווען אַ רויקער, געזעצטער, אָבער זייער אַ שווערער מענטש.
ער האָט ווייניק גערעדט און זייער קנאַפּ געקענט, אָבער ער
האָט געהאַט אַ זעלטענעם קלאַסן־אינסטינקט. צו זיין ווייב,
וואָס האָט נאָך דעמאָלט געגלויבט, האָט ער זיך באַצויגן מיט
אַ רויקן חוזק, האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט יאַגד, יום-
טוב פלעגט ער זיך אָנטאָן אין די יום-טובדיקע בגדים און
אויף זיין פּנים פלעגט זיך באַווייזן אַ מין ליכטיקער שמייכל.
ער האָט זייער גוט געזונגען די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע

לידער „Pierwszy maj“, „Ludu roboczy“ און אַ ריי אַנדערע לידער. די קינדער האָבן צוגעזונגען; ס'האָט אים צוגעהאָלפן וולאַדימיר איליטש, וועלכער האָט געזונגען רוסישע רע־בער אין סיביר. פראַמינסקי האָט אויך געזונגען רוסישע רע־וואָלוציאָנערע לידער, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט אים אויס־געלערנט. פראַמינסקי האָט זיך געקליבן צוריק אויף ארבעט קיין פוילן און האָט אומגעברענגט אַ גרויסע צאָל האָזן, כּדי אָנצוגרייטן פוטערלעך פאַר זיינע קינדער. אָבער ס'איז אים נישט געלונגען צו דערקלייבן זיך צוריק קיין פוילן. ער האָט זיך מיט זיין ווייב דערקליבן נענטער צו קראַסנאָיאַרסק און געדינט אויף דער אייזנבאַן. די קינדער זענען אויסגעוואַקסן. ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, אַ קאָמוניסטקע איז געוואָרן די פרוי פראַמינסקאַ, קאָמוניסטן זענען געוואָרן די קינדער. איינער איז געהרגעט געוואָרן אויף דער מלחמה. דער צווייטער איז שיער נישט אומגעקומען אינם בירגער־קריג, איצט איז ער אין טשיטאַ. אין 1923 האָט זיך ערשט פראַמינסקי אַרויסגעקליבן קיין פוילן, נאָר אויפן וועג איז ער געשטאָרבן פון אַ פלעק־טיפוס.

דער צווייטער אַרבעטער איז געווען גאָר אַן אַנדער טיפ. אַ גאַנץ יונגן, האָט מען אים פאַרשיקט פאַר אַ שטרייק און פאַר זיין שלעכטער אויפפירונג בעתן שטרייק. ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט פאַרשידענע זאַכן, אָבער וועגן סאָציאַליזם האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג. איינמאָל קומט ער פון דער דאָרף־קאַנצעלאַריע און דערציילט: „ס'איז אָנגעקומען אַ נייער שרייבער, און מיר זענען זיך ביידע צונויפגעקומען אין די איבערצייגונגען. „וואָס הייסט עס?“ — פרעג איך. „סיי איך, סיי ער זענען מיר קעגן דער רעוואָלוציע“. איך און וולאַדימיר איליטש האָבן מיר אויסגעלאַכט אַ פּאָר אויגן. אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר זיך אַנידערגעזעצט קנעלן מיט אים דעם „קאָמו־ניסטישן מאַניפעסט“ (מען האָט אים געדאַרפט איבערזעצן פון דייטש) און איבערקומענדיק אים האָבן מיר זיך גענומען צו „קאַפּיטאַל“. איינמאַל איז ביים לערנען אַריינגעקומען פראַמינסקי.

ער זיצט און ציט די ליולקע. איך שטעל א פראגע בנוגע דאס איבערגעלייענטע. אסקאר ווייסט נישט וואס צו ענטפערן און פראמינסקי האט רויק, מיט א שמייכל, געענטפערט אויף דער פראגע. אויף א גאנצע וואך האט אסקאר אוועקגעווארפן דאס לערנען. אבער אזוי איז ער געוועזן א גוטער יונג. מער פארשיקטע זענען נישט געווען אין שושענסק. וולאדימיר איליטש האט דערציילט, אז ער האט זיך געוואלט נעגטער באקענען מיטן לערער, אבער ס'איז גארנישט ארויסגעקומען. דעם לערער האט געצויגן צו דער ארטיקער אריסטאקראטיע: צום פאפ, צו א פאר קרעמערס. זיי האבן געשפילט אין קארטן און געמאכט א כוסה. מיט גזועלשאפטלעכע פראגן האט זיך דער לערער לגמרי נישט אינטערעסירט. מיט דעמדאזיקן לערער פלעגט זיך תמיד שפארן פראמינסקיס עלטערער זון, וועלכער איז שוין דעמאלט געווען א סאציאליסט.

וולאדימיר איליטש האט געהאט א באקאנטן פויער, זשוראוולעוו, וועלכן ער האט זייער געליבט. זשוראוולעוו האט געהאט א יאר דרייסיק, א שווינדזוכטיקער, א געוועזענער קאנצעלאריע־שרייבער. וולאדימיר איליטש האט וועגן אים גערעדט, אז לויט זיין כאראקטער איז ער א רעוואלוציאנער, א פראטעסטאנט. זשוראוולעוו האט געהאט די דרייסטקייט ארויסצוטרעטן קעגן גבירים, האט נישט געקענט פארטראגן קיין שום אומגערעכטיקייט. ער פלעגט כסדר ערגעץ אוועקפארן און אינגיכן איז ער געשטארבן פון שווינדזוכט.

דער צווייטער איליטשעס באקאנטער איז געווען אן אריטאן. מיט אים פלעגט וולאדימיר איליטש אפטמאל גיין אויף יאגד. דאס איז געווען א נארישער פויער, געהייסן האט ער סאסיפאטיטש, האט זיך אגב, זייער גוט באצויגן צו וולאדימיר איליטשן און פלעגט אים שענקען, וואס ס'האט זיך געמאכט: דא א זשיראף, דא צעדער־שישקעס.

דורך סאסיפאטיטשן, דורך זשוראוולעוון האט וולאדימיר איליטש שטודירט דעם סיבירער דארף. ער האט מיר איינמאל דערציילט וועגן דעם געשפרעך מיט א פארמעגלעכן פויער,

ביי וועלכן ער האָט געוווינט. אַ טאָג־אַרבעטער האָט ביי אים צוגעגנבעט אַ פעל. דער פויער האָט אים געפּאַקט ביים טייך און דאָרט אויפן אָרט אים געפּטרט. דער פּאַקט האָט גורם געווען, וולאַדימיר איליטש זאָל ריידן וועגן דער אומברחמנות־דיקער אכזריות פון די קליינע אייגנטימער און וועגן דער אומ־ברחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער. און באמת, די סיבירער טאָג־אַרבעטער האָבן געאַרבעט ווי קאַטאָרזשניקעס, אָפּרוענדיק זיך בלויז אין יום־טובדיקע טעג.

אויף נאָך אַן אופן האָט וולאַדימיר איליטש שטודירט דעם דאָרף. אין די זונטיקדיקע טעג האָט ער ביי זיך איינגע־פירט אַ יורידישע קאָנסולטאַציע. ער האָט געהאַט אַ גרויסן שם פאַר אַ יוריסט, היות ער האָט געהאָלפן איינעם אַן אַרבעטער, אַרויסגעטריבן פון די גאָלד־גרובן, צו געווינען אַ פּראָצעס קעגן דעם אייגנטימער פון די גאָלד־גרובן. די ידיעה וועגן דעם געוווּנענעם פּראָצעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די פויערים. עס זענען צו אים געקומען פויערים און פויער־טעס און אויסגערעדט פאַר אים דאָס האַרץ. וולאַדימיר איליטש האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, אַריינגעדרונגען און נאָכדעם געגעבן עצות. איינמאָל איז אַ פויער געקומען פון אַ וויאָרסט דרייסיק, זיך צו באַראַטן, וויאַזוי אַריינצוזעצן אין תּפיסה זיי־נעם אַן איידעם, פאַרוואָס יענער האָט אים נישט פאַרבעטן אויף אַ חתונה, ווו מען האָט זיך געלאָזט ווילגיין. און וולאַ־דימיר איליטש האָט כּמעט אַ גאַנצע שעה געפּטרט, ביז וואַנען ער האָט אים איינגערעדט צו מאַכן שלום מיטן איידעם. אַ סך מאָל האָט מען קיין שום טאָלק נישט געקענט דערגיין פון זייערע דערציילונגען, און דעריבער האָט וולאַדימיר איליטש געפאָדערט, מען זאָל אים ברענגען אַ קאָפּיע פונם פּראָצעס. איינמאָל האָט אַן אָקס פון עפּעס אַ נגיד פאַרבאָדיעט אַ קו פון אַן אָרעמער פרוי. דאָס וואָלאָסט־געריכט האָט צוגעפּסקנט: דער בעל־גוף זאָל באַצאָלן דער פרוי צען רובל. די פרוי האָט פּראָטעסטירט דערויף און געפאָדערט אַ קאָפּיע פונם פּראָצעס. „וואָס, דו דאַרפסט אַ קאָפּיע פון דער ווייסער קו?“ — האָט

געחוזקט דער אַסעסאָר. די אויפגערעגטע פרוי איז געקומען זיך באַקלאָגן פאַר וולאַדימיר איליטשן. אָפּטמאָל איז געווען גענוג, דער באַליידיקטער זאָל דראָען, אַז ער וועט מעלדן אוליאַנאָוון, און דער באַליידיקער האָט נאָכגעגעבן.

וולאַדימיר איליטש האָט זייער גוט דורכגעשטודירט דעם סיבירער דאָרף. פריער האָט ער געקענט די וואָלגער דערפער. איינמאָל האָט איליטש דערציילט: „די מאַמע האָט געוואָלט, כ'זאָל אין דאָרף זיך פאַרנעמען מיט באַלעבאַטישקייט. איך האָב אָנגעהייבן, אָבער איך זע, ס'איז אוממעגלעך, די באַציונגען צום פויער ווערן אומנאָרמאַל".

אייגנטלעך, האָט וולאַדימיר איליטש, ווי אַ פאַרשיקטער נישט געהאַט דאָס רעכט צו באַשעפטיקן זיך מיט יורידישע ענינים, נאָר אין יענער צייט זענען אין מינוסינסקער קרייז די מענטשן געווען ליבעראַלע. ס'איז פאַקטיש קיין שום השגחה נישט געווען.

„דער אַסעסאָר", אַן אָרטיקער פאַרמעגלעכער פויער, האָט מער געזאָרגט דערפאַר, וויאַזוי אונדז אַריינצושטופּן קאַלבּ-פלייש, איידער דערפאַר, אַז זיינע פאַרשיקטע זאָלן נישט אַנטלויפן. אין שושענסק איז געווען אַ געוואַלטיקער זול. למשל, פאַר זיין באשיידענער „פענסיע" — אַכט רובל אַ חודש — האָט וולאדימיר איליטש געהאַט אַ ריין צימער, עסן, און מען האָט אים געוואַשן און פאַרריכט די וועש. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט מען געזאָגט, אַז ער צאָלט טייער. אמת טאַקע, דער מיטאָג און דער אָוונטברויט זענען געווען פשוטע. איין וואָך האָט מען פאַר וולאַדימיר איליטשן געשוחטן אַ באַראַן, מיט וועלכן מען האָט אים טאָג ביי טאָג געשפייזט, ביז וואַנען ער פלעגט אים אינגאַנצן נישט אויפעסן. האָט ער עס אויפגעגעסן, פלעגט מען קויפן אויף אַ גאַנצע וואָך פלייש, און די אַרבעטערין — אויפן הויף, אין דער קאָריטע — ווו מען פלעגט צוגרייטן עסן פאַר די שאָף, האָט געהאַקט דאָס געקויפטע פלייש אויף קאָטלעטן פאַר וולאַדימיר איליטשן אויף אַ גאַנצע וואָך. אָבער מילך און שאַנעק האָט געסטאַיעט פאַר וולאַדימיר איליטשן

און זיין הונט, פאַרן שיינעם גאָרדאָן — „זשענקאָ", וועלכן ער האָט אויסגעלערנט טראָגן זאַכן, שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס און פאַרשידענע אַנדערע קונצן. היות ביי די זיריאַנאָוויס פלעגן זיך די פויערים אָפּטמאָל אָנטרינקען און, חוצדעם, איז פון פאַמיליען שטאַנדפונקט דאָס לעבן דאָרט געוואָרן אומ־מעגלעך, האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אויף אַן אַנדער דירה. אַ האַלב הויז און אַ גאָרטן האָבן מיר געדונגען פאַר פיר רובל. מיר האָבן אָנגעהייבן צו פירן אַ פאַמיליען־לעבן; זומער־צייט האָט מען קיינעם נישט געקענט געפינען צו פירן די באַלעבאַטישקייט. אלזאָ, זאַלבעצווייט, איך און די מאַמע האָבן מיר זיך געפּאָרעט מיטן רוסישן אויוון. פון אָנהייב האָט פּאַסירט, אַז איך האָב איבערגעקערט דעם זופּ מיט די פאַרפל, וועלכע האָבן זיך צעשאָטן אויף אַלע זייטן. נאָכדעם האָב איך זיך צוגעוווינט. אין גאָרטן ביי אונדז זענען אויסגעוואָקסן פאַרשידענע ירקות: אוגעקערס, בוראַקעס, מערן, טיקוועס. איך האָב זיך זייער געגרויסט מיט מיין גאָרטן. פון הויף האָבן מיר געמאַכט אַ גאָרטן — מען איז אַוועקגעפאָרן אין וואַלד, געבראַכט צו־פירן האָפּן, און ס'איז געוואָרן אַ גאָרטן. אין אָקטאָבער האָבן מיר געקריגן אַ מיטהעלפערין, דער דרייסיקיעריקער פּאַשאַ,—אַ מאָגערע, מיט שפּיציקע עלנבויגנס, וועלכע האָט פלינק גע־בראַכט אין אָרדענונג די גאַנצע באַלעבאַטישקייט. איך האָב זי אויסגעלערנט שרייבן, און זי האָט אויסגעפּוצט די ווענט לויט מיין מוטערס אָנווייזונגען. זי האָט געפירט אַ טאָגבוך, וווּ זי האָט פאַרצייכנט: „עס זענען געווען אָסקאַר אַלעקסאַנדראָוויטש און פראָמינסקי. מען האָט געזונגען „פּיען" און איך האָב אויך געזונגען.

ס'איז צוגעקומען אַ קינדערישער עלעמענט. אויפן הויף האָט געוווינט אַ פאַרשיקטער לאַטיש, אַ וואַלצער. ער האָט געהאַט פערצן קינדער, אָבער געבליבן לעבן איז איינס, — מינקע. דער טאַטע איז געווען אַ געפערלעכער שיכּור. מינקע איז אַלט גע־ווען זעקס יאָר; ער האָט געהאַט אַ דורכזיכטיק בלאַס פּנימל, קלאָרע אויגן און ערנסטע רייד. ער האָט אָנגעהייבן

אַרײַנצוקומען צו אונדז טאָג־טעגלעך. ביסט קוים אויפגעשטאַנען: מען קלאַפּט שוין אין טיר. עס באַווײַזט זיך אַ קלײנע פיגור מיט אַ גרויסע היטל, אין דער מאַמעס קאָפּטע, אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסן שאַל, און מעלדעט מיט אַ פריילעכן טאָן: „אָט בין איך". ער האָט געוווּסט, אַז מײַן מאַמע גייט אויס פאַר אים און אַז וולאַדימיר איליטש וויצלט זיך און פאָרעט זיך מיט אים. עס לויפט אַרײַן מינקעס מאַמע:

„מיניטשקע, האָסטו אַמאָל נישט געזען אַ רובל?"

„נו, געזען! דערזען, אַז ער וואַלגערט זיך אויפן טיש, האָב איך אַרײַנגעלייגט אין קעסטל".

ווען מיר זענען אַוועקגעפאָרן, איז מינקע פון גרויס דאגה קראַנק געוואָרן. איצט לעבט ער שוין נישט, און דער לאַטיש האָט געשריבן, אַז ער האָט געבעטן ערד הינטערן יעניסעי, „ס'ווילט זיך אויף דער עלטער האָבן אַ זאַט לעבן".

אונדזער באַלעבאַטישקייט איז געוואָקסן: ס'איז צוגעקומען אַ קאַץ.

אינדערפרי פלעג איך מיט וולאַדימיר איליטשן איבערזעצן וועבן, וואָס סטרווע האָט פאַר אונדז באַקומען. נאָך מיטאָג פלעגן מיר צוויי שעה צײַט איבערשרײַבן „די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם". נאָכדעם זענען געווען פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן. פּאָטרעסאָוו האָט איינמאָל צוגעשיקט קאַוטסקיס אַ ביכל קעגן בערנשטײַנען, מען זאָל עס איבערזעצן אין צוויי וואָכן. מיר האָבן אַוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעטן און צום טערמין, אין צוויי וואָכן צײַט, עס איבערגעזעצט. נאָך דער אַרבעט פלעגן מיר גיין שפּאַצירן. וולאַדימיר איליטש איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער יעגער; ער האָט באַקומען הויזן פון טייוולפעל און געקראָכן אין בלאָטע איבערן האַלדז. קיין יאַגד־חיות זענען דאָרט נישט געווען. איך בין געקומען צופאָרן אין פרילינג און זיך געחידושט. עס פלעגט קומען פּראָמינסקי און מיט אַ פריילעכן שמייכל זאָגן: „איך האָב געזען דורכפליען ווילדע קאַטשקעס". ס'פלעגט קומען אָסקאַר און אויך רעדן וועגן קאַטשקעס. נאָך די ווינטערדיקע פרעסט פלעגט זיך פרילינג־

צייט אויפכאַפּן די נאַטור. שטאַרק פלעגט ווערן איר מאַכט. שקיעה. אויף דער גרויסער פרילינגדיקער אָזיערע אין פעלד שווימען ווילדע שוואַנען. אָדער, דו שטייסט גאָר אויפן זוים פון אַ וואַלד, און עס ריזלט אַ טייכל, עס שרייען די ווילדע הענער. וולאַדימיר איליטש גייט אין וואַלד, בעת צוהאַלטן זשענקען. דו האַלטסט אים. זשענקאַ ציטערט פון זיין הינטישער עמאָציע. און דו פילסט אַליין, ווי דידאַזיקע שטראָמיקע אויפוואַכונג פונם פרילינג באַהערשט דיך. וולאַדימיר איליטש איז געווען אַ ליידנ-שאַפטלעכער יעגער, ער איז דערצו געווען זייער היציק. האַרבסט-צייט זענען מיר געגאַנגען אין די אויסגעהאַקטע ערטער פון אַ וואַלד. וולאַדימיר איליטש האָט געזאָגט: „דו ווייסט, אויב ס'וועט אַרויסלויפן אַ האָז, וועל איך נישט שיסן, ווייל איך האָב נישט גענומען קיין רימען, וועט אים זיין שווער צו טראָגן". עס לויפט אַרויס אַ האָז, וולאַדימיר איליטש שיסט.

שפּעט אין האַרבסט, בעת אויפן יעניסעי פלעגן זיך באַ-וועגן קליינע קריעס, זענען מיר אַוועקגעפאָרן אויף אַן אינדזל, אויף אַ האָזן-יאַגד. די האָזן זענען שוין ווייס געוואָרן. פון אינדזל האָבן זיי נישט וווהין צו אַנטלויפן, טראָגן זיי זיך אַרום ווי שעפּסן. אַ גאַנץ שיפל פלעגן אָנשיסן אונדזערע יעגער.

וווינענדיק אין מאָסקווע, פלעגט וולאַדימיר איליטש זיך אויך לאָזן אויף יאַגד אָבער דער יעגער-ברען איז שטאַרק אויסגעלאָשן געוואָרן. מען האָט איינגעאָרדנט אַ יאַגד אויף פוקסן. די גאַנצע אונטערנעמונג האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט וולאַדימיר איליטשן. „כיטרע צוגעטראַכט" — האָט ער געזאָגט. די יעגער האָבן אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער פוקס איז אַרויס-געפאַלן גלייך אויף וולאַדימיר איליטשן. ער ווידער האָט גע-כאַפּט די ביקס, ווען דער פוקס איז אַ רגע אונטערגעשטאַנען, אים אָנגעקוקט און שנעל פאַרקירעוועט אין וואַלד. — „פאַרוואָס-זשע האָסטו נישט געשאָסן?" — „מיין האַרץ האָט מיך נישט געלאָזט, ס'איז געווען אַ צו שיינער פוקס".

שפּעט אין האַרבסט, בעת דער שניי האָט נאָך נישט

געהאַט אַרויסגעפּאַלן, אָבער די טייכן זענען שוין געווען פאַרפרוירן, זענען מיר אַהין געגאַנגען: יעדן פישל, יעדעס שטיינדעלע האָט מען אַרויסגעזען אונטערן אייז, גלייך ס׳וואָלט געווען אַ פאַרכישופטע מלוכה. און ווינטער, בעת קוועקזיל־בער פאַרפרוירט אין די טערמאָמעטערס און די טייכן פאַר־פרוירן ביזן דעק, גייט דאָס וואַסער איבערן אייז און עס ווערט שנעל באַדעקט מיט דין אייז. מען האָט געקענט אַ צוויי ווי־אָרסט ראָלן איבערן אויבער־אייז, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער די פיס. דאָס אַלץ האָט וולאַדימיר איליטש שטאַרק ליב געהאַט.

אָוונטצייט פלעגט וולאַדימיר איליטש געוויינלעך לייענען פילאָזאָפישע ביכער: העגעל, קאַנט, די פראַנצויזישע מאַ־טעריאַליסטן, און בעת ער פלעגט אָפּגעמאַטערט ווערן—פושקינען, לערמאָנטאָוון, נעקראַסאָוון.

בעת וולאַדימיר איליטש איז אָנגעקומען קיין פעטערבורג און איך האָב אים געקענט בלויז פון דערציילונגען, האָב איך דעמאָלט געהערט פון סטעפּאַן איוואַנאָוויטש ראַדטשענקאָ, אַז וולאַ־דימיר איליטש לייענט בלויז ערנסטע ביכער און אין זיין לעבן האָט ער נישט איבערגעלייענט קיין שום ראָמאַן. איך האָב זיך געחידושט. נאָכדעם, בעת איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט וולאַדימיר איליטשן, איז מיר קיינמאָל וועגן דעם נישט אויסגעקומען מיט אים צו כאַפּן אַ שמועס. ערשט אין סיביר האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס איז אַ לעגענדע. וולאַ־דימיר איליטש האָט נישט בלויז געלייענט, נאָר אַ סך מאָל אי־בערגעלייענט טורגעניעוון, טאָלסטאָיען, „וואָס זאָל מען טאָן" טשערנישעווסקיס. ער האָט בכלל ליב געהאַט די קלאַסיקער. נאָכדעם, בעת די באָלשעוויקעס זענען שוין געשטאַנען ביי דער מאַכט, האָט ער דעם „גאָסיזדאַט" געשטעלט די אויפגאַבע — אַרויסצוגעבן אַ ביליקע אויפלאַגע פון אַלע קלאַסיקער. אין וולאַדימיר איליטשעס אַלבאָם, חוץ די פאָטאָגראַפיעס פון קרובים און אַלטע קאַטאָרזשניקעס, זענען אויך געווען די פאָ־טאָגראַפיעס פון עמיל זאָלאַ, הערצען, און עטלעכע פאָטאָגראַפיעס

פון טשערנישעווסקען *).

צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט אָנקומען די פּאָסט. די קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ גרויסע.

עס פלעגן אָנקומען בריוו און ביכער פון רוסלאַנד. אויספירלעך האָט געשריבן וועגן אַלץ אַננאַ איליניטשנאַ. מען האָט געשריבן פון פּעטערבורג. אגב, האָט מיר נינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ סטרוווע געשריבן וועגן איר זון: „ער האַלט אויפגעהייבן דאָס קעפּל, יעדן טאָג טראָגן מיר אים צו צו דאַרווינס און מאַרקס פּאָרטרעטן און זאָגן: פאַרנייג זיך פאַרן זיידן דאַרווין, פאַרנייג זיך פאַר מאַרקסן, און ער פאַרנייגט זיך אויף זייער אַ קאָמישן אופן. מיר האָבן באַקומען בריוו פון די ווייטע פאַרשיקטע מקומות: פון טורוכאַנסק פון מאַרטאָוון, פון אָרלאָוו, וויאַטקער גובערניע, פון פּאָטרעסאָוון. נאָר ס'רוב האָבן מיר באַקומען בריוו פון די חברים, צעוואָרפן איבער די שכנותדיקע דערפער. פון מינוסינסק, אויף אַ שטח פון 50 וויאָרסט פון שושענסק, האָבן געשריבן די קזשיזשאַנאָווסקיס און סטאַרקאָוו; אויף אַ שטח פון 30 וויאָרסט, אין יערמאַקאָווסקאָע האָבן געלעבט לעפּעשינסקי, וואַנעעוו, סילווין, פּאַנין — אָסקאַרס אַ חבר; אויף 70 וויאָרסט, אין טעסי, האָבן געלעבט לענגניק, שאַפּאָוואַל, באַראַמזין; אויף אַ צוקערפאַבריק האָט געלעבט קורנאַטאָווסקי. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן וועגן אַלץ אין דער וועלט: וועגן רוסישע נייעס, וועגן צוקונפטיקע פּלענער, וועגן ביכער, וועגן נייע שטרעמונגען, וועגן פילאָזאָפיע. מען האָט זיך אויך דורכגעשריבן וועגן שאָך-ענינים, ס'רוב מיט לעפּעשינסקין. מען האָט זיך געשפּילט אין קאָרעספּאָנדענץ. וולאַדימיר איליטש איז געווען באַהאַוונט אין ענין-שאָך. אַ געוויסע צייט האָט זיך וולאַדימיר איליטש אַזוי אַריינגעטאָן אין שאָך, אַז ער האָט אפילו גערעדט פון שלאָף: „אויב ער וועט גיין מיטן ריטער אָט-דאָ, וועל איך מיטן טורעם גיין דאָרט”.

---

*) טשערנישעווסקען האָט וולאַדימיר איליטש באַזונדערס געליבט. אויף איינע פון טשערנישעווסקיס פאָטאָגראַפיעס געפינט זיך אַן אונטערשריפט מיט וולאַדימיר איליטשעס האַנט: געבוירן אין דעם און דעם יאָר, געשטאָרבן אין 1889.

סיי וולאַדימיר איליטש, סיי אַלעקסאַנדער איליטש האָבן פון קינדוויִיז אָן געשפּילט מיט גרויס אַזאַרט אין שאָך. גע-שפּילט האָט אויך וולאַדימיר איליטשעס פאָטער. „צווערשט פלעגט דער פאָטער ביי אונדז תמיד געווינען — פלעגט דער-ציילן וולאַדימיר איליטש — נאָכדעם האָב איך מיטן ברודער באַקומען אַ שאָך-האַנטבוך און אָנגעהייבן מכבד צו זיין דעם פאָטער מיט מאַטן. איינמאָל האָב איך געטראָפן דעם טאַטן אַרויסגיין פון אונדזער צימער מיטן שאָך-האַנטבוך אין דער האַנט. ער האָט זיך נאָכדעם צו אונדז אַ נעם געטאָן".

קומענדיק צוריק קיין רוסלאַנד האָט וולאַדימיר איליטש פאַרוואָרפן די שאָך-שפּיל. שאָך פאַרכאַפּט צו שטאַרק, דאָס שטערט דער אַרבעט. און אַזויווי וולאַדימיר איליטש האָט אין קיין זאַך נישט ליב געהאַט קיין האַלבע אַרבעט, האָט ער אויך אין דער פרייער צייט אויף עמיגראַציע קיין גרויס חשק נישט געהאַט צו שפּילן אין שאָך.

וולאַדימיר איליטש האָט פון די יונגע יאָרן אָן געקענט אָפּוואַרפן דאָס, וואָס האָט אים געשטערט. „ווען איך בין גע-ווען אַ גימנאַזיסט, האָב איך באַקומען אַ ליידנשאַפט צו ליזש-ווען, אָבער כ'פלעג ווערן אָפּגעמאַטערט, ס'פלעגט זיך מיר נאָכדעם שטאַרק וועלן שלאָפן, ס'האָט געשטערט דער אַרבעט, האָב איך עס אַוועקגעוואָרפן.

„ס'איז געווען אַ צייט — האָט אַמאָל דערציילט וולאַדי-מיר איליטש, — ווען ס'האָט מיך נעם געטאָן צו לאַטיין". „לאַטיין גאָר"? — האָב איך זיך געחידושט. — „יאָ, אָבער ס'האָט אָנגעהייבן צו שטערן אַנדערע לערעס, האָב איך עס אַוועקגעוואָרפן". דאָ נישט לאַנג, לעזנדיק ל ע פ ס אַנאַליז וועגן וולאַדימיר איליטשעס סטיל, וויַיזט ער דאָרט אָן אויף אַן ענ-לעכקייט צווישן דער קאָנסטרוקציע פון וולאַדימיר איליטשעס פראַזן מיט דער קאָנסטרוקציע פון די פראַזן פון די רוימישע אָראַטאָרן — אויף דער ענלעכקייט פון די אָראַטאָרישע בויגונ-גען. און איך האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס וולאַדימיר איליטש האָט מיט אַזאַ התמדה שטודירט די לאַטיינישע שרייבער.

מיט די פאַרשיקטע חברים האָט מען זיך נישט בלויז דורכגעשריבן, נאָר אויך, הגם נישט גאַנץ אָפט, זיך געזען.

איינמאָל האָבן מיר געמאַכט אַ רייזע צו קורנאַטאָווסקין. ער איז געווען זייער אַ גוטער חבר, זייער אַ געלערנטער מאַרקסיסט, אָבער שווער האָט זיך אים איינגעגעבן דאָס לעבן. אַ האַרבע יוגנט מיט אַ טאָטן אַ מנובל, נאָכדעם פאַרשיקונג אויף פאַרשיקונג, תפיסה נאָך תפיסה. אויף דער פריי האָט ער כמעט נישט געאַרבעט; אַ חודש אונטערגעאַרבעט און ווידער אַריינגעפאַלן אויף לאַנגע יאָרן; כמעט דאָס לעבן נישט געקענט. אין זכרון איז פאַרבליבן בלויז איין סצענקע. מיר שפּאַצירן לעבן צוקער-פאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט. עס גייען צוויי מיידלעך, איינע אַן עלטערע, די צווייטע אַ ייִנגערע. די עלטערע טראָגט אַ פּוסטן עמער, די ייִנגערע — מיט בוראַקעס. „ווי שעמט מען זיך נישט צו לאָזן טראָגן דער קליינערער", — האָט קורנאַטאָווסקי געזאָגט צו דער עלטערער. די האָט אין פאַרלעגנהייט אויף אים אַ קוק געטאָן. מיר זענען אויך געפאָרן קיין ט ע ס. ס'איז צו אונדז אָנגעקומען אַ בריוו פון די קזשישאַנאָווסקיס: „דער איספּראַווניק איז בייז אויף די טעסינצעס פאַר עפּעס אַ פּראָטעסט און לאָזט אין ערגעץ נישט פאָרן. אין טעס איז דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטער באַרג אין געאָלאָגישן זין, שרייבט, אַז איר ווילט מאַכן אויספאָרשונגען". וולאַדימיר איליטש האָט אין שפּאַס אָנגעשריבן דעם איספּראַווניק אַ מעלדונג, בעטנדיק, ער זאָל נישט בלויז אים אַליין אַריינלאָזן קיין טעס, נאָר אויך זיין ווייב אַלס מיטהעלפערין. דער איספּראַווניק האָט צוגעשיקט אַ דערלויבעניש מיט אַ ספּעציעלן שליח. מען האָט געדונגען אַ בריטשקע אויף צוויי רעדער פאַר דריי רובל. די פוירטע האָט פאַרזיכערט, אַז ס'איז אַ קרעפּטיק פערד, נישט קיין „פּרעסער", קיין סך האָבער דאַרף מען נישט. מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין טעס. און הגם דאָס פערד איז נישט געווען קיין „פּרעסער", דאָך זענען מיר געבליבן שטיין אויפן וועג, אָבער ביז טעס זענען מיר ווי ס'איז דערפאָרן. וולאַדימיר איליטש האָט מיט לענגניקן געשמועסט וועגן קאַנטן, מיט

באַראַמזינען — וועגן די קאַזאַנישע קרייזן. לענגניק, וועלכער האָט געהאַט אַ זעלטענע שטימע, האָט אונדז געזונגען. בכלל, איז פון דערדאָזיקער נסיעה אונדז פארבליבן גוטע דערינערונגען.

מיר זענען עטלעכע מאָל געפאָרן קיין יערמאַקאָווסקאָע. איינמאָל, כדי איבערצונעמען אַ „קרעדאָ". וואַנעעוו איז געווען געפערלעך קראַנק אויף שווינדזוכט, ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. זיין בעט האָט מען אַרויסגעטראָגן אין גרויסן צימער, ווו ס'האָבן זיך אויפגעזאַמלט זיינע חברים. די רעזאָלוציע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

אַ צווייטן מאָל זענען מיר דאָרט אַהין געפאָרן אויף וואַנעעווס לוויה *).

פון די „דעקאַבריסטן" (אַזוי האָט מען אין שפּאַס אָנגערופן די חברים, וועלכע מען האָט אַרעסטירט אין דעצעמבער 1895), זענען צוויי שנעל אַרויס פון די רייען: זאַפּאָראָזשעץ, וועלכער איז משוגע געוואָרן אין תפיסה און וואַנעעוו, וועלכער איז דאָרט געפערלעך קראַנק געוואָרן, זענען ביידע אומגעקומען, בעת ס'האָט זיך אָנגעהייבן פאַנאַנדערצוברענען דער פלאַם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ניי־יאָר זענען מיר געפאָרן קיין מינוס, ווו ס'זענען זיך צונויפגעפאָרן אַלע ס. ד.

אין מינוס זענען אויך געווען פאַרשיקטע נאַראָדאָוואָלצעס: קאָן, טירקאָוו און אנד. אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. די אַלטע האָבן זיך מיט אומצוטרוי באַצויגן צו די יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן: זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז זיי זענען אמתע רעוואָלוציאָנערן. אויף דעם באָדן האָט זיך אין שושענסק, מינוסינער אויעזד, נישט לאַנג פאַר מיין קומען פאַנאנדערגעשפּילט אַ געשיכטע, אין שייכות מיט די פאַרשיקטע. אין מינוס איז געווען אַ פאַרשיקטער ס. ד. ראַיטשין, אַן „אויסלענדער", וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרופּע

---

*) וואַנעעווס לוויה איז פאָרגעקומען דעם 22 סעפּטעמבער 1899 (רעד.).

„אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ״. ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. מען האָט פאר אים געקריגן געלט אויף אַנטלויפן, אָבער קיין טאָג איז נאָך נישט באַשטימט געוואָרן. אָבער ראַיטשין, באַקומענדיק דאָס געלט, איז שטאַרק נערוועז געוואָרן און, נישט דערציילנדיק קיינעם, איז ער אַנטלאָפן געוואָרן. די אַלטע נאַראָדאָוואָלצעס האָבן באַשולדיקט די ס. ד., אז זיי האָבן געוווּסט פון זיין אַנטלויפן, נאָר מען האָט זיי גאָרנישט נישט געגעבן צו וויסן; ס׳האָבן געקענט פאָרקומען רעוויזיעס און זיי האָבן זיך אפילו נישט אָפּגערייניקט. די „געשיכטע״ איז געוואַקסן, ווי אַ שניי־קויק. ווען איך בין געקומען צופאָרן, האָט מיר וולאַדימיר איליטש דערפון דערציילט. „ס׳איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר די פאַרשיקטע, ווי דידאָזיקע געשיכטעס — האָט ער געזאָגט — זיי פאַרציען שטאַרק, די אַלטע האָבן שוואַכע נערוון, ווייל זיי האָבן אַסך דורכגעליטן, קאַטאָרגע איבערגעטראָגן. מען קען זיך נישט לאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ פון אַזעלכע געשיכטעס, די גאַנצע ארבעט איז נאָך פאָרויס, אַ שאָד צו פטרן די כוחות אויף אַזעלכע געשיכטעס״. און וולאַדימיר איליטש איז אָנגעשטאַנען, מען זאָל איבעררייסן מיט די אַלטע. איך געדענק די זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענבראָך. דער באַשלוס וועגן דעם צוזאַמענבראָך איז אָנגענומען געוואָרן פריער, נאָר מען האָט אים געדאַרפט אַדורכפירן אָן שום ווייטיק. מען האָט געריסן, ווייל מען האָט געדאַרפט איבעררייסן, אָבער מען האָט געריסן אָן כעס, מיט רחמנות. אויף אַזאַ אופן האָט מען שפעטער אָנגעהייבן צו לעבן באַזונדער.

בכלל, איז די פאַרשיקונג אַדורך נישט שלעכט. דאָס זענען געווען יאָרן פון ערנסטע הכנות. לפי־ערך ווי ס׳האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון דער פארשיקונג, האָט וולאַדימיר איליטש זיך אַלץ מער און מער פאַרטראַכט איבער דער פאָרשטייענדיקער אַרבעט. פון רוסלאַנד זענען אָנגעקומען קאַרגע ידיעות: דאָרטן איז געוואַקסן און זיך געשטאַרקט דער עקאָנאָמיזם. קיין פאַרטיי איז אייגנטלעך נישט געווען, קיין דרוקערײ־

איז אין רוסלאַנד אויך נישט געווען. דער פּרווו צו קענען דרוקן מיט דער הילף פונם „בונד" איז נישט געלונגען. אָבער באַגרענעצן זיך מיטן שרייבן פּאָפּולערע בראָשורן און נישט אַרויסזאָגן זיך בנוגע די הויפּט־פּראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעט, איז געווען אוממעגלעך. אין דער אַרבעט האָט געהערשט די גרעסטע אומאָרדענונג, די כּסדרדיקע אַרעסטן האָבן איבערגעריסן די פאַרבינדונגס-קייט, די מענטשן האָבן זיך דערדערט צום „קרעדאָ", צו די אידעען פונם „אַרבעטער-געדאַנק", געבנדיק קאָרעספּאָנדענצן פון אַן אַרבעטער, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די עקאָנאָמיסטן. ער שרייבט: „מיר אַרבעטער נייטיקן זיך נישט אין קיין שום מאַרקס און ענגעלס..."

ל. טאָלסטאָי האָט ערגעץ געשריבן, אַז דער וואָס פאָרט די ערשטע העלפט וועג, טראַכט געוויינלעך דערפון, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט און די צווייטע העלפט דערפון, וואָס עס וואַרט אים פאָרויס. אַזוי איז אויך אין דער פאַרשיקונג. די ערשטע צייט האָט מען געמאַכט אַן אונטערצוג פונם עבר. אין דער צווייטער העלפט האָט מען מער געטראַכט דערפון, וואָס ס'שטייט פאָר. וולאַדימיר איליטש האָט אַליין שטאַרקער געטראַכט דערפון, וואָס מען דאַרף טאָן, כּדי אַרויסצופירן די פּאַרטיי פון דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי איז פאַרזונקען, וואָס מען דאַרף טאָן, כּדי צו לאָזן די אַרבעט אויפן געהעריקן וועג, כּדי צו פאַרזיכערן זי מיט אַן אמת-דעמאָקראַטישער אָנפירונג. פון וואָס אָנהייבן? אין לעצטן יאָר פון פאַרשיקונג איז ביי וולאַדימיר איליטשן אַנטשטאַנען דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּלאַן, וועלכן ער האָט שפּעטער אַנטוויקלט אין זיין „איסקראַ", אין דער בראָשור „וואָס טוט מען" און אינם „בריוו צו אַ חבר". מען דאַרף צוערשט אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינע רוסישע צייטונג; אַרויסגעבן דאַרף מען זי אין אויסלאַנד, ווי מעגלעך ענגער זי פאַרבינדן מיט דער רוסישער אַרבעט, מיט די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, ווי צום בעסטן אַוועקשטעלן דעם טראַנספּאָרט. וולאַדימיר איליטש האָט אויפגעהערט צו שלאָפן, ער איז שטאַרק

אויסגעמאָגערט געוואָרן. ער פלעגט גאַנצע נעכט נישט שלאָפן, ער האָט געטראַכט איבער אַלע פּרטים פון זיין פּלאַן, ער האָט געפירט אַ שמועס וועגן אים מיט קזשיזשאַנאָווסקין, מיט מיר, זיך דורכגעשריבן וועגן אים מיט מאַרטאָוון, פּאָטרעסאָוון. ער האָט זיך מיט זיי אויפגערעדט וועגן אַ נסיעה קיין אויסלאַנד. וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט וולאַדימיר איליטשן באַהערשט דאָס אומגעדולד, אַלץ שטאַרקער האָט ער זיך געריסן צו דער אַרבעט. און מיטאַמאָל גאָר אַ רעוויזיע! מען האָט ביי איינעם געפונען אַ קוויטונג פון אַ בריוו צו וולאַדימיר איליטשן. אין בריוו האָט זיך גערעדט וועגן אַ דענקמאָל פאַר פעדאָסעעוון, האָבן די זשאַנדאַרמען זיך צוגעטשעפּעט און געמאַכט אַ רעוויזיע *). דעם בריוו האָבן זיי געפונען, עס איז דאָרט גאָרנישט געווען. זיי האָבן דורכגעקוקט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ און אויך גאָרנישט געפונען. לויט דער אַלטער פּעטערבורגער רגילות האָבן מיר געהאַלטן באַזונדער די אומלעגאַלע ליטעראַטור און די אומלעגאַלע קאָרעספּאָנדענץ. אמת, דאָס איז געלעגן אויף דער אונטערשטער פּאָליצע, אין שאַפע. וולאַדימיר איליטש האָט אונטערגערוקט די זשאַנדאַרמען אַ שטול, כּדי זיי זאָלן אָנהייבן די רעוויזיע פון די אויבערשטע פּאָליצעס, ווו ס'האָבן זיך געפונען פאַרשידענע סטאַטיסטישע זאַמלביכער — און זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָנגעמאַטערט, אַז זיי האָבן שוין נישט געטראַכט וועגן דער אונטערשטער פּאָליצע, באַנוגענענדיק זיך מיט מיין מעלדונג, אַז דאָרט איז אַ פּעדאַגאָגישע ביבליאָטעק. די רעוויזיע איז אדורך בשלום, אָבער מען האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט אויסנוצן דידאָזיקע געלעגנהייט, און צוגעבן נאָך עטלעכע יאָר פאַרשיקונג. דעמאָלט איז מען

---

*) די רעוויזיע ביי וול. איליטשן איז געמאַכט געוואָרן דעם 14טן מאַי 1899. דער בריוו, וועגן וועלכן עס שרייבט נ. ק. איז אָנגעקומען צו לענינען דורך י. מ. ליאַכאָווסקי פון ווערכאָלענסק, און לענין האָט דעם בריוו דערהאַלטן אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער 1898. די קוויטונג איז אָפּגענומען געוואָרן בעת אַ רעוויזיע ביי אי. מ. זנאָבין אין מערץ 1998 (רעד.).

נאָך נישט אַזוי שטאַרק געלאָפן ווי אין די שפּעטערע צייטן. אַלנפאַלס, וואָלט דער גאַנצער פּלאַן שטאַרק קאָמפּליצירט געוואָרן. ווייל פאָרן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד האָט מען געדאַרפט דורכפירן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אין רוסלאַנד. אָבער דאָך איז די רעוויזיע אַדורך בשלום — מען האָט גאָרנישט צוגעלייגט.

אין פעברואַר 1900, ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט די צייט פון וולאַדימיר איליטשעס פאַרשיקונג, האָבן מיר זיך געלאָזן קיין רוסלאַנד. פּאַשאַ, וועלכע איז פאַר צוויי יאָר געוואָרן אַ יפת־תאר, האָט גאַנצע נעכט געוויינט מיט ביטערע טרערן. מינקע איז ארומגעלאָפן אַהין און צוריק, אָוועקטראָגנדיק אַהיים פּאַפּיר, בלייפעדערס, בילדלעך א. אַנד. עס איז געקומען צו גיין אָסקאַר אַלעקסאַנדראָוויטש, צוגעזעצט זיך אויפן עק שטול, קענטיק שטאַרק צעחושט, געבראַכט מיר אַ מתנה, אַ בראָשקע אין דער פאָרם פון אַ בוך מיט אַן אויפשריפט „קאַרל מאַרקס" אַלס אָנדענק פאַר מיינע לעקציעס פון „קאַפּיטאַל". עס האָבן יעדע מינוט אַריינגעקוקט אין צימער די באַלעבאָסטע אָדער אַ שכנטע. אונדזער הונט האָט געשטוינט, נישט וויסנדיק מיט וואָס מען עסט עס און יעדע רגע האָט ער מיטן פּיסק אויפגעעפנט די טיר, צו זען אויב אַלץ איז אויפן אָרט. די מוטער האָט געהוסט, פאַרענדיק זיך ביי די פּעק, און וולאַדימיר איליטש האָט זאַכלעך איינגעלייגט די ביכער.

מיר זענען אָנגעקומען קיין מינוס, וווּ מיר האָבן געדאַרפט פאַרכאַפן מיט זיך סטאַרקאָוון און אָלגאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ סילווינאַ. דאָרט האָט זיך שוין צונויפגעקליבן אונדזער גאַנצע פאַרשיטעטע חברותא. ס'איז געווען אַ שטימונג, וואָס עס ווערט געשאַפן, בעת עמעצער פון די פאַרשיקטע פאָרט אַוועק קיין רוסלאַנד. יעדער איינער האָט געטראַכט וועגן ווען און וווהין ער וועט פאָרן, וויאַזוי וועט ער אַרבעטן. וולאַדימיר איליטש האָט פריער אָפּגעשמועסט וועגן דער צוזאַמענאַרבעט מיט די, וועלכע האָבן אינגיכן געדאַרפט פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, אָפּגערעדט צו קאָרעספּאָנדירן מיט די איבעריקע. מען האָט געטראַכט וועגן

רוסלאַנד און געשמועסט האָט מען וועגן יעדער קלייניקייט.

באַראַמזין האָט מיט פּוטערשניטן געפּאַשעט אונדזער הונט, זשענקע, וועלכן ער האָט אָפּגעירשנט נאָך אונדז, אָבער דער הונט האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, איז געלעגן ביי מיין מוטערס פיס, נישט אַראָפּגעלאָזט דעם אויג פון איר, באַטראַכט אירע אַלע באַוועגונגען.

ענדלעך, פאַרזעענדיק זיך מיט וואַלאָקעס, פּוטערוואַרג, האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין. מיר זענען געפאָרן מיט פערד 300 וויאָרסט, לענגאויס דעם יעניסעי, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט — גוט וואָס די לבנה האָט געשיינט. וולאַדימיר איליטש האָט אויף יעדער סטאַנציע מיך מיט מיין מאַמען אַרומגעבונדן, נאָכגעקוקט, צי מען האָט עפּעס נישט פאַרגעסן, און געשפּאַסט מיט דער דערפרוירענער אָלגאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. מיר זענען געפאָרן זייער שנעל, און וולאַדימיר איליטש — ער איז געפאָרן אָן אַן איבער־פּעלץ, טענהנדיק, אַז אים איז וואַרעם — אַריינגערוקט די הענט אין מיין מוטערס מופטע, האָט זיך אין זיינע געדאַנקען אַוועקגעטראָגן קיין רוסלאַנד, ווו ער וועט קענען אָן אַרבעט טאָן ווי געהעריק.

איינם טאָג פון אונדזער אָנקום קיין אופע, זענען אונדז געקומען מקבל־פּנים זיין: א. ד. ציורופּאַ, סווידערסקי, קראַכמאַל. „אין זעקס האָטעלן זענען מיר אויסגעווען... — האָט געשטאַמלט קראָכמאַל, — ענדלעך האָבן מיר אייך געפּאַקט”.

עטלעכע טעג איז וולאַדימיר איליטש געבליבן אין אופע און, דורכשמועסנדיק זיך מיטן עולם און איבערגעבנדיק מיך און מיין מוטער צו זיינע חברים, איז ער אַוועקגעפאָרן וויטער אין דער ריכטונג צו פּעטערבורג. פון די עטלעכע טעג איז איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון דער באַזוך פון דער אַלטער נאַראָדאָוואָלקע טשעטווערגאָוואַ, וועלכע וולאַדימיר איליטש האָט געקענט פון קאַזאַן. אין אופע האָט זי געהאַט אַ בוכהאַנדלונג. אין ערשטן טאָג איז וולאַדימיר איליטש אַוועק צו איר און עפּעס אַ מין באַזונדערע ווייכקייט איז געווען אין זיין שטימע און אויף זיין פּנים, בעת ער האָט מיט איר

געדעדט. שפּעטער, בעת איך האָב געלייענט, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט אָנגעשריבן אינם שלוס פון „וואָס טוט מען", האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דעמדאָזיקן באַזוך. „אַ סך (ס'האַנדלט זיך וועגן די יונגע אָנפירער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, ס.-ד.) פון זיי — האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן אין „וואָס טוט מען" — האָבן אָנגעהייבן טראַכטן רעוואָלוציאָנעריש, ווי די נאַראָדנאָוואָלצעס. כמעט אַלע האָבן זיך אין די יונגע יאָרן מיט באַגייסטערונג געבוקט פאַר די העלדן פון טעראָר. דער אָפּזאָג פונם איינדרוק פון דערדאָזיקער העלדישער טראַדיציע האָט געקאָסט קאַמף, האָט דערפירט צום צוזאַמענברוך מיט מענטשן, וועלכע האָבן דורכאויס געוואָלט פאַרבלייבן געטריי דער „נאַראָד-נאַיאַ-וואָליאַ", און צו וועלכע די יונגע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן געהאַט גרויס דרך-ארץ". דערדאָזיקער אָפּזאַץ — איז אַ שטיק פון וולאַדימיר איליטשעס ביאָגראַפיע.

ס,איז געווען זייער אַ שאָד זיך צו צעשיידן, בעת ס'האָט זיך אָנגעהייבן די „אמתע" אַרבעט. אָבער ס'איז אין קאָפּ אפילו נישט אַריין, וולאַדימיר איליטש זאָל בלייבן אין אופע, בעת ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צוצוקומען נענטער צו פּעטער-בורג.

וולאַדימיר איליטש האָט זיך באַזעצט אין פסקאָוו *) וווּ ס'האָבן שפּעטער געוווינט פּאָטרעסאָוו און ל. נ. ראַדטשענקאָ מיט די קינדער. איינמאָל האָט וו אַדימיר איליטש דערציילט, ווי ראַדטשענקאָס מיידעלעך, זשעניורקאַ און ליובאַ, האָבן חוזק געמאַכט פון אים און פּאָטרעסאָוון. פאַרלייגט די הענט אויף דער פּלייצע, זענען זיי אַרומגעגאַנגען איבערן צימער איינע לעבן דער צווייטער, איינע האָט אויסגערופן „בערנשטיין", די צווייטע האָט אָפּגעענטפערט „קאַוטסקי"...

זיצנדיק אין פסקאָוו, האָט וולאַדימיר איליטש מיט התמדה געשפּונען די פעדים פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געדאַרפט ענג צונויפבינדן די צוקונפטיקע אויסלענדישע אַלרוסישע

---

*) לענין איז געקומען קיין פסקאָוו דעם 3טן מערץ 1900 (רעד.).

צייטונג מיט רוסלאַנד, מיט דער רוסישער אַרבעט. ער האָט זיך געזען מיט באַבושקינען, מיט אַ גאַנצע רייע אַנדערע פּערזאָנען.

איך האָב זיך ביסלעכווייז אַקלימאַטיזירט אין אופע, איינגעאָרדנט זיך מיט איבערזעצונגען, מיט לעקציעס.

נישט לאַנג פאַר מיין אָנקומען קיין אופע איז דאָרט פאָרגעקומען אַ געשיכטע אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאַרשיקטע, און דער ס.-ד. עולם האָט זיך צעקלאַפּט אויף צוויי לאַגערן. אין איין לאַגער זענען געווען: קראָכמאַל, סווידערסקי, אין צווייטן — די ברידער פלאַקסין, סאַלטיקאָוו, קוויאַטקאָווסקי. טשאַטשין און אַפּטעקמאַן זענען געשטאַנען אויסער ביידע לאַגערן און אָנגעהאַלטן זייערע פאַרבינדונגען מיט ביידע גרופּן. מיר איז געווען נאָענטער די ערשטע גרופּע, צו וועלכער איך האָב זיך שנעל דערנענטערט. דידאָזיקע גרופּע האָט געפירט אַ געוויסע טעטיקייט און זי איז בכלל געווען די אַקטיווע טייל פונם פּובליקום. מען האָט אָנגעקניפּט באַציונגען מיט די אייזנבאַנער. דאָס איז געווען אַ קרייז פון 12 ס.-ד. אַרבעטער. דער סאַמע אַקטיווער פון דער גרופּע איז געווען דער אַרבעטער יאַקוטאָוו. ער פלעגט נישט איינמאָל אַריינקומען צו מיר נאָך ביכער און כדי צו כאַפּן אַ שמועס. לאַנג-לאַנג האָט געדויערט, ביז וואַנען ער האָט באַקומען מאַרקס „פּולוועריזאַציע". נאָר אַז ער האָט עס באַקומען, האָט ער עס בשום אופן נישט געקענט דורכלעזן. „נישטאָ ווען — פלעגט ער זיך באַקלאָגן — „די פּויערים קומען כסדר צו מיר צופאָרן מיט זייערע ענינים. מיט אַלעמען דאַרף מען כאַפּן אַ שמועס. נו, איז קיין צייט נישטאָ". ער האָט דערציילט, אַז זיין ווייב נאַטאַשע איז אויך אַ סימפּאַטיקער, אַז זיי האָבן נישט מורא פאַר קיין שום פּאַרשיקונג, ער וועט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן ווערן, מיט זיינע הענט וועט ער אומעטום פאַרדינען. ער איז געווען אַ געוואַלטיקער קאָנספּיראַטאָר, זייער שטאַרק פיינט געהאַט געשרייען, באַרימעריי און מער פון אַלץ ווערטער. מען דאַרף אַלץ טאָן גרינדלעך, אָן שום גערויש.

אין פינפטן יאָר איז יאַקיטאָוו געווען אַ פּאָרזיצער פון דער רעפּובליק, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין אופע, און

נאָכדעם, אין די רעאַקציע-טעג, האָט מען אים אויפגעהאָנגען אין אופער תּפיסה. ער איז געשטאָרבן אויפן תּפיסה-הויף, און די גאַנצע תּפיסה האָט געזונגען — אין אַלע צעלעס האָט מען געזונגען — און מען האָט זיך געשווירן, אַז מען וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין טויט, אַז מען וועט נקמה נעמען.

איך האָב זיך געלערנט אויך מיט אַנדערע אַרבעטער, מיט אַ יונגן מעטאַל־אַרבעטער פון אַ קליין פאַבריקל, אַ היציקער און אַ נערוועזער, וועלכער האָט מיר תּמיד דערציילט וועגן דאָס לעבן פון די אָרטיקע אַרבעטער. נאָכדעם האָט מען מיר דערציילט, אַז ער איז אַריבער צו די עס־ערן און משוגע געוואָרן אין תּפיסה.

ס'פלעגט אַריינקומען צו מיר דער שווינדזוכטיקער איינבינדער, קרילאָוו, וועלכער פלעגט מאַכן דאָפּלטע איינבאַנדן, וווּ אַריינצופּאַקן אומלעגאַלע מאַנוסקריפּטן. ער האָט דערציילט וועגן דער אַרבעט פון די אָרטיקע דרוקער.

אויפן גרונט פון דידאָזיקע דערציילונגען האָט מען שפּעטער צוזאַמענגעשטעלט קאָרעספּאָנדענצן פאַר דער „איסקראַ“.

חוץ אופע, האָט זיך געפירט די אַרבעט איבער די פאַבריקן. אויף אוסט־קאַטאַווסקער פאַבריק איז געווען אַ פעלדשערקע, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, וואָס האָט דאָרט געפירט אַן אַרבעט צווישן די אַרבעטער, האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט אומלעגאַלע פּאָפּולערע ליטעראַטור, אין וועלכער מיר האָבן זיך שטאַרק געניייטיקט.

אויף די פאַבריקן זענען געווען עטלעכע ס. ד. סטודענטןאונדזער אופער אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעהאַלטן אין יעקאַטערינבורג אַן אומלעגאַלן אַרבעטער, מאַזאַנאָוו, וואָס איז געקומען פון טורוכאַנסק, ווו ער איז געווען פאַרשיקט צוזאַמען מיט מאַרטאָוון. אָבער די ארבעט האָט זיך ביי אים עפּעס נישט געקלעפּט.

אופע איז געווען דער צענטער פאַר דער גובערניע. די פאַרשיקטע פון סטערליטאַמאַק, בירסק און אַנדערע אויעזד־

שטעט האָבן משתדל געווען וועגן אַ דערלויבעניש צוצופאָרן קיין אופע.

חוצדעם איז אופע געלעגן אויפן וועג פון סיביר קיין רוסלאַנד. די צוריקפאָרנדיקע חברים פון פאַרשיקונג זענען אַהער פאַרפאָרן, כּדי אויפצורייד זיך וועגן דער פאַרשטייענדיקער אַר־בעט. ס'איז געקומען צופאָרן מאַרטאָוו (אים איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען אַרויסצורייסן זיך פון טורוכאַנסק), גל. איוו. אַקולאָוו, פּאַנין. פון אַסטראַכאַן איז אומלעגאַל געקומען צופאָרן ל. מ. קניפּאָוויטש — „דיאַדענקאַ", פון סאַמאַרע זענען געקומען צופאָרן — רומיאַנצעוו און פּאָרטוגאַלאָוו.

מאַרטאָוו האָט זיך באַזעצט אין פּאָלטאַווע. מיט אים האָט מען געהאַט אַ פאַרבינדונג, פון אים האָט מען געהאָפט צו באַקומען ליטעראַטור. ס'איז אָנגעקומען ליטעראַטור, דאַכט זיך, אין אַ וואָך אַרום נאָך מיין אָפּפאָר פון אופע, און קוויאַט־קאָווסקי, וועלכער איז געפאָרן נאָך דער ליטעראַטור האָט אריינ־געכאַפּט 5 יאָר סיביר דערפאַר, ווייל דער קאַסטן האָט זיך אים אויפן וועג צעשאָטן. אייגנטלעך, האָט ער קיין שום ארבעט נישט געפירט. ער איז געגאַנגען באַקומען דאָס קעסטל פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז געווען אדרעסירט אויף דער ברויז, ווו ער האָט געגעבן אַ לעקציע דעם אייגנטימערס אַ טאָכטער.

אין אופע זענען אויך געווען די נאַראָדאָוואָלצעס: לעאָנאָ־וויטש און שפּעטער באָראָזדיטש.

פאַרן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד איז וולאַדימיר איליטש שיער נישט אַריינגעפאַלן. ער איז געקומען פון פּסקאָוו קיין פּעטערבורג צוזאַמען מיט מאַרטאָוון. מען האָט זיי נאָכגעשפּירט און אַרעסטירט *). אין וועסט האָט ער געהאַט 2000 רובל, וואָס

*) וול. איל. איז צוזאַמען מיט מאַרטאָוון אומלעגאַל געקומען קיין פּעטער־בורג דעם 2־טן יוני 1900. אויפן צווייטן טאָג זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן אויף דער גאַס, לעבן קאַזאַטשי געסל. דעם 13־טן יוני האָט מען וול. איל. באַפרייט, פונוואַנען ער איז אוועקגעפאָרן קיין פּאָדאָלסק און פון דאָרטן קיין אופע צו נ. ק. קיין אויסלאַנד איז וול. איל. אַרויסגעפאָרן דעם 29 יולי 1900 (רעד.).

ער האָט באַקומען פון דער „מומע" (א. מ. קאַלמיקאָווא) און אַ רשימה פון די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, געשריבן כעמיש אויף אַ בויגעלע פאָסט-פאַפּיר, אויף וועלכעס ס'איז סתם אין דער וועלט אַריין געווען עפּעס אָנגעשריבן מיט טינט — עפּעס אַ חשבון. ווען די זשאַנדאַרמען וואָלט איינגעפאַלן אָנצוואַרע־מען דאָס פּאַפּיר, וואָלט שוין וולאַדימיר איליטש אין אויסלאַנד נישט אַרויסגעגעבן קיין אַלרוסישע צייטונג. נאָר ער האָט גע־שפּילט מיט הצלחה, און אין צען טעג אַרום האָט מען אים אַרויסגעלאָזט.

נאָכדעם איז ער געקומען קיין אופע זיך געזעגענען מיט מיר. ער האָט דערציילט דערפון, וואָס ס'איז אים געלונגען אויפצוטאָן פאַר דער גאַנצער צייט, האָט דערציילט וועגן מענטשן, מיט וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. ס'פאַר־שטייט זיך, אַז צוליב וולאַדימיר איליטשעס אָנקום זענען פאָר־געקומען אַ גאַנצע רייע פאַרזאַמלונגען. איך געדענק, אַז דע־מאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לעאָנאָוויטש, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ נאַראָדאָוואָלעץ האָט אפילו צומאָל נישט געהערט וועגן דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ". וולאַדימיר איליטש איז דעמאָלט אויפגעשפּרונגען פון אָרט: „צי קען אַ רעוואָלוציאָנער נישט וויסן דערפון, צי קען אַזאַ רעוואָלוציאָנער באַוווסטזיניק אויסקלייבן אַ פּאַרטיי מיט וועלכער ער וועט אַרבעטן, אויב ער ווייסט נישט, שטודירט נישט דאָס, וואָס עס האָט געשריבן די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ".

ס'שיינט מיר, אַז אַ גאַנצע וואָך איז דעמאָלט וולאַדימיר איליטש פאַרבליבן און אופע.

פון אויסלאַנד האָט ער מיר ס'רוב געשריבן אין ביכער, געשיקטע אויף פאַרשידענע אַדרעסן. בכלל, איז דער ענין מיט דער צייטונג נישט געגאַנגען אַזוי שנעל, ווי וולאַדימיר איליטשן האָט זיך געוואָלט. ס'איז אָנגעקומען שווער זיך אויפצורײדן מיט פּלעכאַנאָוון. וולאַדימיר איליטשעס בריוו פון אויסלאַנד זענען געווען קורצע, טרויעריקע און זיך פאַרענדיקט: „כ'וועל

דערציילן, ווען דו וועסט קומען"; „וועגן קאָנפליקט מיט פלע־כאַנאָוון האָב איך אויספירלעך פאַר דיר פאַרשריבן".

איך האָב זיך קוים דערוואַרט דעם סוף פון מיין פאַר־שיקונג, און קיין שום בריוו פון וולאַדימיר איליטשן האָב איך נישט באַקומען.

איך האָב געוואָלט פאָרן קיין אַסטראַכאַן צו ל. מ. קני־פּאָוויטש, אָבער ס'איז מיר נישט אויסגעקומען.

איך מיט מיין מוטער זענען מיר אין מאָסקווע פאַרפאָרן צו וולאַדימיר איליטשעס מוטער, מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. זי איז דעמאָלט אַליין געווען אין מאָסקווע. אַננאַ איליטשנאַ האָט זיך געפונען אין אויסלאַנד.

מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען האָב איך זייער ליב געהאַט ווייל זי איז פילבאַר און אויפמערקזאַם. וולאַדימיר איליטש האָט שטאַרק געליבט זיין מאַמען. „זי האָט אַ שטאַרקן ווילן" — האָט ער צו מיר איינמאָל געזאָגט. „ווען מיט מיין ברודער וואָלט עס פּאַסירט דעמאָלט, בעת מיין פאָטער האָט געלעבט, ווייס איך נישט, וואָס ס'וואָלט געווען".

זיין שטאַרקן ווילן האָט ער געירשנט פון דער מאַמען, ער האָט אויך פון איר געירשנט זיין פילבאַרקייט, אויפמערקזאַמ־קייט צו מענטשן.

ווען מיר האָבן געלעבט אין אויסלאַנד, האָב איך זיך באַמיט אין לעבעדיקע פאַרבן איר צו באַשרייבן אונדזער לעבן, כּדי זי זאָל עטוואָס פילן די נאָענטקייט פון איר זון. בעת וולאַדימיר איליטש איז געווען פאַרשיקט אין 1897, איז אין די צייטונגען געווען אַ נעקראָלאָג וועגן מאַריא אַלעקסאַנדראָוונא אול־יאַנאָוועס טויט, געשטאָרבן אין מאָסקווע. אָסקאַר האָט דער־ציילט: „איך בין געקומען צו וולאַדימיר איליטשן, און ער, בלאַס, ווי ליייוונט, זאָגט: „מיין מוטער איז מיר געשטאָרבן". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ס'איז געשטאָרבן עפּעס אַן אַנדערע מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אוליאַנאָוואַ.

אַ סך צרות איז אויסגעפאַלן אויף מאַריאַ אַלעקסאַנדראָווו־נעס גורל: די טויט־שטראָף פון איר עלטערן זון, דער טויט פון איר טאָכטער אָלגאַ, כסדרדיקע אַרעסטן פון אירע אַנדערע קינדער.

אַז וולאַדימיר איליטש איז אין 1895 קראַנק געוואָרן, קומט זי תיכף צופאָרן, טרעט נישט אָפּ פון זון, קאָכט פאַר אים; מען אַרעסטירט אים — שטייט זי ווידער אויף דער וואַך, שעהן לאַנג זיצט זי אין אַ האַלב־פינצטערן צימער פון דער אויספאָרשונגס־תּפיסה, קומט אויף זעונגען, טראָגט עסן, און קוים־קוים ציטערט ביי איר דער קאָפּ.

איך האָב איר צוגעזאָגט אָפּצוהיטן וולאַדימיר איליטשן, אָבער איך האָב אים נישט איינגעהיט...

פון מאָסקווע האָב איך אָפּגעפירט מיין מוטער קיין פּעטערבורג, זי דאָרט איינגעאָרדנט, און אַליין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. געפאָרן בין איך ווי אַ פּאָשעכאָנער *). איך בין אַוועקגעפאָרן קיין פּראָג, מיינענדיק, אַז וולאַדימיר איליטש וווינט דאָרט אונטערן נאָמען מאָדראַטשאָק.

איך האָב דעפּעשירט. געקומען קיין פּראָג — קיינער באַגעגנט נישט אויפן וואָקזאַל. איך וואַרט און וואַרט. אַ פּאַר־צווייפלטע, האָב איך געדונגען אַ קוטשער אין אַ הויכן צי־לינדער, אַרויפגעלייגט די פּעק, און אַוועקגעפאָרן. מיר קומען צופאָרן אין אַרבעטער־קוואַרטאַל, אַ שמאָל געסל, אַ הויך הויז און אויף די פענסטער אָנגעלייגט פּערינעס צום לופטערן...

איך פלי אויפן פערטן שטאָק. די טיר עפנט אַ ווייסענקע טשעכקע. איך חזר כסדר: „מאָדראַטשאָק, הער מאָדראַטשאָק". ס׳גייט אַרויס אַן אַרבעטער און זאָגט: „איך בין מאָדראַטשאָק". אַ צעטומלטע שטאַמל איך: „ניין, דאָס איז נישט מיין מאַן". ענדלעך שטויסט זיך מאָדראַטשאָק אָן. „אַך,

---

*) פּאָשעכאָניע — אַ מין רוסישער כעלם. — איבערז.

איר זענט מסתם דעם הער ריטמייערס אַ ווייב, ער וווינט אין מינכען, אָבער ער האָט דורך מיר איבערגעשיקט צו אייך קײַן אופֿע ביכער און בריוו". מאָדראַטשאָק האָט זיך מיט מיר אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג, איך האָב אים דערציילט וועגן דער רוסישער באַוועגונג, ער האָט מיר דערציילט וועגן דער עסטרייכישער, זיין ווייב האָט מיר באַוויזן אירע צונויפגעבונדענע סטענגעס און מיך געשפּייזט מיט טשעכישע קלעצקעס.

קומענדיק קיין מינכען *) — האָב איך אָפּגעגעבן מיינע זאַכן אויפן וואָקזאַל, אויף שמירה און מיטן טראַמוויי אַוועקגעפאָרן אויפזוכן דעם הער ריטמייער. איך האָב דעמאָלט געטראָגן אַ וואַרעמען פוטער, בעת אין מינכען איז מען שוין אַרומגעגאַנגען אין בלויזע קליידער. כ'האָב אויסגעזוכט דאָס הויז; ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער וווינונג № 1 איז געווען אַ שענק. איך גיי צו צום טאָנעבאַנק, ווו ס'איז געשטאַנען אַ דיקער דייטש, און פרעג מיך שרעקעוודיק אויפן הער ריטמייער, האָבנדיק דעם פּאַרגעפיל, אַז ס'איז עפּעס נישט דאָס. דער שענקער ענטפערט: „דאָס בין איך". אַ דערשלאָגענע שושקע איך: „ניין, דאָס איז נישט מיין מאַן".

און מיר שטייען ווי אידיאָטן איינער אַנטקעגן אַנדערן. ענדלעך, קומט אַריין ריטמייערס ווייב און, נאָכדעם ווי זי האָט מיך אָנגעקוקט, זאָגט זי: „אָך, דאָס איז געוויס דעם הער מייערס ווייב, ער וואַרט אויף זיין ווייב פון סיביר. איך וועל אייך באַגלייטן".

איך גיי טריט ביי טריט נאָך דער פרוי ריטמייער אויף אַ הינטערשטן הויף פון אַ גרויס הויז, אין עפּעס אַן אומבאַוווינטער דירה. ס'עפנט זיך אויף די טיר און ביים טיש זיצן: וולאַדימיר איליטש, מאַרטאָוו און אַננאַ איליניטשנאַ. פאַרגעסנדיק אָפּצודאַנקען דער באַלעבאָסטע, האָב איך זיך אָנגעהייבן צו זידלען: „צו אַלדע רוחות, פאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן, ווו איך קען דיך געפינען?"

---

*) נ. ק. איז געקומען קיין מינכען אינמיטן אַפּריל 1901.

„וואָס הייסט נישט געשריבן? דריי מאָל אין טאָג פלעג איך גיין דיך באַגעגענען. פונוואַנען קומסטו? ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער אופער תושב, אויף וועמענס נאָמען ס'איז גע־וועז געשיקט דאָס בוך מיטן אַדרעס, האָט נישט אָוועקגעגעבן דאָס בוך, ווייל ער האָט עס געליינט.

נישט קנאַפּ רוסן האָבן נאָכדעם אויף אַזאַ אופן אַרומ־געוואַנדערט: שליאַפּניקאָוו איז צום ערשטן מאָל אָנשטאָט זשע־נעווע פאַרפאָרן קיין גענוע; באַבושקין איז אָנשטאָט לאָנדאָן שיער נישט פאַרפאָרן קיין אַמעריקע.

מינכען

(1901—1902)

הגם וולאַדימיר איליטש, מאַרטאָוו און פּאָטרעסאָוו זענען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד אויף לעגאַלע פּאַספּאָרטן, אָבער אין מינכען האָבן זיי באַשלאָסן צו וווינען אויף פרעמדע פּאַספּאָרטן, ווייט פון דער רוסישער קאָלאָניע, כּדי נישט צו פאַרשיטן די אַרבעטער, וואָס קומען פון רוסלאַנד און כּדי ס׳זאָל לייכטער זיין אַריבערצושיקן די אומלעגאַלע ליטעראַטור קיין רוסלאַנד, אין טשעמאָדאַנען, אין בריוו א. אַז. וו.

ווען איך בין געקומען קיין מינכען, האָט וולאַדימיר איליטש געוווינט נישט געמאָלדן ביים זעלבן ריטמייער און געהייסן האָט ער מייער. הגם ריטמייער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ שענק, דאָך איז ער געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און פאַרבאַהאַלטן וולאַדימיר איליטשן אין זיין דירה. וולאַדימיר איליטשעס צימערל איז געווען זייער אַ שלעכטס, ער האָט געלעבט ווי אַ קאַוואַליער, געגעסן ביי עפּעס אַ דייטשקע, וועלכע האָט אים געשפּייזט מיט „מעלשפּייזע". אינדערפרי און אינאָוונט האָט ער געטרונקען טיי פון אַ בלעכן טעפּל, וואָס ער האָט אַליין זאָרגזאַם אויסגעוואַשן און אויפגעהאָנגען אויף אַ טשוואָק לעבן קראַן.

ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַגהטן אויסזען. נישט אַזוי שנעל

איז אַלץ צוגעגאַנגען, ווי ס'האָט זיך געוואָלט. צו יענער צייט האָבן אין מינכען געוווינט: מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו און זאַסוליטש. פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד האָבן געוואָלט, אַז די צייטונג זאָל דערשיינען ערגעץ אין דער שווייץ, אונטער זייער אָנפיר. די ערשטע צייט האָבן זיי און זאַסוליטש נישט צוגעגעבן קיין גרויסע באַדייטונג דער „איסקראַ“, האָבן לגמרי נישט אָפּגעשאַצט די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָל, וואָס זי האָט געקענט שפּילן און האָט געשפּילט. זיי האָט מער פון אַלץ „אינטערעסירט די „זאַריאַ“.

„אייער נאַרישע „איסקראַ“ — פלעגט ווערא זאַסוליטש זאָגן. ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען געזאָגט אין שפּאַס, אָבער דערין האָט געשטעקט אַ געוויסע גרינגשעצונג צו דער גאַנצער אונטערנעמונג. וולאַדימיר איליטש האָט געהאַלטן, אַז די „איסקראַ“ דאַרף שטיין אין אַ זייט פונם עמיגראַנטישן צענטער, דאַרף זיין פאַרקאָנספּירירט, וואָס עס האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר רוסלאַנד, פאַר דער קאָרעספּאָנדענץ, פאַרן אַריינפאָר. דער אָפּזאָג אַריבערצופירן די צייטונג אין דער שווייץ — האָבן די אַלטע געזאָגט — איז אַ סימן פון נישט וועלן, מען זאָל מיט איר אָנפירן, אַ סימן פון וועלן פירן אַן אייגענע ליניע. און זיי האָבן זיך ספּעציעל נישט געיאָגט צו געבן קיין הילף. וולאַדימיר איליטש האָט עס געפילט און האָט זיך דענערווירט. צו דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ“ האָט ער געהאַט אַ גאַנץ אַנדער געפיל. שוין אָפּגערעדט פון פּלעכאַנאָוון, אפילו צו אַקסעלראָדן און זאַסוליטשן האָט ער זיך זייער גוט באַצויגן. „אַט דו וועסט זיך באַקענען מיט ווערא איוואַנאָוונאַ — האָט צו מיר געזאָגט וולאַדימיר איליטש אין ערשטן אָוונט נאָך מיין קומען קיין מינכען — דאָס איז אַ קרישטאָל־ריינער מענטש“. ס'איז געווען אמת.

ווערא איוואַנאָוונאַ זאַסוליטש איז געווען די איינציקע פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ“, וועלכע האָט זיך געשטעלט נאָענט צו דער „איסקראַ“. זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט אונדז אין מינכען, און אין לאָנדאָן האָט זי געלעבט מיטן

לעבן פון דער רעדאַקציע „איסקראַ", מיט אירע פריידן און דאגות. זי האָט געלעבט מיט די ידיעות פון רוסלאַנד.

„אָבער די „איסקראַ" ווערט ערנסט", האָט זי געשפּאַסט, לפּי־ערך ווי די ווירקונג פון דער „איסקראַ" האָט זיך פאַר־ברייטערט. ווערא איוואַנאָוונא האָט נישט איינמאָל דערציילט וועגן די לאַנגע, קאַלטע עמיגראַציע־יאָרן. מיר האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט פון אזא עמיגראַציע, ווי די גרופּע „אָסוואָבאָזש־דעניע טרודאַ". מיר האָבן די גאַנצע צייט געהאַט דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט רוסלאַנד, מען פלעגט כּסדר צו אונדז קומען צופאָרן פון דאָרט. מיר האָבן אין דער עמיגראַציע געלעבט אין פיל בעסערע באַדינגונגען אין ענין פון אינפאָרמאַציע, ווי ערגעץ דאָרט אין אַ רוסישער גובערניע־שטאָט; מיר האָבן גע־לעבט בלויז אין די אינטערעסן פון רוסישער אַרבעט. אונדזער אַרבעט אין רוסלאַנד האָט זיך געשטאַרקט, די אַרבעטער־באַ־וועגונג איז געוואַקסן. די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" האט געלעבט אָפּגעריסן פון רוסלאַנד, האָט געלעבט אין אויסלאַנד אין די יאָרן פון טעמפּער רעאַקציע. אַ סטודענט, וועלכער איז געקומען פון רוסלאַנד איז געווען אַ גאַנצע געשעעניש, אָבער קומען צופאָרן האָט מען מורא געהאַט.

ווען צו זיי זענען אין די 90ער יאָרן פאַרפאָרן קלאַסאָן און קאָראָבקאָ, האָט מען תּיכּף נאָכן צוריקקערן זיך אַהיים, זיי אַרויסגערופן אין דער זשאַנדאַרמעריע און געפרעגט, נאָך וואָס זיי זענען געפאָרן צו פּלעכאַנאָוון. די נאָכשפּירונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע. פון דער גאַנצער גרופּע „אָסוואָ־באָזשדעניע טרודאַ" האָט זיך ווערא איוואַנאָוונאַ צומיינסטן געפילט איינזאַם. פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד האָבן דאָך געהאַט זייער פאַמיליען־לעבן. ווערא איוואַנאָוונא האָט נישט איינמאָל גערעדט וועגן איר איינזאַמקייט. „איך האָב קיין שום קרובים נישטאָ", — און זי האָט זיך באַלד באַמיט צו פאַרמאַסקירן דעם ווייטיק פון אירע איבערלעבונגען מיט אַ שפּאַס: „איך ווייס, איר האָט מיך ליב, אָבער בעת איך וועל שטאַרבן, צי וועט איר אויסטרינקען מיט איין טעפּל טיי ווייניקער?"

זי האָט שטאַרק געלעכצט נאָך אַ פאַמיליען־לעבן. ס׳איז אפשר דערפאַר, ווייל זי איז אויסגעוואָקסן אין אַ פרעמדער משפּחה. זי איז געווען אין דער לאַגע פון אַ „לערן־קינד". ס׳איז כּדאי געווען זיך צוצוקוקן, מיט וואָסער ליבע זי האָט זיך געפּאָרעט מיט דעם יאַטל דימקאַ (ג. סמידאָוויטשעס אַ שוועסטערקינד). זי האָט אפילו געפירט דיווירטשאַפט, זי האָט געקויפט פּראָוויזיע אין די טעג, ווען ס׳איז געווע, איר ריי אָפּצוקאָכן אַ מיטאָג אין דער קאָמונע. (אין לאָנדאָן האָבן וועראַ איוואַנאָוונאַ, מאַרטאָוו און אַלעקסעעוו געלעבט אין אַ קאָ־מונע). איבעריקנס, האָבן קנאַפּ מענטשן געוווּסט וועגן וועראַ איוואַנאָוונעס פאַמיליען און ווירטשאַפטלעכע נייגונגען. זי האָט געלעבט ווי אַ ניהיליסטקע — האָט זיך אָנגעטאָן אומגעלומ־פּערט, האָט גערויכערט אָן אַ סוף; אין צימער האָט געהערשט די גרעסטע אומאָרדענונג; צוזוימען איר צימער האָט זי קיינעם נישט דערלויבט. געגעסן האָט זי אויף אַ פאַנטאַסטישן אופן. כ׳געדענק, ווי זי האָט איינמאָל געפּרעגלט פלייש אויף אַ נאַפט־מאַשינקע: זי האָט אָפּגעשניטן שטיקלעך פלייש מיט אַ שער און געגעסן.

„ווען איך האָב געלעבט אין ענגלאַנד — האָט זי דער־ציילט — האָבן די ענגלישע דאַמען מיך געוואָלט אַמוזירן מיט געשפּרעכן: „ווי לאַנג פּרעגלט איר פלייש?" — „ווי ס׳קומט אויס — פלעג איך ענטפערן — אַז ס׳ווילט זיך עסן, פּרעגל איך אַ מינוט צען, און אַז ס׳ווילט זיך נישט — אַ שעה דריי. נו, האָבן זיי זיך פון מיר אָפּגעטשעפּעט".

ווען וועראַ איוואַנאָוונאַ פלעגט שרייבן, האָט זי זיך פאַרשלאָסן און געגנערט זיך בלויז מיט שטאַרקן שוואַרצן קאַווע.

נאָך רוסלאַנד האָט וועראַ איוואַנאָוונאַ שטאַרק געבענקט. דאַכט זיך, אַז אין 1899 יאָר האָט זי זיך אומלעגאַל אַריבער־געקליבן קיין רוסלאַנד — נישט אויף אַרבעט, נאָר סתּם „אַ קוק צו טאָן אויף אַ רוסישן פּויער, ווי ס׳קוקט אויס זיין נאָז". און אָט, ווען ס׳האָט אָנגעהייבן צו דערשיינען די „איסקראַ",

האָט זי דערפילט, אַז ס'איז אַ שטיקל רוסישע אַרבעט. אַוועק־גיין פון דער „איסקרא" האָט ביי איר געהייסן — ווידער אָפּ־רייסן זיך פון רוסלאַנד, ווידער אָנהייבן זינקען אין דער טוי־טער, איינזינקענדיקער עמיגראַציע.

דעריבער, בעת ס'איז אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר אַנט־שטאַנען די פראַגע וועגן דער רעדאַגירונג פון דער „איסקראַ", האָט זי זיך אויפגערעגט. פאַר איר איז עס נישט געווען קיין פראַגע פון אייגנליבע, נאָר אַ פראַגע פון לעבן און טויט.

אין פינפטן יאָר איז זי אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט פאַרבליבן.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר האָט ווערא איוואַנאָוונאַ צום ערשטן מאָל אין איר לעבן זיך געשטעלט קעגן פּלעכאַנאָוון. לאַנגע יאָרן פון געמיינזאַמען קאַמף האָבן זי פאַרייניקט מיט פּלעכאַנאָוון, זי האָט געזען וואָסער גרוואַלדיקע ראָל ער האָט געשפּילט ביים אָנפירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זי האָט אים אָפּגעשאַצט אַלס אַ גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט אָפּגעשאַצט זיין שכל, זיין זעלטע־נעם טאַלענט. דער קלענסטער סיכסוך מיט פּלעכאַנאָוון פלעגט איר קאָסטן געזונט, אָבער אין דעמדאָזיקן פאַל איז זי נישט געגאַנגען מיט פּלעכאַנאָוון.

פּלעכאַנאָווס מזל איז אַ טראַגישער. אויפן טעאָרעטישן געביט זענען זיינע פאַרדינסטן אומגעהויער גרויס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער די עמיגראַציע־יאָרן זענען פאַר אים אומזיסט נישט אַדורך — זיי האָבן אים אָפּגעריסן פון דער רו־סישערווירקלעכקייט. די ברייטע מאַסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זענען אויסגעוואָקסן אין יענער צייט, ווען ער איז שוין געווען אין אויסלאַנד. ער האָט געזען פאָרשטייער פון פאַרשידענע פּאַרטייען, שרייבער, סטודענטן, אַפילו איינצלנע אַרבעטער, אָבער די רוסישע אַרבעטער־מאַסע האָט ער נישט געזען, מיט איר נישט געאַרבעט, זי נישט געפילט. עס פלעגט אָפּטמאָל אַריינפאַלן אַ קאָרעספּאָנדענץ פון רוסלאַנד, וואָס פלעגט אויפהייבן די פאָרהאַנג איבער די נייע פאָרמען פון

דער באַוועגונג, פלעגט געבן צו פילן די פּערספּעקטיוון פון דער באַוועגונג. וולאַדימיר איליטש, מאַרטאָוו און אפילו וועראַ איוואַנאָוונאַ פלעגן זיך נישט קענען אָפּרייסן פון דידאָזיקע ידיעות. וולאַדימיר איליטש פלעגט נאָכדעם לאַנג אַרומשפּרייזן איבערן צימער, בייַנאַכט נישט קענען אַנטשלאָפן ווערן. ווען איך בין אַריבערגעפאָרן קיין זשענעווע און באַמיט זיך צו באַווייזן פלעכאַנאָוון די קאָרעספּאָנדענץ און די בריוו, האָב איך זיך שטאַרק געחידושט, וויאַזוי ער האָט אויף זיי רעאַגירט. מען האָט באַקומען דעם איינדרוק, גלייך ער האָט דעם באָדן פאַרלוירן אונטער די פיס. עפּעס אַ מין אומצוטרוי האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים, און שפּעטער האָט ער מער נישט גערעדט וועגן דידאָזיקע בריוו און קאָרעספּאָנדענצן.

מיט באַזונדערן אומצוטרוי האָט ער זיך אָנגעהייבן צו באַציען צו די בריוו פון רוסלאַנד נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר.

צוערשט האָט עס מיך פאַרדראָסן. אָבער נאָכדעם האָב איך אָנגעהייבן צו טראַכטן אָט וואָס: ער איז שוין לאַנג פון רוסלאַנד און האָט פאַרלוירן די דערפאַרונגס-מאָס, וועלכע גיט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן די ספּעציפישע וואָג פון יעדן בריוו, צו קענען לייענען אַ סך צווישן די שורות.

אָפטמאָל זענען אַרבעטער געקומען צופאָרן אין דער „איסקראַ“; יעדער איינער פון זיי, פאַרשטייט זיך, האָט געוואָלט אָנקוקן פלעכאַנאָוון. אָנקומען צו פלעכאַנאָוון איז געווען אַ סך שווערער, ווי צו אונדז אָדער צו מאַרטאָוון; אָבער אויב אפילו דעם אַרבעטער איז געלונגען זיך צו זען מיט אים, פלעגט ער אַוועקגיין מיט אַן אויסטערלישן געפיל. ער פלעגט נתפּעל ווערן פון פלעכאַנאָווס זעלטענעם שכל, פון זיין וויסן, פון זיין שאַרפזיניקייט. און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַוועקגייענדיק, פלעגט דער אַרבעטער דערפילן אַן אומגעהויערן תהום צווישן זיך און דעם זעלטענעם טעאָרעטיקער, ווייל דורכשמועסן זיך מיט אים, דערציילן אים, וואָס ס'איז ביי אים געלעגן אויפן האַרצן, זיך שואל-עצה זיין מיט אים האָט ער נישט געקענט.

און אויב דער ארבעטער איז ניט מסכים געווען מיט פּלעכאַנאָוון, האָט געפּרווט אַרויסזאָגן זיין אייגענע מיינונג — האָט פּלעכאַנאָוו זיך אָנגעהייבן אויפצורעגן: „אייערע טאַטעס און מאַמעס האָבן נאָך אונטערן טיש שפּאַצירט, בעת איך...״

מעגלעך, אַז ס׳איז נישט געווען אַזוי אין די ערשטע עמיגראַציע־יאָרן, אָבער אין אָנהייב פון די 900־טע יאָרן האָט פּלעכאַנאָוו שוין געהאַט פאַרלוירן דעם אוממיטלבאַרן חוש צו רוסלאַנד. אין 1905 איז ער קיין רוסלאַנד נישט געפאָרן.

אַקסעלראָד איז געווען מער אָרגאַניזאַטאָר פון פּלעכאַנאָוון און זאַסוליטשן. ער איז געקומען אין נעענטערער באַריִרונג מיט די אורחים פון רוסלאַנד, ביי אים האָבן זיי אַ סך צייט פאַרבראַכט, דאָרט האָט מען זיי געגעבן צו עסן, צו טרינקען, ער האָט זיי וועגן אַלץ אויספירלעך פאַנאַנדערגעפרעגט.

ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט רוסלאַנד, ער האָט געוווסט די קאָנספּיראַטיווע עצות פון פאַרבינדונג. אָבער מען קען זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי ס׳האָט זיך געקענט פילן אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער־אָרגאַניזאַטאָר אין די לאַנגע יאָרן פון שווייצאַרישער עמיגראַציע! אַקסעלראָד האָט אויף דריי פערטל פאַרלוירן זיין אַרבעטספעיקייט, ער פלעגט גאַנצע נעכט נישט שלאָפן, האָט געשריבן מיט געוואַלטיקער אָנשטרענגונג, חדשים־לאַנג נישט געקענט פאַרענדיקן קיין אָנגעשריבענעם אַרטיקל. זיין האַנטשריפט האָט מען כמעט נישט געקענט איבערלייענען — אַזוי נערוועז האָט ער געשריבן.

אַקסעלראָדס האַנטשריפט האָט אויף וולאַדימיר איליטשן תמיד געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. „מען קען געהאַלפן ווערן, אַז מ׳קומט אין אַזאַ צושטאַנד ווי אַקסעלראָד — האָט וולאַדימיר איליטש נישט איינמאָל איבערגעחזרט — ס׳איז פּשוט אַ שרעק״. וועגן אַקסעלראָדס האַנטשריפט האָט ער נישט איינמאָל גערעדט מיטן דאָקטאָר קראַמער, וועלכער האָט אים געהיילט בעת זיין לעצטער קראַנקייט. ווען וולאַדימיר איליטש

איז צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד *), פלעגט ער אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן ס׳רוב זיך מיישב זיין מיט אַק־סעלראָדן. וועגן אַקסעלראָדן האָט ער מיר אַסך דערציילט, בעת איך בין געקומען קיין מינכען. וועגן אַקסעלראָדס גע־זונט-צושטאַנד האָט וולאַדימיר איליטש זיך ביי מיר תמיד נאָכ־געפרעגט, אָנגעוויזנדיק אויף זיין פאַמיליע אין ציילונג דעמאָלט, בעת ער האָט שוין נישט געקענט שרייבן און ריידן קיין וואָרט.

אַקסעלראָדן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס די „איסקראַ" דערשיינט נישט אין דער שווייץ און אַז דער גאַנצער פאַר־בינדונגס־שטראָם מיט רוסלאַנד גייט נישט דורך אים. דעריבער האָט ער זיך ווילד באַצויגן צו דער פראַגע וועגן „דריילינג" אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר. די „איסקראַ" וועט זיין אַן אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער צענטער, און ער ווערט באַזייטיקט פון דער אַרבעט! און דאָס געשעט דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר מער ווי אַלעמאָל געפילט דער אָטעם פון רוסלאַנד.

ווען איך בין געקומען קיין מינכען, האָט פון דער גרו־פע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" דאָרט געוווינט בלויז זאַסוליטש, אונטער אַ פרעמדן נאָמען — אויף עפעס אַ בולגאַרישן פאַס־פּאָרט און האָט זיך אָנגערופן גרויסע דימיטריעווונע.

אויף בולגאַרישע פאַספּאָרטן האָבן געמוזט לעבן אויך אַלע אַנדערע. ביז מיין אָנקום האָט וולאַדימיר איליטש גע־וווינט אָן אַ פאַספּאָרט. בעת איך בין געקומען צופאָרן, האָט מען גענומען אַ פאַספּאָרט פון עפעס אַ בולגאַר, דאָקטאָר יאָר־דאַנאָוו, אַריינגעשריבן אים דאָרט אַ ווייב מאַריצאַ און מען האָט זיך באַזעצט אין אַ צימער, וואָס מען האָט געדונגען ביי אַן אַרבעטער דורך אַן אַנאָנס. ביז מיר איז סעקרעטאַר פון דער „איסקראַ" געווען נינאַ גערמאָגעוונאַ סמידאָוויטש-לעמאַן, וועלכע האָט אויך געלעבט אויף אַ בולגאַרישן פאַספּאָרט און

*) אין 1895 (רעד.).

האָט זיך אָנגערופן דימקאַ. בעת איך בין געקומען צופאָרן, האָט וולאַדימיר איליטש מיר איבערגעגעבן, אַז ער האָט אָפּגעשמועסט, מען זאָל מיך באַשטימען פאַר אַ סעקרעטאַר. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, באַדייט, אַז די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד וועלן געפירט ווערן אונטערן שטרענגסטן קאָנטראָל פון וולאַדימיר איליטשן. מאַרטאָוו און פּאָטרעסאָוו האָבן דעמאָלט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן. חוצדעם, האָט די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" דעמאָלט נישט געהאַט קיין אייגענעם קאַנדידאַט און אגב האָבן זיי דעמאָלט אויף דער „איסקראַ" געקוקט מיט ביטול. וולאַדימיר איליטש האָט דערציילט, אַז ס'איז אים נישט געווען אָנגענעם די גאַנצע מעשה, אָבער פאַר דער זאַך איז עס געווען נייטיק. ס'האָט זיך תּיכּף אָנגעזאַמלט אַ מאַסע אַרבעט. די זאַך איז געוואָרן אָרגאַניזירט אָט אַזוי: בריוו פון רוסלאַנד האָט מען געשיקט אין פאַרשידענע שטעט פון דייטשלאַנד, אויף אַדרעסן פון דייטשע חברים, און די אַלע האָבן איבערגעשיקט דעם דאָקטאָר לעמאַן, וועלכער פלעגט עס אונדז איבערשיקן.

קורץ פאַרדעם איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע געשיכטע. ענדלעך, האָט זיך אין רוסלאַנד, אין קישעניעוו, איינגעגעבן איינצואָרדענען אַ דרוקעריי, און דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי אַקים, (ליבערס אַ ברודער — לעאָן גאָלדמאַן), האָט אַרויסגעשיקט אויף לעמאַנס אַדרעס אַ קישן מיט בראָשורן איינגענייט אינמיטן. אַ דערשטוינטער האָט זיך לעמאַן אויף דער פּאָסט אָפּגעזאָגט פון דער קישן, אָבער בעת אונדזערע האָבן זיך דערפון דערוווּסט און געמאַכט אַ טומל, האָט ער אָפּגענומען דאָס קישן און פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט איצט אָפּנעמען אַלץ, וואָס עס וועט אָנקומען, כאָטש אַ גאַנצן צוג.

די „איסקראַ" האָבן מיר נאָך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו טראַנספּאָרטירן קיין רוסלאַנד. די „איסקראַ" האָט מען ס'רוב אַריבערגעפירט אין טשעמאָדאַנען מיט דאָפּלטע דעקן, מיט פאַרשידענע פאַרשוינען, וועלכע האָבן מיטגענומען דידאָזיקע טשעמאָדאַנען קיין רוסלאַנד און דאָרט זיי צוגעשטעלט אויף אַ באַשטימטן אָרט.

אזא פונקט איז געווען אין פסקאָוו ביי די לעפּעשינסקיס, אין קיעוו און אין נאָך אַנדערע ערטער. די רוסישע חברים, אָפּ־נעמענדיק די ליטעראַטור, פלעגן זיי זי איבערגעבן דער אָרגאַני־זאַציע. דעם טראַנספּאָרט פון דער „איסקראַ“ האָבן גוט אָרגאַ־ניזירט די לאַטישן ראָלאַו און סקוביק.

דערויף האָט מען געפּטרט זייער פיל צייט. אַ סך צייט האָט מען אויך געפּטרט אויף פאַרשידענע שמועסן, פון וועלכע ס׳פלעגט נאָכדעם גאָרנישט אַרויסקומען.

דאַכט זיך, אַז אַ גאַנצע וואָך צייט האָט מען געפּטרט מיט אַ פּאַרשוין, וועלכער האָט געוואָלט אָנקניפּן פאַרבינדונ־גען מיט קאָנטראַבאַנדיסטן; ער האָט געזאָלט אַרומפאָרן איבערן גרענעץ מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, וועלכן מיר האָבן אים געדאַרפט קויפן.

מען האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די אַגענטן פון דער „איסקראַ“, אין בערלין, פאַריז, שווייץ, בעלגיע. זיי האָבן געהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן געקענט, אויפצוזוכן די יעניקע, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אָפּצופירן די טשעמאָדאַנען, זיי האָבן באַקומען געלט, פאַרבינדונגען, אַדרעסן א. אַז. וו.

אין אָקטאָבער 1901 האָט זיך פון דער גרופּע סימפּאַטיקער געשאַפן די אַזויגערופענע: „אויסלענדישע ליגע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“.

די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד זענען זייער שנעל געוואָקסן. איינער פון די סאַמע אַקטיווע קאָרעספּאָנדענטן פון דער „איסקראָ“ איז געווען באַבושקין, מיט וועלכן וולאַדימיר איליטש האָט זיך באַגעגנט פאַרן אָפּפאָרן פון רוסלאַנד און האָט זיך אויפגערעדט מכוח דער קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט געשיקט גרויסע קאָרעספּאָנ־דענצן פון אָרעכאָווא־זועוו, וולאַדימיר, גוס־כרוסטאַלנע, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק, קאָכמאַ, קינעשמאַ.

ער האָט תּמיד געמאַכט אויספלוגן אין דידאַזיקע ערטער און פאַרשטאַרקט די פאַרבינדונגען. מען האָט געשריבן פון פּע־טערבורג, מאָסקווע, פון אוראַל, פון דרום, מען האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער צפון־פאַרייניקונג. אינגיכן איז געקומען

צופאָרן פון איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק דער פאַרשטייער פון דער פאַרייניקונג, נאָסקאָוו. קיין מער רוסישן טיפּ האָט מען זיך גאָר-נישט געקענט פאָרשטעלן: בלויע אויגן, בלאָנדע האָר, עטוואָס געבויגן און גערעדט האָט ער אויפן „אָ". ער איז געקומען קיין אויסלאַנד מיט אַ פּעקל, כּדי וועגן אַלץ זיך דורכצושמועסן. זיי-נער אַ פעטער, אַ קליינער פאַבריקאַנט פון איוואַנאָוואָ-וואָזנעסענסק האָט אים געגעבן געלט אויף דער נסיעה קיין אויסלאַנד, כּדי פּטור צו ווערן פונם אומרויקן פּלעמעניק, וועלכן מען האָט דאָ אַרעסטירט און דאָ רעווידירט. באָריס ניקאָלאַעוויטש (געהייסן האָט ער וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש און ב. נ. איז געווען זיין צונאָמען), איז געווען אַ גוטער פּראַקטיקאַנט. איך האָב אים נאָך באַגעגנט אין אופע, ווהין ער איז אַראָפּגעפאָרן אויף זיין וועג קיין יעקאַטערינבורג. אין אויסלאַנד איז ער געקומען אַנצוקניפּן „פאַרבינדונגען". שאַפן פאַרבינדונגען — דאָס איז געווען זיין פּראָפעסיע. כ'געדענק, ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּליטע אין אונדזער מינכענער שמאָלער קיך און מיט זיינע פינקלדיקע אויגן האָט ער אונדז דערציילט וועגן דער אַרבעט פון דער צפון-פאַרייניקונג. ער האָט דערציילט מיט גרויס באַ-גייסטערונג. וולאַדימיר איליטש האָט מיט זיינע פראַגן צוגעגאָסן אייל אויפן פייער. כּל-זמן באָריס האָט געוווינט אין אויסלאַנד, האָט ער אין אַ העפט זאָרגזאַם פאַרשריבן אַלע פאַרבינדונגען: ווו איינער וווינט, וואָס ער טוט, מיט וואָס ער קען ברענגען נוצן. נאָכדעם האָט ער אונדז איבערגעלאָזן דידאָזיקע אַלע פאַרבינדונגען. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער פּאַרטײ־אָרגאַ-ניזירער. אגב, האָט ער זייער אידעאַליזירט מענטשן און אַר-בעט, אָבער ער האָט נישט געהאַט די פעיקייט צו קוקן דער ווירקלעכקייט דרייסט אין די אויגן. נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר איז ער געוואָרן אַ „פּרימירענעץ" און שפּעטער איז ער אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע. אין די רעאַקציע־יאָרן איז ער געשטאָרבן.

קיין מינכען זענען געקומען אויך אַנדערע. ביז מיין אָנ-קום איז אין מינכען געווען סטרוווע. ס'האָט שוין דעמאָלט

געהאַלטן דערביי, מען זאָל מיט אים איבעררייסן. ער האָט דעמאָלט געהאט אריבערגעגאנגען פון סאָציאַל־דעמאָקראטישן לאַגער צו די ליבעראַלן. בעת ער איז געקומען צום לעצטן מאָל, איז פאָרגעקומען אַ העפטיקער צוזאמענשטויס. ווערא אי־וואַנאָוונאַ האָט אים געקרויגט מיט אַ צונאָמען „דאָס אונטער־געשמידטע קאַלב". וולאַדימיר איליטש און פלעכאַנאָוו האָבן זיך פון אים מייאש געווען. ווערא איוואַנאָוונא האָט געהאַלטן, אַז די האָפענונג איז נאָך אינגאַנצן נישט פאַרלוירן. איר מיט פאָטרעסאָוון האָט מען אין שפּאַס אָנגערופן: „Struve-freundliche Partei".

סטרוווע איז געקומען צופאָרן צום צווייטן מאָל, בשעת איך בין שוין געווען אין מינכען. וולאַדימיר איליטש האָט זיך אָפּגעזאָגט אים צו זען. איך בין אַוועק זיך זען מיט סטרוווען אויף ווערא איוואַנאָוונעס דירה. די זעונג איז געווען זייער אַ שווערע. סטרוווע איז געווען שטאַרק באַליידיקט. ס'האָט גע־שמעקט מיט אַ מין שווערער „דאָסטאָיעווסקישינע". ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס מען האַלט אים פאַר אַ רענעגאַט וכדומה. מיט איין וואָרט: ער האָט געמאַכט חוזק פון זיך אַליין. איצט געדענק איך שוין נישט, וואָס ער האָט גערעדט; איך געדענק בלויז דעם שווערן געמיט, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען פון דער זעונג. ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז ער איז אַ מענטש פון אַ פרעמדער פּאַרטיי. וולאַדימיר איליטש איז געווען גערעכט. אין אַ צייט אַרום, — איך געדענק שוין נישט מיט וועמען, — האָט סטרוועס ווייב, נינאַ אַלעקסאַנ־דראָוונאַ, צוגעשיקט אַ גרוס און אַ קעסטל מאַרמעלאַד. זי האָט גאָרנישט געקענט העלפן און דערצו האָט זי אפשר קוים פאַר־שטאַנען, וווּהין סטרוווע ציט. אָבער סטרוווע האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער טוט.

נאָך מיין קומען האָבן מיר זיך באַזעצט ביי אַ דייטשער אַרבעטער־פאַמיליע. ס'איז געווען אַ משפּחה פון אַ זעקס פאַר־שוין. זיי אַלע האָבן געלעבט אין אַ קליין צימער און אין דער קיך. אָבער די ריינקייט איז דאָרט געווען אַן אויסערגעוויינלעכע;

די קינדער זענען געווען זויבער, העפֿלעך... איך האָב באַשלאָסן אַריבערצופֿירן וולאַדימיר איליטשן אויף אייגענע קעסט. איך האָב אָנגעהייבן צו קאָכן. איך האָב געקאָכט אין קיך, אָבער צוגרייטן האָב איך אַלץ געמוזט ביי זיך אין צימער. איך האָב זיך באַמיט צו מאַכן אַ קלענערן גערויש, ווייל וולאַדימיר איליטש האָט שוין דעמאָלט אָנגעהייבן צו שרייבן זיין „וואָס טוט מען". בעת ער האָט געשריבן, פֿלעגט ער געוויינלעך שנעל אַרומגיין פֿון איין ווינקל אין צווייטן און אינדערשטיל אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים שרייבן. צו יענער צייט בין איך שוין געווען צוגעוווינט צו זיין אויפֿן פֿון אַרבעט. ווען ער האָט געשריבן, האָב איך מיט אים פֿון קיין שום זאַך נישט גערעדט, וועגן קיין זאַך נישט געפֿרעגט. נאָכדעם, אויפֿן שפּאַציר, פֿלעגט ער מיר דערציילן, וואָס ער שרייבט און וואָס ער טראַכט. דאָס איז ביי אים געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַזאַ נויטווענדיקייט, ווי אינדערשטיל אונטערזאָגן זיך אַליין אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט געדאַרפֿט אָנשרייבן. מיר פֿלעגן אַרומקריכן איבער די סביבות פֿון מינכען, אויסקלייבנדיק זיך ערטער, וווּ ס'זענען פֿאַראַן ווייניקער מענטשן.

אין אַ חודש אַרום זענען מיר אַריבער אויף אַן אייגענע דירה, אין מינכענער פֿאָרשטאָט „שוואַבינג", אין איינס פֿון די ניי-אויפֿגעבויטע הייזער. מען האָט איינגעקויפֿט אַ ווירטשאַפֿט (אַוועקפֿאָרנדיק האָבן מיר די גאַנצע ווירטשאַפֿט פֿאַרקויפֿט פֿאַר 12 מאַרק) און אָנגעהייבן צו לעבן זעלבסטשטענדיק.

אָנהייב חודש, פֿלעגט נאָך מיטאָג קומען מאַרטאָוו; קומען פֿלעגן אויך אַנדערע; ס'פֿלעגט פֿאָרקומען די אַזויגערופֿענע זיצונג פֿון דער „רעדאַקציע". מאַרטאָוו האָט געהאַלטן אין איין ריידן, דערביי פֿלעגט ער תּמיד איבערשפּרינגען פֿון איין טעמע אויף דער צווייטער. ער האָט אַ סך געלייענט, שטענדיק האָט ער געהאַט המרים נייס, האָט אַלץ געוווּסט. „מאַרטאָוו איז אַ טיפּישער זשורנאַליסט" — פֿלעגט זיך וועגן אים וולאַדימיר איליטש אָפּטמאָל אויסדריקן — ער האָט גרויס טאַלענט, כאַפּט אַלץ אויף אין פֿלוג, זייער עמפּינדלעך, אָבער צו אַלץ באַציט

ער זיך לייכט". פאַר דער „איסקראַ" איז מאַרטאָוו געווען אומפאַרבייטלעך. וולאַדימיר איליטש פלעגט אָפּגעמאַטערט ווערן פון די טאָג-טעגלעכע 5–6 שעהדיקע שמועסן, פלעגט פון זיי ווערן קראַנק, אומאַרבעטספעיק. איינמאָל האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל צוגיין צו מאַרטאָוון און זען, ער זאָל צו אונדז נישט קומען. מיר האָבן אָפּגעשמועסט, אַז איך וועל גיין צו מאַר־טאָוון, וועל אים איבערגעבן דעם אינהאַלט פון די אָנגעקומענע בריוו און זיך דורכשמועסן מיט אים. דערפון איז אָבער גאָר־נישט אַרויסגעקומען, ווייל אין צוויי טעג אַרום האָט זיך אי־בערגעחזרט דיזעלבע געשיכטע. מאַרטאָוו האָט נישט געקענט לעבן אָן שמועסן. אָפּגעפּאַרטיקט זיין וויזיט ביי אונדז, פלעגט ער נאָך אַוועקגיין מיט ווערע איוואַנאָווגען, דימקען און בלו־מענפעלדן*) אין אַ צוקערניע, ווו זיי פלעגן אָפּזיצן שעהנ־לאַנג.

נאָכדעם איז געקומען צופאָרן דאַן מיט ווייב און קינ־דער. מאַרטאָוו פלעגט ביי זיי פאַרברענגען גאַנצע טעג.

אין אָקטאָבער חודש זענען מיר געפאָרן פון מינכען קיין ציריך — זיך פאַרייניקן מיט דער „אַרבעטער-זאַך". ס'איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. אַקימאָוו, קריטשעווסקי און אַנדערע האָבן זיך דערעדט צו קלאָץ־בוידעם־פּאָליצע. מאַר־טאָוו האָט זיך שטאַרק געהיצט, אַרויסטרעטנדיק קעגן די אָנפי־רער פון דער „אַרבעטער־זאַך". ער האָט אפילו צעפליקט זיין קראַוואַט. צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין אַזאַ צו־שטאַנד. פלעכאַנאָוו איז געווען שאַרפזיניק. ער האָט צוזאַמענ־

---

*) בלומענפעלד פלעגט אויסזעצן די „איסקראַ", צוערשט אין לייפּציג, נאָכ־דעם אין מינכען, אין די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דרוקערייען. ער איז געווען אַ זעלטענער זעצער און אַ גוטער חבר. ער האָט זיך זייער ערנסט באַצויגן צו דער זאַך. ער האָט זייער ליב געהאַט ווערע איוואַנאָוונען, תמיד געזאָרגט וועגן איר. מיט פלעכאַנאָוון האָט ער נישט געלעבט בשלום. דאָס איז געווען א חבר, אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט פולשטענדיק פאַרלאָזן. צו וואָס ער האָט זיך גענומען, האָט ער עס אויסגעפירט.

געשטעלט אַ רעזאָלוציע וועגן דער אוממעגלעכקייט צו פּאַריי-ניקן זיך. דאַן האָט מיט אַ הילצערנע שטים איבערגעליי-ענט די רעזאָלוציע אויף דער קאָנפערענץ. דער „פּויפּסטלעכער נונציוס" האָבן די קעגנער צוגעוואָרפן אויף זיין אַדרעס.

דידאַזיקע שפּאַלטונג האָט מען אַריבערגעטראָגן אָן שום ווייטיק. ס'איז, אייגנטלעך, קיין שום שפּאַלטונג נישט פאָרגע-קומען, היות לעניין און מאַרטאָוו האָבן אין דער „אַרבעטער-זאַך" נישט געאַרבעט. פּלעכאַנאָוו איז געווען אין אַ זעלטענער שטימונג, ווייל דער קעגנער, מיט וועלכן ס'פלעגט אים אויס-קומען אַזויפיל צו קעמפן, איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אויף די לאָפּאַטקעס. פּלעכאַנאָוו איז געווען פריילעך און רעדעוודיק.

מיר האָבן געוווינט אין איין האָטעל, צוזאַמען געגעסן, און די צייט איז זייער גוט אַדורך.

בלויז צייטנווייז פלעגט אַרויסטויכן עפּעס אַ חלוקי-דעות בנוגע דעם צוגאַנג צו געוויסע פראַגן.

ס'איז מיר פאַרבליבן אין זכרון איין שמועס. אין דער צוקערניע, זייט ביי זייט מיטן צימער, ווו מיר זענען געזעסן, האָט זיך געפונען אַ גימנאַסטישער זאַל. פונקט דעמאָלט האָט מען זיך געאיבט אין „פּאָכן". די אַרבעטער, באַוואָפנט מיט ברוסט-פּאַנצערס, האָבן זיך געפאָכטעט מיט טאָווּלנע שווערדן. פּלעכאַנאָוו האָט געלאַכט: „ביי דער צוקונפטיקער אָרדענונג וועלן מיר זיך אויך אַזוי שלאָגן". אומקערנדיק זיך אַהיים, בין איך געגאַנגען מיט אַקסעלראָדן. ער האָט ווייטער אַנטוויקלט די טעמע, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט באַרירט: „ביי דער צוקונפ-טיקער אָרדענונג וועט זיין אַ שטערבלעכע אומעט, ווייל ס'וועט בכלל קיין קאַמף נישט זיין".

צו יענער צייט בין איך נאָך געווען זייער שעמעוודיק און גאָרנישט אָפּגעענטפערט, נאָר איך געדענק, אַז איך האָב געשטוינט פון אַזאַ מין שמועס.

קומענדיק צוריק פון ציריך, האָט וולאַדימיר איליטש זיך גענומען צו פאַרענדיקן זיין „וואָס טוט מען". שפּעטער זענען די מענשעוויקעס שרעקלעך אָנגעפאַלן אויף „וואָס טוט מען",

אָבער גראָד דעמאָלט האָט עס אַלעמען פּאַראינטע.ע.סירט, הויפּטזעכלעך די, וועמען די רוסישע אַרבעט איז געשטאַנען באַקענטער צום האַרצן. די גאַנצע בראָשור איז געווען — אַ ליידנשאַפטלעכער אויפרוף צו אָרגאַניזירן זיך, האָט אָנגעוואָרפן אַ ברייטן אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן, ווו יעדער איינער האָט גע־קענט געפינען זיין אָרט, האָט געקענט ווערן אַ שרייפל פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַשין, אָן וועלכעס די אַר־בעט וואָלט נישט געקענט גיין, ווי קליין דאָס שרייפּעלע וואָלט נישט געווען. די בראָשור האָט גערופן צו האַרטנעקיקער אומ־דערמידלעכער אַרבעט, כּדי צו שאַפן דעם יסוד, אויף וועלכן ס׳האָט ביי די דעמאָלטיקע רוסישע באַדינגונגען געדאַרפט קע־נען עקזיסטירן אַ פּאַרטיי, נישט אויף ווערטער, נאָר אין דער ווירקלעכקייט. אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר שווערע אַרבעט, מען דאַרף אַרבעטן, אַרבעטן נישט פאַר־לייגנדיק די הענט, „זיין תּמיד גרייט אויף אַלץ אין דער וועלט, אָנהייבנדיק פון ראַטעווען דעם כּבוד, דער פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי אינם מאָמענט פון דער העכסטער רעוואָלו־ציאָנערער „אונטערדריקונג״ און ענדיקנדיק מיט הכנות אויף אַדורכ־צופירן אַ באַוואָפנטן פאָלקס־אויפשטאַנד״, — האָט געשריבן וולאַדימיר איליטש אין זיין „וואָס טוט מען״.

זיבנאונצוואַנציק יאָר זענען אַדורך פון יענער צייט, זינט דידאָזיקע בראָשור איז אָנגעשריבן געוואָרן. אין דידאָזיקע זיבני־אונצוואַנציק יאָר איז אַריינגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין די באַדינגונגען פון דער פּאַרטיי־אַרבעט, גאַנץ אַנדערע אויפ־גאַבן שטייען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער נאָך איצט ווערט מען באַגייסטערט פונם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פון דער־דאָזיקער בראָשור, און אפילו איצט דאַרף דידאָזיקע בראָשור שטודירן דער, וועלכער וויל נישט מיט ווערטער, נאָר מיט טאַט זיין אַ לענינִיסט.

אויב דער „פאָלקס־פריינט״ האָט געהאַט אַ ריזיקע באַ־דייטונג פאַרן באַשטימען דעם וועג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט „וואָס טוט מען״ באַשטימט דעם ברייטן פּלאַן

פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און אָנגעוויזן אויף אַ באַשטימ־טער זאַך.

ס'איז קלאָר געווען, אַז דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַר־טיי איז פּריצייטיק, אַז ס'זענען נאָך נישטאָ די פאַקטאָרן דערצו, ער זאָל נישט בלייבן הענגען אינדערלופטן, ווי ס'איז געבליבן הענגען אינדערלופטן דער 1־טער צוזאַמענפאָר. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך נאָך געפאָדערט לאַנגע צוגרייטונגס־אַרבעט. דעריבער האָט זיך קיינער נישט באַצויגן ערנסט צום פּרווו פונם בונד: צוזאַמענצורופן אַ צוזאַמענפאָר אין ביאַליסטאָק. פון דער „איסקראַ" איז אַהין אַוועקגעפאָרן דאַן, מיטנעמענדיק אַ טשעמאָדאַן מיט אַ דאָפּלטן דעק, ווו ס'זענען געווען אָנגע־פּאַקט די בראָשורן „וואָס טוט מען". דער ביאַליסטאָקער צוזאַ־מענפאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנפערענץ.

„איסקראַ" האָט געאַרבעט אויף אַלע כּלים. איר איינפלוס איז געוואָקסן. צום צוזאַמענפאָר האָט מען צוגעגרייט אַ פּראָ־גראַם פון דער פּאַרטיי. אויף אַ וויכּוח זענען אין מינכען גע־קומען צופאָרן פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד. פּלעכאַנאָוו האָט אָנ־געגריפן עטלעכע שטעלן פונם פּראָגראַם, וואָס לענין האָט אָנ־געוואָרפן. ווערא איוואַנאָוונאַ איז נישט אין אַלץ געווען איינ־שטימיק מיט לענינען, אָבער מיט פּלעכאַנאָוון האָט זי אויך פולשטענדיק נישט מסכּים געווען. אַקסעלראָד האָט טיילווייז איינגעשטימט מיט לענינען. די זיצונג איז געווען אַ שווערע. ווערא איוואַנאָוונאַ האָט געוואָלט ווידערשפּרעכן פּלעכאַנאָוון, אָבער ער האָט אָנגענומען אַ העזהדיקן אויסזען און איבער־קרייצנדיק די הענט, האָט ער אַזוי געקוקט אויף איר, אַז ווערא איוואַנאָוונאַ איז לגמרי צעחושט געוואָרן. ס'איז צוגעקומען צו אָפּשטימונג. אַקסעלראָד, וועלכער איז מסכּים געווען מיט לע־נינען בנוגע דער פראַגע, אין וועלכער ס'האָט זיך געהאַנדלט, האָט פאַר דער אָפּשטימונג געמאָלדן, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי און אַז ער וויל זיך גיין דורכשפּאַצירן.

וולאַדימיר איליטש האָט זיך שטאַרק געקאָכט. אַזוי־

אַרבעטן קען מען נישט. לויט זיין מיינונג איז עס נישט געווען קיין זאַכלעכע באַהאַנדלונג.

ס'איז אויסגעוואַקסן די נויטווענדיקייט צו בויען די אַרבעט אויף זאַכלעכע יסודות, אַזוי אַז עס זאָל אין איר נישט אַריינגעטראָגן ווערן קיין פּערזענלעכער עלעמענט, אַז די קאָפּ־ריזן, די היסטאָריש־צוזאַמענגעלייגטע באַציונגען זאָלן נישט האָבן קיין איינפלוס אויף זיין באַשלוס.

יעדער סיכסוך מיט פּלעכאַנאָוון האָט וולאַדימיר איליטשן געקאָסט געזונט, ער פלעגט נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, איז געווען דענערווירט. פּלעכאַנאָוו ווידער איז געווען אין כּעס און זיך געבלאָזן.

איבערלייענענדיק וולאַדימיר איליטשעס אַרטיקל צום פערטן נומער „זאַריאַ“, האָט פּלעכאַנאָוו עס צוריקגעקערט וועראַ איוואַנאָוונען, מיט באַמערקונגען אויף די בלויזן, אויסגיסנדיק דערויף זיין גאַנצן צאָרן. דערזעענדיק זיין צוריקגעקערט אַרטיקל, האָט וולאַדימיר איליטש פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קען מער נישט דרוקן די „איסקראַ“ אין מינכען; דער אייגנטימער פון דער דרוקעריי וויל נישט ריזיקירן. מען האָט זיך געדאַרפט אַרויסציען פון דאָרט. אָבער וווהין? פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד זענען געשטאַנען פאַר דער שווייץ, די איבעריקע — דערשמעקנדיק די אַטמאָספער, וואָס עס האָט זיך געשאַפן בעת דעם וויכּוח אַרום דעם פּראָגראַם — האָבן געשטימט פאַר לאָנדאָן.

דערדאָזיקער מינכענער פּעריאָד האָט נאָכדעם אַרויסגעטויכט אין אונדזערע זכרונות, ווי עפּעס אַ ליכטיקער פּעריאָד. די ווייטערדיקע יאָרן פון דער עמיגראַציע האָבן מיר שווערער איבערגעלעבט. אין מינכענער פּעריאָד איז נאָך נישט געווען אַזאַ גרויסער שפּאַלט אין די פּערזענלעכע באַציונגען צווישן וולאַדימיר איליטשן, מאַרטאָוון, פּאָטרעסאָוון און וועראַ זאַסוליטש. אַלע כּוחות האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט — שאַפן אַן אַלרוסישע צייטונג. אַלע כּוחות האָבן זיך אינטענסיוו

גרופירט אַרום דער „איסקראַ". אַלע האָבן געשפּירט, אַז די פּאַרטיי וואַקסט, אַלע האָבן געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז דער אויסגעקליבענער וועג צו שאַפן די פּאַרטיי איז אַ ריכטיקער.

דעריבער האָט מען געקענט נישט בלויז אויסרעכן, נאָר פון גאַנצן האַרצן זיך פרייען אויפן קאַרנאַוואַל-יום-טוב. און באמת, נאָר דעמאָלט איז מעגלעך געווען דידאָזיקע ספּעציפישע לעבנסלוסטיקע שטימונג, וועלכע האָט אַלעמען אַרומגענומען אויף דער נסיעה קיין צוריך א. אַז. וו.

דאָס אָרטיקע לעבן האָט ספּעציעל נישט צוגעצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט. מיר זענען געווען זייטיקע צוקוקערס. מיר פלעגן אַמאָל אַריינשמעקן אויף אַ פאַרזאַמלונג, אָבער בכלל זענען זיי געווען קנאַפּ אינטערעסאַנט. איך געדענק די פייערונג פון 1-טן מאַי. אין יענעם יאָר איז צום ערשטן מאָל דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דערלויבט געוואָרן איינצואָרדענען דעמאָנסטראַציעס, אָבער מיטן באַדינג, נישט אויפצוזאַמלען זיך אין שטאָט, נאָר די פייערונג זאָל פאָרקומען הינטער דער שטאָט.

אַלזאָ, די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מיט ווייב און קינד און מיט רעטעכער אין די קעשענעס, האָבן אין לאַנגע רייען, שטיל זיך געצויגן איבער די גאַסן פון שטאָט — כדי צו טרינקען ביר אין די פאָרשטאָט-רעסטאָראַנען. דערדאָזיקער „Maifeier" האָט מיט קיין שום זאַך נישט דערמאָנט אַ דעמאָנסטראַציע וואָס זאָל האָבן אַ שייכות צום נצחון פונם אַרבעטער-קלאַס אויף דער גאַנצער וועלט.

אַזויווי די קאָנספּיראַציע איז ביי אונדז געווען אַ שטרענגע, פלעגן מיט זיך לגמרי נישט טרעפן מיט די דייטשע חברים. מיר האָבן זיך בלויז באַגעגנט מיט פּאַרווּסן, וועלכער האָט געוווינט מיט אַ ווייב און אַ קינד נישט ווייט פון אונדז, אין שוואַבינג. איינמאָל איז צו אים געקומען ראָזאַ לוקסעמבורג. איז וולאַדימיר איליטש דעמאָלט אַוועק זיך זען מיט איר. פּאַרווּס, פאַרנעמענדיק דעמאָלט זייער אַ לינקע פּאָזיציע, האָט

מיטגעארבעט אין דער „איסקראַ" און אינטערעסירט זיך מיט די רוסישע ענינים.

קיין לאָנדאָן זענען מיר געפאָרן דורך ליעזש. אין יענער צייט האָט דאָרט געוווינט ניקאָלאַי לעאָנידאָוויטש מעשטשעריאַקאָוו מיט זיין ווייב, — מיינע אַלטע גוטע פריינט פון דער זונטיק־שול. ווען איך האָב אים דעמאָלט געקענט, איז ער נאָך געווען אַ נאַראָדאָוואָלעץ, אָבער ער האָט מיך דער ערשטער אַרויפגעפירט אויפן וועג פון אומלעגאַלער אַרבעט, האָט מיך דער ערשטער אויסגעלערנט די כּללים פון קאָנספּיראַציע און מיך געהאָלפן צו ווערן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, ליפערנדיק מיר אויסלענדישע אויסגאַבן פון דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ".

איצט איז ער געווען א סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט שוין לאַנג געוווינט אין בעלגיע, האָט גלענצנד געקענט די אָרטיקע באַוועגונג, און מיר האָבן באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן צו אים.

פּונקט דעמאָלט איז מען אין ליעזש געווען שטאַרק אויפגערעגט. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זעלנער געשאָסן אין שטרייקנדיקע אַרבעטער. ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אויפרעגונג אין די אַרבעטער־קוואַרטאלן. מען האָט עס בולט אַרויסגעזען אויף די פּנימער פון די אַרבעטער, אויף די צונויפגעזאַמלטע גרופּן. מיר זענען געגאנגען באַקוקן דאָס פאָלקס־הויז. עס שטייט אין זייער אַ שלעכט אָרט, ווייל דעם עולם קען מען לייכט פאַרשפּאַרן אויפן פּלאַץ פארן הויז, ווי אין אַ נעץ. אַרבעטער האָבן זיך געצויגן צום פאָלקס־הויז. אַלזאָ, כּדי צו פארהיטן, עס זאָל זיך דאָרט פארן הויז נישט אויפזאמלען קיין צו גרויסער עולם, האָבן די פּאַרטייאישע אָנפירער באַשלאָסן, אַז די ארבעטער זאָלן זיך צונויפקומען אין אַלע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. דאָס האָט דערוועקט אַ געפיל פון אומצוטרוי אין באַצוג צו די אָנפירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ס'האָט זיך געשאַפן אַ מין אַרבעטס־פאַרטיילונג: איינע שיסן אין די מאַסן, די אנדערע ווידער זוכן תּירוצים זיי צו באַרויקן...

דאָס לעבן אין לאָנדאָן *)

(1902–1903)

לאָנדאָן האָט אונדז באַהערשט מיט זיין הערלעכן אויסזען, און הגם בעת מיר זענען אָנגעקומען איז געווען אַ שרעקלעכע בלאָטע, איז דאָך ביי וולאַדימיר איליטשן דאָס פּנים תּיכּף אויפגעלעבט געוואָרן און ער האָט מיט נייגעריקייט געקוקט אויף דער דאָזיקער פעסטונג פון קאַפּיטאַליזם, פאַרגעסנדיק אויף אַ צייט פּלעכאַנאָוון און די קאָנפליקטן אין דער רעדאַקציע.

אויפן וואָקזאַל האָט אונדז באַגעגנט ניקאָלאַי אַלעקסאַנדעראָוויטש אַלעקסעעוו, — אַ חבר וואָס האָט געלעבט אַלס עמיגראַנט אין לאָנדאָן און האָט זיך זעלטן גוט אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך. פון אָנהייב איז ער געווען אונדזער פירער, ווייל מיר זענען פּשוט אַריינגעפאַלן אין אַן אומבאַהאָלפענעם צושטאַנד. ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז מיר קענען ענגליש, היות אין סיביר האָבן מיר אַפילו איבערגעזעצט פון ענגליש אויף רוסיש וועבס אַ דיק בוך. איך אַליין האָב זיך אין תּפיסה געלערנט ענגליש פון אַ לערנבוך, אָבער איך האָב קיינמאָל קיין איינציק וואָרט נישט געהערט פון דער ענגלישער לעבעדיקער שפּראַך. בעת מיר האָבן אין שושענסק אָנגעהייבן איבערצו-

---

*) קיין לאָנדאָן איז וול. איל. געקומען אין אַפּריל 1902 (לייען אַקסעלראָדס בריוו צו מאַרטאָוון, Iטער באַנד זייט 79, 71, בערלין 1923. — רעד.).

זעצן וועבן, איז וולאַדימיר איליטש אויפגעציטערט געוואָרן פון מיין אויסשפּראַך. „ביי מיין שוועסטער איז געווען אַ לע־רערקע, האָט זי נישט אַזוי אויסגעשפּראָכן". איך האָב זיך נישט געשפּאַרט, נאָר אויפדאָסניי איבערגעחזרט. ווען מיר זענען גע־קומען קיין לאָנדאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר פאַרשטייען קיינעם נישט און קיינער פאַרשטייט אונדז נישט. צוערשט זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ קאָמישע לאַגע. וולאַדימיר אי־ליטש האָט דערפון געקוואַלן, אָבער גלייכצייטיק האָט עס אים פאַרדראָסן. ער האָט זיך מיט התמדה גענומען צו ענגליש. מיר האָבן אָנגעהייבן באַזוכן פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, מיר פלעגן זיך אַריינקריגן אין די ערשטע רייען און אויפמערקזאַם אַריינגעקוקט דעם רעדנער אין מויל אַריין. צוערשט פלעגן מיר גאַנץ אָפט קומען אין הייד־פּאַרק. דאָרט טרעטן אַרויס רעדנער פאַר די פאַרבייגייער און מען רעדט אויף פאַרשידענע טעמען. אָט שטייט אַן אַטעיסט און באַווייזט פאַר אַ גרופּע נייגעריקע, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט. מיר האָבן גערן אויסגעהערט איינעם אַזאַ רעדנער, ווייל ער האָט גערעדט מיט אַן איר־לענדישער אויסשפּראַך, וואָס מיר האָבן בעסער פאַרשטאַנען. דערנעבן, הייבט אַן אָפיציר פון דער „רעטונגס־אַרמיי" די הענט אינדערהויך און בעט עפּעס ביים אַלמעכטיקן גאָט, און עטוואָס ווייטער שטייט אַן אָנגעשטעלטער און שילדערט דאָס קאַטאָרגע־לעבן פון די אָנגעשטעלטע אין די גרויסע געשעפטן... דאָס האָט אונדז אַ סך געגעבן. שפּעטער האָט וולאַדימיר איליטש דורך אַן אַנאָנס אויפגעזוכט צווי ענגלענדער, וועלכע זענען געווען גרייט צו טוישן זיך מיט לעקציעס, און ער האָט מיט זיי גערן געלערנט. ער האָט זייער גוט שטודירט די שפּראַך.

וולאַדימיר איליטש האָט אויך שטודירט די שטאָט. ער איז נישט געגאַנגען קוקן אין די לאָנדאָנער מוזעען. איך רעד נישט וועגן בריטישן מוזיי, וווּ ער פלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג, ווייל דאָרט אַהין האָט אים נישט געצויגן דער מוזיי, נאָר די רייכסטע ביבליאָטעק אין דער וועלט, די באַקוועמלעכקייט, צו קענען זיך לערנען פאַרשידענע וויסנשאַפטן. איך רעד דאָ

בלויז וועגן די געוויינלעכע מוזעען. אינם מוזיי פון אַלטער־טימלעכקייטן, האָט וולאַדימיר איליטש אין 10 מינוט אַרום זיך געפילט אָפּגעמאַטערט, און מיר האָבן זיך שנעל אַרויסגעטראָגן פון די זאַלן, באַהאָנגען מיט ריטערישע כלי-זין, פון די אומ-ענדלעכע חדרים, אַרומגעשטעלט מיט עגיפּטישע און אַנדערע אַלטע וואַזעס. איך געדענק בלויז איין מוזייעלע פון וועלכן וולאַדימיר איליטש האָט נישט געקענט אַוועקגיין. דאָס איז גע-ווען דער מוזיי פון דער פּאַריזער רעוואָלוציע אין 1848 יאָר. דער מוזיי האָט זיך געפונען אין איין צימערל — דאַכט זיך אויף דער קאָרדיליער-גאַס, ווו ער האָט באַקוקט יעדע זאַך, יעדע צייכענונג.

איליטש האָט שטודירט דאָס לעבעדיקע לאָנדאָן. ער האָט ליב געהאַט אַרויפצוקלייבן זיך אינדערהויך אויף אַן אָמ־ניבוס און שעהנלאַנג אַרומפאָרן איבער דער שטאָט. ס׳איז אים זייער געפעלן געוואָרן די באַוועגונג פון דערדאָזיקער גרויסער האַנדלס-שטאָט. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן די שטילע סקווערן, פונוואַנען ס׳קוקן אַרויס פּרעכטיקע הייזער, באַפּוצט מיט שפּיגל-פענסטער און אַרומגעפלאָכטן מיט גרינס, די גאַסן, ווו ס׳פאָרן בלויז אַרום פּאָלירטע קעבן און, ענדלעך, די שמוציקע געסע-לעך פון די לאָנדאָנער אַרבעטער, וואָס טוליען זיך צו איינ־אַנדער, ווו אינמיטן הויף איז אַרויסגעהאָנגען וועש און אויף די גאַנקעס שפּילן זיך קליינע קינדער. דאָרט פלעגן מיר זיך לאָזן גיין צופוס און, צוקוקנדיק זיך צו דידאָזיקע שרייענדיקע קאָנטראַסטן פון רייכקייט און אָרעמקייט, פלעגט איליטש אי-בערחזרן: „Two nations!” (צוויי נאַציעס). אָבער אויך פון אָמניבוס האָט מען געקענט אָנקוקן אַ סך כאַראַקטעריסטישע סצענעס. לעבן די קנייפּעס זענען געשטאַנען געשוואָלענע, אַרומ-געריסענע און אַרומגעשליסענע מענטשן, צווישן וועלכע מען האָט אָפּטמאָל אויך געקענט באַמערקן אַ שיכּורע פרוי מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן, אין אַ סאמעטענער קלייד מיט אַ שלייף, אויסגעפליקטע אַרבל, א. אַז. וו. פון אָמניבוס האָבן מיר איינמאָל געזען, ווי אַ מגושמדיקער באָבי (פּאָליציאַנט),

אין זיין כאַראַקטעריסטישער קאַסקע, מיט אַן אונטערגעבונדענע גאָמבע, האָט מיט אַן אייזערנער האַנט געשטופּט אַ קרענקלעכן יינגל, קענטיק אַ געכאַפּטן גנב, און אַ גרויסער עולם מענטשן זענען אים נאָכגעגאַנגען מיט פייפערייען און געשרייען. אַ טייל מענטשן פונם אָמניבוס זענען אויפגעשפרונגען פון די ערטער און אויך אָנגעהייבן ריטשען אויפן גנב. נו, יאָ, האָט געבאָמקעט וולאַדימיר איליטש. אַמאָל צוויי זענען מיר געפאָרן אויבן אויפן אָמניבוס, אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, פונקט ווען מען האָט אויסגעצאָלט שכירות. לענגאויס דעם טראָטואַר פון דער ברייטער גאַס שטייט אַן אומענדלעכע רייע טישלעך, באַלויכטן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן; די טראָטואַרן זענען באַשאָטן מיט אַרבעטער און אַרבעטערינס, וועלכע קויפן מיט טומל און גערויש פאַרשידענע זאַכן און דאָרט אויפן אָרט מילדערן זיי זייער הונגער. וולאַדימיר איליטשן האָט תמיד געצויגן צו די אַרבעטער־מאַסן. ער איז געגאַנגען אומעטום, ווו דידאָזיקע מאַסן האָבן זיך געפונען: אויף אַ שפּאַציר, ווו פאַרמאַטערטע אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעקליבן אונטער דער שטאָט און שעהנלאַנג געלעגן אויפן גראָז, אין אַ שענק, אין אַ לעזע־זאַל.

אין לאָנדאָן זענען דאָ אַ סך לעזע־זאַלן פון איין צימער מיט אַן אַריינגאַנג פון דער גאַס, ווו ס׳איז אפילו נישטאָ קיין אָרט צום זיצן, נאָר ס׳שטייען טישלעך צום לעזן און צייטונגען צוגעפּעסטיקט צו פּאַפּקעס; דער, וואָס קומט אַריין, נעמט אַ צייטונג און נאָכן איבערלעזן הענגט ער זי אויף צוריק אויפן אָרט. אַזעלכע לעזע־זאַלן האָט וולאַדימיר איליטש נאָכדעם געוואָלט איינפירן אומעטום ביי אונדז. ער פלעגט גיין אין פאָלקס־רעסטאָראַנען, אין קלויסטערס. אין די ענגלישע קלויסטערס, נאָך דער מעסע קומען אָפטמאָל פאָר קורצע פאָרלעזונגען און שפּעטער דיסקוסיעס. דידאָזיקע דיסקוסיעס, אויף וועלכע ס׳פלעגן אַרויסטרעטן געוויינלעכע אַרבעטער, האָט וולאַדימיר איליטש שטאַרק ליב געהאַט. אין צייטונגען פלעגט ער אויסזוכן מעלדונגען וועגן אַרבעטער־פאַרזאַמ-

לונגען אין פאַרוואָרפענע סביבות, וועלכע זענען פאָרגעקומען אָן שום פּאַראַד, ווו ס׳זענען נישט געווען קיין לידערס, נאָר ס׳זענען געווען, ווי מען זאָגט איצט, פשוטע אַרבעטער פון וואַרשטאַט. אויף אַזאַ מין פאַרזאַמלונג פלעגט מען געוויינלעך פירן אַ דיסקוסיע וועגן עפעס אַ פראַגע, וועגן אַ פּראָיעקט, למשל, פון אַ גאָרטן-שטאָט. וולאַדימיר איליטש פלעגט זיך צו-הערכן גאַנץ אויפמערקזאַם און נאָכדעם מיט פרייד זאָגן: „עס ברויזט פון זיי אַרויס דער סאָציאַליזם! דער רעפערענט זאָגט גאָר קיין נייס נישט, טרעט אָבער אַרויס אַ געוויינלעכער אַר־בעטער, נעמט ער תיכף דעם אָקס פאר די הערנער, דעקט אויף דעם קווינט-עסענץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג״. אויפן געוויינלעכן ענגלישן אַרבעטער, וועלכער האָט נישט קוקנ-דיק אויף קיין שום זאַך איינגעהיט זיין קלאַסן-אינסטינקט, — אויף אים האָט וולאַדימיר איליטש געלייגט גרויסע האָפענונגען. אורחים זענען געוויינלעך בלויז די „פאַרבורזשויעוועטע״ אַרבע-טער־אַריסטאָקראַטיע, צעקריפּלט דורך דער בורזשואַזיע. וולאַ-דימיר איליטש האָט, פאַרשטייט זיך, אויך שטודירט דעמדאָזיקן אויבנאָן, די קאָנקרעטע פאָרמען, אין וועלכע ס׳גיסט זיך אריין דידאָזיקע בורזשואַזע השפעה; ער האָט אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן פאַקט און האָט זיך באַמיט אָנצוטאַפּן די באַוועגלעכע כוחות פון דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד.

אויף וואָסערע פאַרזאַמלונגען זענען מיר נישט אויסגע־ווען! איינמאָל זענען מיר פאַרקראָכן אין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַ-טישן קלויסטער. אין ענגלאַנד זענען דאָ אויך אַזעלכע. אַ פאַר-אַנטוואָרטלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער האָט אונטער דער נאָז געבבאָמקעט די ביבל, נאָכדעם האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אויף דער טעמע, אַז יציאת-מצרים איז געגליכן צום אַרויסגאַנג פון די אַרבעטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אין דער סאָציאַליסטישער. אַלע האָבן זיך אויפגעהייבן פון די ערטער, און פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געבעט־ספרימלעך האָט מען אַרויסגעזונגען: „גאָט, פיר אונדז אַרויס פון דער

קאַפּיטאַליסטישער מלוכה אין דער סאָציאַליסטישער". נאָכדעם זענען מיר ווידער אַמאָל אַוועק אין דעמדאָזיקן קלויסטער מיטן נאָמען „זיבן שוועסטער", אויף אַ שמועס מיט דער יוגנט. אַ יינגל האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן מוניציפּאַליטעט־סאָציאַליזם, באַווייזנדיק, אַז מען דאַרף נישט האָבן קיין שום רעוואָלוציע; און אַ ס. ד., וועלכער איז ביי אונדזער ערשטן באַזוך אַרויסגעטראָטן אין דער ראָל פון אַ פּאָפּ, האָט דאָסמאָל געמאָלדן, אַז צוועלף יאָר איז ער שוין אין דער פּאַרטיי און צוועלף יאָר קעמפט ער שוין מיטן אָפּאָרטוניזם און אַז דער מוניציפּאַלער סאָציאַליזם — איז לויטער אָפּאָרטוניזם.

די ענגלישע סאָציאַליסטן, אין זייער פּריוואַט לעבן קענען מיר זייער ווייניק. די ענגלענדער זענען — אַ פאַרשלאָסן פאָלק. אויף דער רוסישער עמיגראַנטישער באָהעמע האָבן זיי געקוקט מיט אַ נאַיוון חידוש. איך געדענק די שאלות, וועלכע ס'האָט מיר געשטעלט איינער אַן ענגלישער ס. ד., מיט וועלכן מיר האָבן זיך איינמאָל באַגעגנט ביי טאַכטאַרעוון: „צי דענקשע זענט איר געזעסן אין תּפיסה? ווען מען וואָלט מיין ווייב אַריינגעזעצט אין תּפיסה, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן! מיין ווייב אין תּפיסה!" ווי שטאַרק עס איז דאָרט איינגעוואָרצלט די בירגערלעכקייט, האָבן מיר אַרויסגעזען אין דער פאַמיליע פון אונדזער באַלעבאָסטע — אַן אַרבעטער־פאַמיליע — און ס'האָט עס אונדז דערוויזן דער ענגלענדער, וואָס האָט אונדז געגעבן אויסטויש־לעקציעס. דאָ האָבן מיר טיף דורכגעשטודירט די אָנסופיקע באַנאַליטעט פונם ענגלישן בירגערלעכן לעבן. איינער אַן ענגלענדער, וואָס האָט ביי אונדז גענומען אַ לעקציע און געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער בוכהאַנדלונג האָט געטענהט, אַז לויט זיין מיינונג, איז דער סאָציאַליזם אַ טעאָריע, וועלכע גיט די ריכטיקסטע אָפּשאַצונג איבער זאַכן. „איך בין אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט — האָט ער געזאָגט — אַ געוויסע צייט בין איך אפילו אַרויסגעטראָטן, ווי אַ סאָציאַליסט. דעמאָלט, האָט מיין באַלעבאָס מיך איינמאָל אַרויסגערופן און געזאָגט, אַז קיין סאָציאַליסטן דאַרף ער נישט

און אויב איך וויל ווייטער בלייבן ביי אים אויף דער שטעלע, מוז איך האַלטן די צונג אונטער די ציין. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: דער סאָציאַליזם וועט דאָך סיי ווי קומען, צי איך וועל אַרויסטרעטן אָדער ניין, און אַרויסטרעטן טאָר איך נישט צוליב מיין ווייב און קינדער. איצט דערצייל איך שוין קיינעם נישט, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט, אָבער אייך קען איך יאָ זאָגן".

דערדאָזיקער מיסטער ראַימאָנד, וועלכער איז דורכגעפאָרן כמעט גאַנץ אייראָפּע, האָט אַ צייט געלעבט אין אויסטראַליע וכדומה, און לאַנגע יאָרן פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, האָט קיין העלפט צומאָל נישט אָנגעזען, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט זיך דאָרט אָנגעקוקט פאַר איין יאָר. איליטש האָט אים איינמאָל אַוועקגעשלעפּט אין אוואייטשעפּל אויף אַ מיטינג. מיסטער ראַימאָנד, ווי ס׳רוב ענגלענדער, איז קיינמאָל נישט געוועזן אין דידאָזיקע טיילן פון דער שטאָט, באַוווינט דורך רוסן און יידן, וואָס האָבן געלעבט מיט אַן אייגנאַרטיק לעבן, נישט ענלעך צום לעבן פון דער איבעריקער טייל שטאָט. ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן פון חידוש.

לויט אונדזער מנהג פלעגן מיר זיך אַרומשלעפּן איבער די סביבות פון דער שטאָט. עפטער פלעגן מיר פאָרן אין דער אָזויגערופענער "Prime Rose Hill". דאָס איז געווען דער ביליקסטער קורס. דער גאַנצער שפּאַציר האָט געקאָסט זעקס פּענס. פונם בערגל האָט מען אַרויסגעזען כמעט גאַנץ לאָנדאָן, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַררויכערטן שטח. פונדאַנען פלעגן מיר גיין צופוס ווייטער אויפן שויס פון דער נאַטור – טיף אין די פּאַרקן און אויף גרינע וועגן. מיר האָבן ליב געהאַט צו פאָרן אויף "Prime Rose Hill" אויך דערפאַר, ווייל נאָענט פון דאָרט האָט זיך געפונען דער בית־עלמין, וווּ עס ליגט באַגראָבן מאַרקס. מיר פלעגן דאָרט אָפט אַהינגיין.

אין לאָנדאָן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן מיטגליד פון אונדזער פּעטערבורגער גרופּע, מיט אַפּאָלינאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ יאַקובאָוואַ. אין די פּעטערבורגער צייטן איז זי געווען זייער

אַן אַקטיווע אַרבעטערין. אַלע האָבן זי ליב געהאַט און איך בין מיט איר נאָך געווען פאַרבונדן פון דער אָוונט-זונטיקדיקער שולע, וואָס הינטער דער נעווער ראָגאַטקע און פון אונדזער אַלגעמיינער פריינטשאַפט מיט לידיאַ מיכאַילאָוונאַ קניפּאָוויטש. נאָך דער פאַרשיקונג, פונוואַנען זי איז אַנטלאָפן, האָט אַפּאָ־לינאַריאַ חתונה געהאַט מיט טאַכטאַריעוון, מיטן געוועזענעם רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער געדאַנק". איצט האָבן זיי געלעבט אויף עמיגראַציע, אין לאָנדאָן, נישט נעמענדיק קיין אַנטייל אין קיין שום אַרבעט. אַפּאָלינאַריאַ האָט זיך שטאַרק געפרייט, וואָס מיר זענען געקומען. זי מיטן מאַן האָבן אונדז גענומען אונטער זייער השגחה, האָבן אונדז געהאָלפן איינצואָרדענען זיך ביליק און גוט. מיט די טאַכטאַרעווס האָבן מיר זיך די גאַנצע צייט באַגעגנט, אָבער אַזוי ווי מיר האָבן אויסגעמיטן צו ריידן וועגן „אַרבעטער־געדאַנק", איז אין אונדזערע באַציונגען געווען אַ געוויסע אָנגעצויגנקייט. צוויי מאָל איז געקומען צו אַן אויפרייס. מען האָט זיך אויסגעשמועס. אין יאַנואַר 1903, דאַכט זיך, האָבן די טאַכטאַרעווס (טאַרעס) אָפיציעל געמאָלדן וועגן זייער סימפּאַטיע צו דער „איסקראַ".

אינגיכן האָט געדאַרפט קומען צופאָרן מיין מוטער, און מיר האָבן באַשלאָסן זיך איינצואָרדענען מיט אַ פאַמיליען-לעבן — דינגען צוויי צימערן און עסן אינדערהיים, ווייל צו די ענגלישע „אָקסן-עקן", געפּרעגלטע סקעט-פיש, קעקסן, זענען די רוסישע מאָגנס נישט געווען צוגעוווינט. חוצדעם האָבן מיר געלעבט אויף קהלישן חשבון, האָבן מיר דאָך באַשטימט געדאַרפט שפּאָרן יעדע קאָפּיקע. אַלזאָ, אויף אייגענעם חשבון האָט דאָס לעבן געקאָסט אַ סך ביליקער.

אין קאָנספּיראַטיוון זין האָבן מיר זיך בעסער נישט געקענט איינאָרדענען. קיין שום דאָקומענטן האָט מען אין לאָנדאָן דע־מאָלט נישט געפאָדערט; מען האָט זיך געקענט מעלדן אויף וואָסער פאַמיליע מען האָט נאָר געוואָלט. מיר האָבן זיך געמאָלדן אונטער דער פאַמיליע ריכטער. אַ גרויסע באַקוועמלעכקייט איז דאָס, וואָס ביי די ענגלענדער האָבן אַלע אויסלענדער איין פּנים.

די באַלעבאָסטע האָט אונדז די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַר דייטשן.

איגגיכן זענען געקומען מאַרטאָוו און ווערא איוואַנאָוונא זאַ־סוליטש, און האָבן זיך באַזעצט צוזאַמען מיט די אַלעקסעעווס, נישט ווייט פון אונדז, אין אַ הויז, וואָס איז געווען מער ענלעך צו אַן אייראָפּעיש הויז. וולאַדימיר איליטש האָט זיך תּיכף גע־זעצט צו דער אַרבעט אינם בריטישן מוזיי.

געוויינלעך פלעגט ער אַהין אַוועקגיין אינדערפרי. און דע־מאָלט פלעגט צו מיר קומען מאַרטאָוו. מיר האָבן ביידע איבער־געקוקט די קאָרעספּאָנדענץ און געשמועסט, וואָס מיר האָבן צו טאָן. אויף אַזאַ אופן איז וולאַדימיר איליטש באַפרייט געוואָרן פון אַ שפּאָר שטיקל אַרבעט, וואָס האָט אים גוט אָפּגעמאַטערט.

מיט פלעכאַנאָוון האָט זיך ווי ס'איז דער קאָנפליקט פאַרענדיקט. וולאַדימיר איליטש איז אַוועקגעפאָרן קיין ברע־טאַניע צו זען זיך מיט זיין מוטער און מיט אַננאַ איליניטשנאַ און צו פאַרברענגען דאָרט מיט זיי אַ חודש צייט ביים ים. דעם ים, מיט זיינע כסדרדיקע באַוועגונגען און מיט זיין אָנ־סופיקער רחבות האָט וולאַדימיר איליטש שטאַרק געליבט. ביים ים האָט ער זיך אָפּגערוט.

אין לאָנדאָן האָבן תּיכף אונדז אָנגעהייבן צו באַזוכן אַ סך מענטשן. ס'איז געקומען צופאָרן נינאַ סמידאָוויטש — דימקאַ, וועלכע איז אינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. ס'איז אויך געקומען צופאָרן איר ברודער פּיאָטר גערמאָגענאָוויטש, וועל־כער איז לויט וולאַדימיר איליטשעס איניציאַטיוו געקרוינט גע־וואָרן מיטן נאָמען „מאַטריאָנאַ". פאַרדעם איז ער לאַנג גע־זעסן אין תּפיסה. אַרויסגייענדיק פון תּפיסה איז ער געוואָרן אַ פאַרברענטער „איסקראָוועץ". ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן ספּעציאַליסט אין דער אַרבעט פון אָפּוואַשן פּאַס־פּאָרטן. מען האָט זיי כּלומרשט געדאַרפט אַרומוואַשן מיט שוויס, און אין דער קאָמונע זענען די טישן אַ געוויסע צייט געשטאַנען מיט די פיס אַרויף, דינענדיק אַלס פּרעס פאַר די אַרומגעוואַשענע פּאַספּאָרטן. די גאַנצע אַרבעט איז געווען זייער אַ פּרימיטיווע, ווי אונדזער גאַנצע דעמאָלטיקע קאָנספּיראַציע.

בעת דו לייענסט איצט איבער די קאָרעספּאָנדענץ מיט ו'וסלאַנד, ווונדערסטו זיך אויף דער נאַיוויטעט פון דער דעמאָלטיקער קאָנספּיראַציע. די אַלע בריוו ווענן נאָזטיכלעך (פּאַספּאָרטן), געקאָכט ביר, וואַרעמע פוטערס (אומלעגאַלע ליטעראַטור), די אַלע צונעמען פון שטעט, וועלכע האָבן זיך אָנגעהייבן פון דעם אות, פון וועלכן ס'הייבן זיך אָן די נעמען פון די שטעט (אָדעס–אָסיפּ, טווער–טערענטי, פּאָלטאַוואַ–פּעטיאַ, פּסקאָוו–פּאַשע א. אַז. וו.), די גאַנצע פּראָצעדור פון פּאַרטוישן מענער-נעמען אויף פרויען־נעמען און פאַרקערט, – דאָס אַלץ איז געווען זייער דורכזיכטיק, ס'איז געווען גענייט מיט ווייסע פעדים אויף שוואַרץ. דעמאָלט האָט עס נישט אויסגעוויזן אַזוי נאַיוו, און ס'האָט דאָך ביז אַ געוויסער מאָס פאַרפּלאָנטערט די שפּורן. די ערשטע צייט זענען נישט געווען אַזויפיל פּראָוואָקאַטאָרן, ווי שפּעטער. אַלע מענטשן זענען געווען זיכער, האָבן גוט געקענט איינער דעם צווייטן. אין רוסלאַנד האָבן געאַרבעט די אַגענטן פון „איסקראַ". זיי האָט מען צוגעשטעלט ליטעראטור פון אויסלאַנד: די „איסקראַ" און די „זאַריאַ". די אַגענטן האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די איסקראַ-ליטעראַטור זאָל ווערן איבערגעדרוקט אין אומלעגאַלע דרוקערייען, האָבן פאַרשפּרייט די „איסקראַ"-ליטעראטור אין די קאָמיטעטן, האָבן זיך באַמיט צוצושטעלן דער „איסקראַ" קאָרעספּאָנדענצן, באַמיט זיך די „איסקראַ" זאָל וויסן, ווי ס'האַלט מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור אין רוסלאַנד, האָבן פאר איר אויפגעזאַמלט געלט. אין סאַמאַרע (ביי סאָניען) האָבן געוווינט די קזשיזשאַנאָווסקיס, אונטערן צונאָמען – די בייסער, גליעב מאַקסימיליאַנאָוויטש – קלער, זינאַידאַ פּאַוולאָוונאַ – שניעק. דאָרט האָט געוווינט מאַריאַ איליניטשנאַ – בערעלע. אין סאַמאַרע האָט זיך פאַרמירט אַ מין צענטער. די קזשיזשאַנאָווסקיס האָבן געהאַט אַ באַזונדערע פעיקייט צו גרופּירן אַרום זיך אַן עולם. לענגניק-קורץ האָט זיך באַזעצט אויף דרום, האָט אַ געוויסע צייט געוווינט אין פּאָלטאַווע (ביי פּעטיען), נאָכדעם אין קיעוו. אין אַסטראַכאַן האָט געוווינט לידיאַ מיכאַילאָוונאַ קניפּאָוויטש –

„פעטיט”. אין פסקאָוו האָט געוווינט לעפּעשינסקי — לאַפּטשע און ליובאָוו ניקאָלאַעוונאַ ראַדטשענקאָ — פּאַשאַ. סטעפּאַן איוואַנאָוויטש ראַדטשענקאָ האָט זיך צו יענער צייט אָפּגעמאַטערט און איז אַוועק פון דער אומלעגאַלער אַרבעט; דערפאַר אָבער האָט אָן אויפהער געאַרבעט אויף דער „איסקראַ” זיין ברודער איוואַן איוואַנאָוויטש (דערזעלבער האָט געהייסן אַרקאַדי, קאַסיאַן). ער איז געווען אַ וואָיאַזשער. אזא מין אַגענט, וואָס האָט אַרומגעפירט די „איסקראַ” איבער רוסלאַנד איז געווען סילווין (בראָדיאגע). אין מאָסקווע האָט געאַרבעט באַומאַן (דערזעלבער - וויקטאָר, האָלץ, גראַטש) און איז געשטאַנען אין ענגע פאַרבינדונגען מיט איוואַן וואַסיליעוויטש באַבושקין (דערזעלבער — באָגדאַן). צו דער צאָל פון די אַגענטן האָבן געהערט יעלענאַ דמיטריעוונאַ סטאַסאָוואַ — גושטשאַ; זי האָט אויך געהייסן אַבסאָליוט און גלאַפּיראַ איוואַנאָוונאַ אָקולאָוואַ, וועלכע האָט נאָך באַומאַנס דורכפאַל זיך באַזעצט אין מאָסקווע אונטערן נאָמען זאַיטשיק (ביי דער סטאַרוכע). מיט זיי האָט די „איסקראַ” געפירט אַן אַקטיווע קאָרעספּאָנדענץ. וולאַדימיר איליטש האָט דורכגעקוקט יעדן בריוו. מיר האָבן געוווּסט אויספירלעך, וואָס יעדער איינער פון די איסקראַ־אַגענטן טוט, מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן דער אַרבעט. ווען די פאַרבינדונגען האָבן זיך צווישן זיי איבערגעריסן, האָבן מיר זיי צוריק פאַרבונדן. זיי פלעגן געבן צוּוויסן וועגן די דורכפאַלן א. אַז. וו.

פאַר דער „איסקראַ“ האָט געאַרבעט אַ דרוקעריי אין באַקו. די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אויף די באַדינגונגען פון דער שטרענגסטער קאָנספּיראַציע; דאָרט האָבן געאַרבעט די ברידער ענוקידזע, אָנגעפירט מיט אַרבעט האָט קראַסין (פערד). די דרוקעריי האָט געהייסן נינאַ.

נאָכדעם האָט מען אויף צפון געפּרוּווט איינצושאַפן זיך אַן אַנדער דרוקעריי (אַקולינאַ). זי איז זייער שנעל דורכגעפאַלן.

די פריערדיקע אומלעגאַלע דרוקעריי אין קישעניעוו, מיט

וועלכער ס'האָט בעתן לאָנדאָנער פעריאָד אָנגעפירט אַקים (לעאָן גאָלדמאַן) איז אויך דורכגעפאַלן.

דער טראַנספּאָרט איז געגאַנגען דורך ווילנע (גרוניאַ).

די פּעטערבורגער האָבן זיך באַמיט איינצושטעלן די קאָמוניקאַציע דורך שטאָקהאָלם. וועגן דעמדאָזיקן טראַנספּאָרט, וואָס האָט פונקציאָנירט אונטערן נאָמען „ביר" איז געפירט געוואָרן אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ; מיר האָבן געשיקט ליטעראַטור אויף שטאָקהאָלם פּודנוויז און מען האָט אונדז אָפּגעענטפערט, אַז די „ביר" איז אָנגעקומען. מיר זענען געווען זיכער, אַז די סחורה האָט מען דערהאַלטן אין פּעטערבורג און מיר האָבן געהאַלטן כסדר אין איין שיקן ליטעראַטור אויף שטאָקהאָלם. נאָכדעם, פאָרנדיק צוריק אין 1905 פון שוועדן קיין רוסלאַנד, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די „ביר" געפינט זיך נאָך אַלץ אין „בראָוואַר", פשוט גערעדט אין שטאָקהאָלמער פּאָלקס־הויז, ווו ס'איז געווען אָנגעלייגט אַ גאַנצער קעלער מיט אונדזער ליטעראַטור.

די „קליינע פּעסלעך" פלעגט מען שיקן דורך וואַרדע. בלויז איינמאָל, דאַכט זיך, האָט מען באַקומען אַ פּעקל, נאָכדעם איז אַלץ צושטערט געוואָרן. אין מאַרסעל האָבן מיר באַזעצט מאַטריאָנען. זי האָט געדאַרפט איינשטעלן דעם טראַנספּאָרט דורך די קוכערס, וועלכע האָבן געדינט אויף די שיפן, וואָס זענען געגאַנגען קיין באַטום. אין באַקו האָבן עקספּעדירט די ליטעראַטור „די פערד", די באַקוער. איבעריקנס, האָט מען אַ סך ליטעראַטור אַריינגעשליידערט אין ים אַריין. מען פלעגט די ליטעראַטור איינוויקלען אין ברעזענטן און אַריינוואַרפן אויף אַ באַשטימטן אָרט אין ים אַריין, נאָכדעם פלעגט מען זי אַרויסשלעפן. מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין פּעטערבורג אויף אַ פאַבריק און האָט געדינט דער אָרגאַניזאַציע, פלעגט דורך גושטשען איבערגעבן דעם אַדרעס אין טולאָן אַ געוויסן מאַטראָס. מען האָט געפירט די ליטעראַטור דורך אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן), מען האָט געפירט דורך פּערסיע. שפּעטער האָט מען טראַנס־

פּאָרטירט דורך קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, דורך לעמבערג. דידאָזיקע טראַנספּאָרטן האָבן אָפּגעקאָסט אַ סך געלט, ענערגיע; די אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס ריזיקע און דערגיין ביזן אָרט פלעגט קוים אַ צענטל. מען פלעגט אויך שיקן אין וואַליזעס מיט דאָפּלטע דעקן, אין די איינבאַנדן פון ביכער. די ליטעראַטור פלעגט באַלד צעכאַפּט ווערן.

אַ באַזונדער דערפאָלג האָט געהאַט „וואָס טוט מען״. דידאָזיקע בראָשור פלעגט ענטפערן אויף אַ גאַנצע רייע רייפע פראַגן. אַלע האָבן שטאַרק געפילט די נויטווענדיקייט פון אַ קאָנספּיראַטיווער, פּלאַנמעסיק־אַרבעטנדיקער אָרגאַניזאַציע.

אין יוני 1902 איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען די קאָנפערענץ, אָרגאַניזירט דורכן בונד (באָריס). זי איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן, חוץ דעם פעטערבורגער דעלעגאַט. ס'איז דעמאָלט דורכגעפאַלן באַומאַן און סילווין. אויף יענער קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט אויף צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר. די מעשה האָט זיך אָבער פאַרצויגן. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ פאָרשטייערשאַפט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, אָבער זיי האָבן נאָך דעמאָלט געטראָגן אַ פאָרמלאָזן, פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. אין פּעטערבורג, למשל, האָט זיך די אָרגאַניזאַציע געטיילט אויף אַן אַרבעטער־קאָמיטעט (מאַניאַ) און אויף אַן אינטעליגענטן־קאָמיטעט (וואַניאַ). דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט ס'רוב געדאַרפט פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף, דער אינטעליגענטער — הויך פּאָליטיק. אגב, האָט דידאָזיקע הויכע פּאָליטיק פאַרנומען אַ קליין אָרט און האָט גיכער דערמאָנט אַ ליבעראַלע פּאָליטיק איידער אַ רעוואָלוציאָנערע. אַזאַ מין סטרוקטור איז אויסגעוואָקסן אויפן געביט פון עקאָנאָמיזם. דער עקאָנאָמיזם, וואָס האָט פּרינציפּיעל געכאַפּט אַ געזונטן קלאַפּ, האָט זיך נאָך גאַנץ פעסט געהאַלטן. די „איסקראַ״ האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אַזאַ מין סטרוקטור. אַ באַזונדערע ראָל אין קאַמף פאַר אַ ריכטיקע אָרגאַניזאַציע־סטרוקטור האָט געשפּילט וולאַדימיר איליטש. זיין „בריוו צו יערעמעען״, אָדער ווי מען רופט אים

דאָרט אין דער ליטעראַטור „דעם בריוו צו אַ חבר" (וועגן אים וועל איך נאָך ווייטער ריידן), האָט אָפּגעשפּילט אַ באַזונדערע ראָל ביי דער אָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיי. דער בריוו האָט געמאַכט די פּאַרטיי פאַר אַרבעטס־פעיק, האָט דערפירט דערצו, מען זאָל לייזן אַלע פראַגן פון דער ארבעטער־פּאָליטיק, האָט צעבראָכן די וואַנט, וואָס די אַרבעטער־טוער האָבן אָוועקגעשטעלט צווישן דעם אַרבעטער און דעם אינטעליגענט. ווינטער 1902—3 איז געגאַנגען אַ פאַרעקשנטער קאַמף פון ריכטונגען. די איסקראָווצעס האָבן ביסלעכווייז פאַרכאַפּט די פּאָזיציע, אָבער ס'האָט אויך פּאַסירט, אַז מען האָט זיי „משלח" געווען.

וולאַדימיר איליטש האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף פון די איסקראָווצעס; ער האָט געלייגט אַכט דערויף, זיי זאָלן אויף אַ פשוטן אופן נישט אויסטייטשן דעם צענטראַליזם; ער האָט געקעמפט מיט די, וואָס האָבן אַ נטיה — צו זען „האַנטווערקעריי" אין יעדער לעבעדיקער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט. דידאָזיקע גאַנצע איליטשעס אַרבעט, וועלכע האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויפן אייגנשאַפטלעכן צוזאַמענשטעל פון די קאָמיטעטן, איז געווען קנאַפּ באַקאַנט דער יוגנט. און דאָך האָט דידאָזיקע ארבעט געשאַפן דעם פּרצוף פון אונדזער פּאַרטיי, האָט אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון איר איצטיקער אָרגאַניזאַציע.

די אַרבעטער־טוער — די עקאָנאָמיסטן זענען הויפּטזעכלעך געווען אין כעס אויף דעמדאָזיקן קאַמף, וואָס נעמט אַוועק זייער איינפלוס און געשאַטן פעך און שוועבל אויף דער „אָנפירונג" פון אויסלאַנד.

כדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, איז דעם 6טן אויגוסט פון פּעטערבורג אַראָפּגעקומען דער חבר קראַסנוכאַ מיט אַ פּאַראָל: „צי האָט איר געלייענט דעם „גראַזשדאַנין" № 47 ?" פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „גראַזשדאַנין". וולאַדימיר איליטש האָט מיט אים אַ סך גערעדט וועגן דער פּעטערבורגער אַרבעט, וועגן איר

סטרוקטור. אין די בעראַטונגען האָבן גענומען אָנטייל פּ. א. קראַסיקאָוו (אונטערן צונאָמען מוזיקאַנט, שפּילקע, איגנאַט, פּאַנקראַט) און אויך באָריס ניקאָלאַעוויטש (נאָסקאָוו). פון לאָנדאָן האָט מען גראַזשדאַנינען אַוועקגעשיקט קיין זשענעווע, צו כאַפּן אַ שמועס מיט פּלעכאַנאָוון, — ער זאָל זיך פולשטענדיק שטעלן אויף דער זייט פון דער „איסקראַ". אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון פּעטערבורג, פון יערעמען, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, וויאַזוי ס'דאַרף אויסקוקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אויף די ערטער. לויטן בריוו האָט מען נישט געזען, צי יערעמאַ רעדט אין זיין נאָמען אַליין אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט, אָדער אין נאָמען פון אַ גרופּע פּראָפּאַגאַנדיסטן. אָבער דאָס איז געווען נישט וויכטיק. וולאַדימיר איליטש האָט אָנגעהייבן צוצוטראַכטן אַן ענטפער. דער ענטפער איז זיך פאַנאַנדערגעוואָקסן אין אַ בראָשור „אַ בריוו צו אַ חבר". צוערשט איז עס געוואָרן אָפּגעדרוקט אויף אַ העקטאָגראַף און פאַרשפּרייט, און שפּעטער, אין יוני 1903 — אומלעגאַל אַרויסגעגעבן דורכן סיבירער קאָמיטעט.

אָנהייב סעפּטעמווער 1902 איז געקומען באַבושקין, וואָס איז אַנטלאָפן פון יעקאַטערינאָסלאַווער תּפיסה. אים און האָראָוויצן האָבן גימנאַזיסטן געהאָלפן אַנטלויפן פון תּפיסה און אַריבערקריגן זיך איבער דער גרענעץ; מען האָט אים אָפּגעפאַרבט די האָר אויף מאַלינע־קאָליר און דערמיט האָט ער אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. צו אונדז איז ער געקומען אַ מאַלינאָווער. אין דייטשלאַנד איז ער אריינגעפאַלן אין די הענט פון אַגענטן און מען האָט אים שיער נישט טראַנספּאָרטירט קיין אַמעריקע. מיר האָבן אים באַזעצט אין אונדזער קאָמונע, ווו ער איז אָפּגעוועזן די גאַנצע צייט פון זיין אַנוועזנהייט אין לאָנדאָן. באַבושקין איז פאַר דערדאָזיקער צייט שטאַרק אויסגעוואָקסן אין פּאָליטישן זין. ער איז געוואָרן אַ פאַרבענטער רעוואָלוציאָנער מיט אַ זעלבסטשטענדיקער מיינונג, אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אָנגעזען אַ מאַסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך לגמרי נישט געדאַרפט

לערנען, וויאזוי מען דארף צוגיין צו ארבעטער, — ער איז אַליין געווען אַן אַרבעטער. ווען ער איז צוריק מיט עטלעכע יאָר געקומען אין דער זונטיקדיקער שולע, איז ער געווען אַן אומדערפאַרענער בחור. איך געדענק אזא מין עפּיזאָד. פון אָנהייב איז ער געווען אין דער גרופּע פון לידיאַ מיכאַילאָוונאַ קניפּאָוויטש. ס׳איז געגאַנגען אַ רוסישע לעקציע און מען האָט צוגעקליבן גראַמאַטיקאַלישע ביישפּילן. באַבושקין האָט אָנגע־שריבן אויפן טאָפל: „אויף אונדזער פאַבריק וועט איינגיכן זיין אַ שטרייק". נאָך דער לעקציע האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ אים אָפּגערופן אין אַ זייט און זיך אָנגעבייזערט אויף אים: „אויב איר ווילט זיין אַ רעוואָלוציאָנער, דאַרפט איר זיך נישט גרויסן דערמיט, וואָס איר זענט אַ רעוואָלוציאָנער, מען דאַרף האָבן אויסגעהאַלטנקייט". באַבושקין איז רויט געוואָרן, אָבער נאָכדעם האָט ער געקוקט אויף לידיען, ווי אויפן בעסטן פריינט, האָט זיך אָפט ביי איר געפרעגט עצות און זיך באַגאַנגען מיט איר אויף אַ באַזונדער אופן.

אין יענער צייט איז קיין לאָנדאָן געקומען פלעכאַנאָוו. מען האָט איינגעאָרדנט אַ זיצונג צוזאַמען מיט באַבושקינען. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן רוסישע ענינים. באַבושקין האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי זיין מיינונג און האָט זי אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו אָפּאָנירן פלעכאַנאָוון. געאָרגי וואַלענטינאָוויטש האָט זיך שטאַרקער מיט אים פאַר־אינטערעסירט. וועגן זיין צוקונפטיקער אַרבעט אין רוסלאַנד, האָט באַבושקין גערעדט בלויז מיט וולאַדימיר איליטשן, מיט וועלכן ער איז געווען אין זייער נאָענטע באַציונגען. איך גע־דענק נאָך איינעם אַ קליינעם, אָבער זייער אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט. אין צוויי טעג אַרום נאָך באַבושקינס אָנקום, זענען מיר, אָנקומענדיק אין אונדזער קאָמונע, דערשטוינט געוואָרן פון דער ריינקייט, וואָס דאָרט האָט געהערשט: די מיסט אַרויסגעטראָגן, אויפן טיש צייטונגען, די פּאָדלאָגע צוגעקערט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז דאָס אַלץ האָט געמאַכט באַבוש־קין. „ביים רוסישן אינטעליגענט געפינט מען תמיד אַ שפּאַר

ביסל בלאָטע, ער דאַרף האָבן אַ דינסט, און אַליין אויפראַמען קען ער נישט" — האָט באַבושקין געזאָגט.

ער איז אינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. נאָכדעם האָבן מיר אים שוין מער נישט אָנגעזען. אין 1906 האָט מען אים געפּאַקט אין סיביר מיט אַ טראַנספּאָרט געווער און צו־זאַמען מיט זיינע חברים איז ער דערשאָסן געוואָרן ביי אַן אָפע־נעם קבר.

נאָך פּאַר באַבושקינס אָפּפאָר זענען קיין לאָנדאָן אָנגעקומען די איסקראָווצעס, וואָס זענען אַנטלאָפן געוואָרן פון קיעווער תּפיסה: באַומאַן, קראָכמאַל און בלומענפעלד, וואָס האָט אַוועקגעפירט קיין רוסלאַנד אַ טשעמאָדאַן מיט ליטעראַ־טור, דורכגעפאַלן אויף דער גרענעץ מיטן טשעמאָדאַן, פול מיט אַ סך אַדרעסן און איז אָפּגעפירט געוואָרן אין קיעווער תּפיסה. ס'איז אויך געקומען צופאָרן וואַלאַך (ליטווינאָוו, פּאַ־פּאַשע), טאַרסיס (פּיאַטניצע).

מיר האָבן געוווסט, אַז מען גרייט זיך צו אַנטלויפן פון קיעווער תּפיסה. דייטש, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן אויפן האָריזאָנט, אַ ספּעציאַליסט אויף אַנטלויפן האָט, קענענ־דיק די באַדינגונגען פון דער קיעווער תּפיסה, געטענהט, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך. דאָך איז געלונגען צו אַנטלויפן. פון דער פריי האָט מען דערלאַנגט שטריק, אַן אַנקער און פּאַס־פּאָרטן. בעתן שפּאַציר האָט מען געבונדן דעם וועכטער, דעם אויפזעער און אַריבערגעקראָכן איבער דער וואַנט. בלויז דער לעצטער, סילווין, וועלכער האָט צוגעהאַלטן דעם אויפזעער, האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן.

עטלעכע טעג האָבן מיר געלעבט, ווי אין אַ נעפּל.

אינמיטן אויגוסט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער רע־דאַקציע „דרום־אַרבעטער", אַ פּאָפּולערער אומלעגאַלער אַרבע־טער־אָרגאַן, מיטטיילנדיק וועגן די דורכפאַלן אויפן דרום און וועגן דעם, אַז די רעדאַקציע וויל אַריינטרעטן אין ענגע באַ־ציונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע „איסקראַ" און „זאַריאַ", ווייל די זאַך איז איר זייער נאָענט. דאָס איז בלי ספק געווען

גראָבער טריט פאָרויס אינם זיך אַנטוויקלען פון כוחות־פאַרייניקונג. דאָך האָט דער „דרום־אַרבעטער“ אינם צווייטן בריוו אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט בנוגע דער שאַרפער פּאָלעמיק פון דער „איסקראַ“ מיט די ליבעראַלן. שפּעטער איז אַוועק אַ לאַנגער וויכּוח וועגן דעם, אַז די גאַנצע ליטעראַרישע גרופּע פונם „דרום־אַרבעטער“ דאַרף אויף ווייטער פאַרהיטן איר זעלבסטשטענדיקייט א. אַז. וו. ס'האָט זיך געפילט, אַז נישט וועגן אַלץ דעררעדט מען זיך ביזן סוף.

בינו־לבינו האָט מען פון סאַמאַרע געמאָלדן, אַז צו זיי איז געקומען צופאָרן דער אַנטלאָפענער פון סיביר, בראָנשטיין (טראָצקי), אַז ער איז אַ פאַרברענטער איסקראָוויעץ און מאַכט אויף אַלעמען זייער אַ גוטן איינדרוק: „אַן אמתער יונגער אָדלער“, האָבן די סאַמאַרער געשריבן. מען האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „פּענע“ און מען האָט אים אוועקגעשיקט קיין פּאָלטאַווע — זיך צונויפצורעדן מיטן „דרום-אַרבעטער“. פון די אונטערהאַנדלונגען מיטן „דרום־אַרבעטער“ איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז מען קען מיט זיי אַרבעטן און פּינקטלעך פאָרמולירט די פּונקטן, אין וועלכע מען איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן „דרום־אַרבעטער“: 1) נישט-דערשאַצונג פון דער פּויערים־באַוועגונג; 2) אומצופרידנקייט בנוגע דער שאַרפער פּאָלעמיק מיט די ליבעראַלן און 3) דער פאַרלאַנג צו בלייבן אַן אָפּגעזונדערטע גרופּע און אַרויסגעבן איר פּאָפּולערן אָרגאַן.

אינגיכן, דאַכט זיך, אָנהייב אָקטאָבער, איז טראָצקי געקומען צופאָרן קיין לאָנדאָן.

איינמאָל אינדערפרי האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע קלאַפּעריי אין דער טיר. איך האָב געוווּסט, אַז אויב מען קלאַפּט נישט מיט באַשטימטע צייכנס, גייט מען צו אונדז, און איך האָב זיך צוגעאיילט אַראָפּצולאָזן זיך אונטן, כּדי אויפצועפענען די טיר. ס'איז געווען טראָצקי. איך האָב אים אַריינגעפירט אין אונדזער צימער. וולאַדימיר איליטש האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז געלעגן אין בעט. איבער־

לאָזנדיק זיי אַליין, בין איך אַוועק צום פורמאַן, געגאַנגען מאַכן קאָווע א. אַז. וו. ווען איך בין געקומען צוריק האָב איך נאָך געטראָפן וולאַדימיר איליטשן זיצנדיק אויפן בעט און לעבעדיק געשמועסט מיט טראָצקין. די גוטע רעקאָמענדאַציעס פון „יונגן אָדלער” און דער ערשטער שמועס מיט אים, האָבן געצוווּנגען וולאַדימיר איליטשן, ער זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיטן אורח. ער האָט אַ סך מיט אים געשמועסט, איז מיט אים געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר.

וולאַדימיר איליטש האָט זיך ביי אים אויסגעפרעגט וועגן זיין נסיעה צום „דרום-אַרבעטער”. ס'זענען איליטשן שטאַרק געפעלן געוואָרן טראָצקיס באַשטימטע פאָרמולירונגען, זיין שנעלע אָריענטאַציע אינם תּמצית פון די פאַרשידענע חלוקי-דעות.

מען האָט כּסדר פאַרבעטן טראָצקין צוריק קיין רוסלאַנד. וולאַדימיר איליטש האָט געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרבלייבן אין אויסלאַנד, ער זאָל זיך צולערנען און מיטאַרבעטן אין דער „איסקראַ”.

פּלעכאַנאָוו האָט תּיכּף אָנגעהייבן צו קוקן מיט חשד אויף טראָצקין. ער האָט געקוקט אויף טראָצקין, ווי אויף אַן אָנ-הענגער פון דער יונגער טייל פון דער רעדאַקציע „איסקראַ”, ווי אויף לענינס אַ תּלמיד. ווען וולאַדימיר איליטש האָט פּלע-כאַנאָוון צוגעשיקט טראָצקיס אַרטיקלען, פלעגט יענער ענט-פערן: „די פען פון אייער „פען” געפעלט מיר נישט”. „סטיל איז אַן אייגנשאַפט, וואָס מען קען זיך דערווערבן, — האָט געענטפערט וולאַדימיר איליטש — און אַ מענטש, וואָס איז פעיק צום לערנען, וועט ברענגען נוצן”. אין מערץ 1903 האָט וולאַדימיר איליטש פאָרגעלייגט צוקאָאָפּטירן טראָצקין אין דער רעדאַקציע „איסקראַ”.

טראָצקי איז אינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, וווּ ער האָט אָנגעהייבן אַרויסצוטרעטן מיט אַן אומגעהויערן דער-פאָלג.

ס'איז געקומען צופאָרן פון סיביר, פון אַלעקמע, יעקאַ-

טערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ (זשאַק). פריער איז זי געווען אַן אָנגעזעענע נאַראָדאָוואָלקע, און דאָס האָט אויף איר געלייגט אַ געוויסן חותם. זי איז נישט געווען ענלעך צו אונדזערע היציקע, צעקודלטע מיידן, ווי דימקאַ, למשל; זי איז געווען זייער אויסגעהאַלטן. איצט איז זי געוואָרן אַן איסקראָווקע; אַלץ וואָס זי האָט גערעדט איז געווען קלוג.

צו די אַלטע רעוואָלוציאָנערן, צו די נאַראָדאָוואָלצעס האָט זיך וולאַדימיר איליטש באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ.

ווען יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ איז געקומען צופאָרן, האָט וולאַדימיר איליטש אויף איר געקוקט אַנדערש, צוליב דעם, ווייל זי, אַלס אַ געוועזענע נאַראָדאָוולקע, איז איבערגעגאַנגען צו די איסקראָווצעס. איך, ווידער, האָב געקוקט אויף יעקאַטע-רינאַ מיכאַילאָוונאַ פון אונטן ארויף. איידער איך בין אַנטגיל-טיק געוואָרן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, בין איך אַוועק צו די אַלעקסאַנדראָווס (אַלמינסקיס) און געבעטן זיי זאָלן מיר געבן אַ קרייז אַרבעטער. אויף מיר האָט דעמאָלט געמאַכט אַ ריזיקן איינדרוק די באַשיידענע סביבה, די אומעטום־אָנגעוואָרפענע סטאַטיסטישע ביכער, מיכאַיל סטעפּאַנאָוויטש, וואָס איז שטיל געזעסן טיף אין צימער און די הייסע דרשות פון יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ, וועלכע האָט מיר צוגערעדט צו ווערן אַ נאַראָ-דאָוואָלקע. איך האָב דערפון דערציילט וולאַדימיר איליטשן, איידער יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ איז אָנגעקומען. מיר האָבן זיך דעמאָלט מיט איר אַלע אַנטציקט. וולאַדימיר איליטש האָט דעמאָלט אויך געהאַט אַזעלכע פּעריאָדן פון אַנטציקן זיך מיט מענטשן. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף עפּעס אַ ווערטפולן שטריך פון אַ מענטשן און פלעגט זיך איינעסן אין אים. יע-קאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ איז אַוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין פּאַריז. זי האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן פאַר זייער קיין שטאַנד-האַפטיקע איסקראָווקע; אויפן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט די אָפּאָזיציע מיט איר אַנטייל געוועבט אַ נעץ קעגן לענינס פאַרכאַפּעריש כוונות; נאָכדעם איז זי אַריין אין פשרהדיקן צ. ק. און שפּעטער איז זי אַראָפּ פון דער פּאָליטישער סצענע.

פון די אָנגעקומענע חברים פון רוסלאַנד קיין לאָנדאָן, געדענק איך נאָך איינעם באָריס גאָלדמאַן (אַדעל) און דאָליוואָ־דאָבראָוואָלסקין (דנאָ).

ב. גאָלדמאַנען האָב איך נאָך געקענט פון פעטערבורג, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער טעכנישער אָפּטיילונג, דרוקנ־דיק די בלעטלעך „סאָיוז באָרבי": בטבע אַ וואקלענדיקער מענטש, איז ער דאָך געוואָרן אַן איסקראָוויעץ. „דנאָ" האָט געווירקט מיט זיין שטילקייט. ער פלעגט זיצן שטיל, קיין שאָרך פלעגט מען פון אים נישט הערן. ער איז אַוועק צוריק קיין פעטערבורג, דאָרט משוגע געוואָרן און, קומענדיק אַביסל צום פאַרשטאַנד, האָט ער זיך געשאָסן. ס'איז דעמאָלט שווער געווען דאָס לעבן פון אַן אומלעגאַלן מענטש. נישט יעדערער האָט עס געקענט איבערטראָגן.

אַ גאַנצן ווינטער האָט מען געמאַכט שטאַרקע הכנות צו אַ צוזאַמענפאָר. אין דעצעמבער 1902 איז קאָנסטיטוירט געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צוצוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר. (אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זענען אַריין די פאָרשטייער פונם „דרום־אַרבעטער", פון צפון־פאַריין, קראַסנוכאַ, אי. אי. ראַדטשענקאָ, קראַסיקאָוו, לענגניק, קזשיזשאַנאָווסקי; דער „בונד" האָט זיך צו־ערשט אָפּגעהאַלטן אַריינצוטרעטן.

דער נאָמען „אָרגאַניזיר" האָט אַנטשפּראָכן דעם תוך פון דער זאַך. אַן דעם אָרג. קאָמ. וואָלט נישט געלונגען צונויפצו־רופן דעם צוזאַמענפאָר. ס'איז אויסגעקומען ביי די שווערסטע פּאָליציייאישע באַדינגונגען צו פאַרווירקלעכן די קאָמפּליצירטע אַרבעט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידעיִשער פאַרבינדונג צווישן די קאָלעקטיוון, וואָס האָבן שוין באַקומען אַ פאָרם, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין פאָרמירן און שאַפן די פאַרביני־דונג פון ערטער אין אויסלאַנד. די גאַנצע אַרבעט אין היני־זיכט פון די הכנות איז געפאַלן אויף וולאַדימיר איליטשן. פּאָטרעסאָוו איז געווען קראַנק, זיינע לונגען האָבן נישט גע־קענט פאַרטראָגן די לאָנדאָנער טומאַנען, און ער האָט זיך ערגעץ געהיילט. מאַרטאָוו איז צוגעגעסן געוואָרן לאָנדאָן, איז

ער אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז און דאָרט געבליבן. אין לאָנדאָן האָט געדאַרפֿט ווינען דייטש, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דער קאַטאָרגע, — אַן אַלטער מיטגליד פֿון דער גרופּע „אָסוואָבאָזש-דעניע טרודאַ". די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" האָט אויף אים געלייגט האָפֿענונגען, ווי אויף אַ גרויסן אָרגאַניזאַ-טאָר. „אָט וועט קומען זשענקאַ (דייטשס צונאָמען) — פּלעגט זאָגן ווערא איוואַנאָוונאַ — וועט ער איינשטעלן די באַציונגען מיט רוסלאַנד אויפֿן בעסטן אופֿן". געהאָפֿט אויף אים האָבן פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד, האַלטנדיק, אַז ער וועט זיין זייער פֿאָרשטייער אין דער „איסקראַ" און וועט אויף אַלץ לייגן אַן אויג. אָבער בעת דייטש איז געקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין אָפּגעריסנקייט פֿון רוסלאַנד אין אַ משך פֿון לאַנגע יאָרן האָט אויף אים געלייגט אַ שטעמפּל. אויף באַציונגען מיט רוסלאַנד האָט ער זיך לגמרי נישט געטויגט, ער האָט נישט געקענט די נייע באַדינגונגען, עס האָט אים געצויגן צו מענטשן, ער איז אַריינגעטראָטן אין דער אויסלענדישער ליגע פֿון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט געפֿירט ברייטע פֿאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע קאָלאָניעס און איז אויך אינגיכן אַוועק-געפֿאָרן קיין פּאַריז.

אין פּאַריז האָט שטענדיק געוווינט ווערא איוואַנאָוונאַ. זי האָט גערן אויסגעהערט די דערציילונגען וועגן דער רוסישער אַרבעט, נאָר אַליין האָבן באַציונגען מיט רוסלאַנד האָט זי נישט געקענט. אַלץ איז געלעגן אויף וולאַדימיר איליטשן. די קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסלאַנד האָט געווירקט אויף זיינע נערוון. וואַרטן וואָכן, חדשים אויף תשובות פֿון רוסלאַנד, וואַרטן כסדר אויף אַ דורכפֿאַל, תּמיד זיין אין אַן אומבאַשטימטער לאַגע, נישט ווימנדיק וויאַזוי די אַרבעט אַנטוויקלט זיך — דאָס אַלץ האָט נישט אַנטשפּראָכן וולאַדימיר איליטשעס כאַראַקטער. זיינע בריוו קיין רוסלאַנד זענען געווען פֿול מיט תּחנונים, מען זאָל אים פּינקטלעך שרייבן: „נאָכאַמאָל בעטן מיר און פֿאַרשפּרעכן אייך, איר זאָלט אונדז שרייבן מער אויספֿירלעך; חוצדעם, תּיכּף אינם זעלבן טאָג ווי ס'באַקומט זיך דער בריוו, זאָל מען

אונדז צושיקן אַ קבלה מיט עטלעכע ווערטער בלויז"... אַלע בריוו זענען געווען אָנגעפּילט מיט בקשות, מען זאָל שנעלער אַרבעטן, אַ גאַנצע נאַכט פלעגט וולאַדימיר איליטש נישט שלאָפן, בעת ער פלעגט באַקומען אַ בריוו פון רוסלאַנד, אַז „סאָניע שווייגט ווי אַ טויטע", אַז „זאַרין איז אינדערצייט נישט געווען אין קאָמיטעט", אָדער, אַז „ס'איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג מיט דער זקנה". אין מיין זכרון זענען איינגעקריצט געוואָרן די דאָזיקע שלאָפלאָזע נעכט. וולאַדימיר איליטש האָט ליידנשאַפטלעך געטרוימט וועגן שאַפן אַ פעסטע פאַרייניקטע פאַרטיי, ווו ס'זאָלן צושמאָלצן ווערן אַלע אָפּגעזונדערטע קרייזן מיט זייערע באַציונגען צו דער פאַרטיי, וועלכע זענען באַזירט אויף פערזענלעכע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס. ער האָט געטרוימט וועגן אַ פאַרטיי, ווו ס'זאָלן נישט זיין קיין קינסטלעכע פאַרצוימונגען, דערונטער אויך נישט קיין נאַציאָנאַלע. פונדאַנען נעמט זיך דער קאַמף מיטן „בונד". דער „בונד" איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אַרבעטער־טוער־שאַפט. און וולאַדימיר איליטש האָט נישט געצווייפלט, אַז אויב דער „בונד" וועט איינהאַלטן בלויז זיין אויטאָנאָמיע אין זיינע ריינע נאַציאָנאַלע ענינים, וועט אים אויסקומען צו גיין פוס אין פוס מיט דער פאַרטיי. אָבער דער „בונד" האָט געוואָלט איינהיטן אַ פולע זעלבסטשטענדיקייט אין אַלע פראַגן, ער האָט געוואָלט בלויז צושטיין אויף פעדעראַטיווע יסודות. אַזאַ טאַקטיק איז געווען אַ טויט פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט. באַזונדער האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קיינמאָל נישט געקענט זיגן. נאָר צונויפגיסנדיק זיך מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט, האָט ער געקענט ווערן אַ כוח. די בונדאָווצעס האָבן עס נישט פאַרשטאַנען. דעריבער האָט די „איסקראַ" געפירט מיטן „בונד" אַ פאַרביטערטן קאַמף. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר אייניקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם קאַמף האָט געפירט די גאַנצע רעדאַקציע, אָבער די בונדאָווצעס האָבן געוווּסט, אַז דער ליידנשאַפטלעכסטער אָנהענגער פון דעם דאָזיקן קאַמף פאַר אייניקייט, איז געווען וולאַדימיר איליטש.

אינגיכן האָט די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" ווידער אַרויפגעטראָגן די פראַגע וועגן אַריבערפאָרן קיין קאַנאַדע. דאָס־מאָל האָט בלויז וולאַדימיר איליטש אַליין געשטימט קעגן אַרי־בערפאָרן. מען האָט זיך אָנגעהייבן צונויפצוקלייבן. וולאַדימיר איליטשעס נערוון האָבן זיך אַזוי פאַנאַנדערגעשפּילט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער נערוון־קראַנקייט — „היי־ליקער פייער", וועלכער דריקט זיך אויס אין דערצינדונג פון די ברוסט־ און רוקן־נערוון.

ווען ביי וולאַדימיר איליטשן האָט זיך באַוויזן אַן אויס־זאַץ, האָב איך אָנגעהייבן אַריינצוקוקן אין מעדיצינישע ביכער. לויט די סימנים האָט עס אויסגעוויזן אַ לישיי. טאַכטאַרעוו, — אַ דאָקטאָר פון פּערטן אָדער פון פינפטן קורס, — האָט מיט מיר מסכּים געווען און איך האָב וולאַדימיר איליטשן אויסגע־שמירט מיט יאָדינע. ס'האָט אים שטאַרק ווי געטאָן. ס'איז אונדז אין קאָפּ נישט אַריין, זיך צו ווענדן צו אַן ענגלישן דאָקטאָר, ווייל דערפאַר וואָלט מען געדאַרפט באַצאָלן אַ גווינע. אין ענגלאַנד היילן זיך די אַרבעטער מיט אייגענע מיטלען, ווייל דאָקטוירים קאָסטן דאָרט זייער טייער. אויפן וועג קיין זשענעווע האָט זיך וולאַדימיר איליטש געדרייט פון יסורים און, קומענדיק אַהין, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און אָפּגעלעגן צוויי וואָכן.

פון די אַרבעטן, וועלכע האָבן נישט דענערווירט וולאַ־דימיר איליטשן אין לאָנדאָן און אים געגעבן אַ געוויסע באַפרי־דיקונג איז געווען די בראָשור „צו דער דאָרפישער אָרעמקייט", וואָס ער האָט געשריבן. די פּויערישע אויפשטאַנדן אין 1902 האָבן איליטשן אַריינגעגעבן אַ געדאַנק, ער זאָל אָנשרייבן אַ בראָשור פאַר די פּויערים. דאָרט האָט ער אויסגעטייטשט, וואָס עס פאָדערט די אַרבעטער־פּאַרטיי, האָט דערקלערט, פאַרוואָס די פּויערים דאַרפן גיין מיט די אַרבעטער. דאָס איז געווען די ערשטע בראָשור, אין וועלכער וולאַדימיר איליטש האָט זיך געווענדעט צו די פּויערים.

אין אַפּריל 1903 זענען מיר אַריבערגעפאָרן קיין זשענעווע.

זשענעווע

(1903)

אין זשענעווע האָבן מיר זיך באַזעצט אין דער אַרבעטער-פֿאָרשטאָט Séchéron, פֿאַרנעמענדיק אַ גאַנץ הייזל: אונטן אַ גרויסע קיך מיט אַ שטיינערנע פּאָדלאָגע, אינדערהויך דריי קליינע צימערלעך. די קיך איז גלייכצייטיק ביי אונדז אָנגעגאַנגען פֿאַר אַן אויפֿנאַם-צימער. נישט האָבנדיק קיין מעבל, האָבן מיר אָנגעשטעלט קאַסטנס פֿון ביכער און פֿון געפּעס. איגנאַט (קראַסיקאָוו) האָט אין שפּאַס אָנגערופֿן אונדזער קיך: „נעסט פֿון קאָנטראַבאַנדיסטן". אויף די קעפּ איז מען דאָרט תּמיד געשטאַנען. ווען מען האָט געדאַרפֿט רעדן פֿאַר פֿיר אויגן, פֿלעגט מען אַוועקגיין אין שכנותדיקן פּאַרק אָדער אויפֿן ברעג אָזיערע.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהייבן צונויפֿצוקומען די דעלעגאַטן. עס זענען געקומען צופֿאָרן די דעמענטיעווס. קאָסטיאַ (דעמענטיעווס ווייב) האָט איבערראַשט וולאַדימיר איליטשן מיט איר פֿאַרשטענדעניש אינעם ענין טראַנספּאָרט. „אָט דאָס איז אַן אמתער טראַנספּאָרטירער! — פֿלעגט ער חזרן — אָט דאָס הייסט אַרבעט און נישט פּלוידעריי". ס'איז געקומען צופֿאָרן ליובאָוו ניקאָלאַעוונאַ ראַדטשענקאָ, מיט וועלכער מיר זענען פּערזענלעך געווען שטאַרק פֿאַרבונדן — מען האָט געהאַלטן אין איין ריידן. נאָכדעם זענען אָנגעקומען די ראָסטאָווער דעלעגאַטן: גוסעוו

און לאַקערמאַן, זעמליאַטשקאַ, שאַטמאַן (בערג), דיאַדענקאַ, יו־נאַשאַ (דמיטרי איליטש). יעדן טאָג פלעגט עמעצער אָנקומען. מיט די דעלעגאַטן האָט מען געשמועסט וועגן די פּראָגראַם־פראַגן פון „בונד", מען האָט אויסגעהערט זייערע דערציילונגען. ביי אונדז איז כסדר געזעסן מאַרטאָוו, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן מיט די דעלעגאַטן. טראָצקי איז געקומען צופאָרן. מען האָט אים אויך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. מען האָט צו אים אַריינגעזעצט „צו באַאַרבעטן" דעם פּעטער־בורגער דעלעגאַט שאַטמאַן.

מען האָט געדאַרפט אויפקלערן די דעלעגאַטן די פּאָזיציע פונעם „דרום־אַרבעטער", וועלכער, פאַרמאַסקירנדיק זיך אונטער דער פירמע פון אַ פּאָפּולערער צייטונג, האָט געוואָלט פאַר זיך איינהייטן די רעכט פון אָפּגעזונדערטער עקזיסטענץ. מען האָט געדאַרפט אויפקלערן, אַז ביי די באַדינגונגען פון אומלעגאַלער עקזיסטענץ, קען אַ פּאָפּולערע צייטונג נישט ווערן אַ מאַסן־צייטונג און קען נישט רעכענען אויף אַ מאַסן־פאַרשפּרייטונג. וולאַדימיר איליטשעס און מאַרטאָווס שטעלונג אין דער דראָזיקער פראַגע האָט זיך גענומען צו פאַרטיידיקן טראָצקי; קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן פלעכאַנאָוו. אין דער צוקערניע לאַנדאָלד איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די אָנגעקומענע דעלעגאַטן און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע צווישן פלעכאַנאָוון און טראָצקין. די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן ס'רוב זיך צונויפגעשטויסן אין רוסלאַנד מיטן „דרום־אַרבעטער", האָבן איינגעפונען טראָצ־קיס שטעלונג פאַר אַ מער ריכטיקערע. פלעכאַנאָוו איז געווען אויסער זיך.

אין רעדאַקציע „איסקראַ" זענען פאָרגעקומען אַ סך מיס־פאַרשטענדענישן. די לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. גע־וויינלעך האָט זיך די רעדאַקציע געטיילט אויף צוויי דריי־עלעך: פלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש — פון איין זייט; לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו — פון דער צווייטער זייט. וולאַדימיר איליטש האָט ווידער אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, וועלכן ער האָט שוין געהאַט אַריינגעטראָגן אין מערץ, וועגן צוקאָאָפּטירן אין

דער רעדאַקציע אַ זיבעטן מיטגליד — טראָצקין. די קאָאָפּטי־
רונג האָט נישט געקענט פאָרקומען צוליב פּלעכאַנאָווס קאַטעּ־
גאָרישן פּראָטעסט. וולאַדימיר איליטש איז איינמאָל געקומען
פון אַ רעדאַקציע־זיצונג שטאַרק אויפגערעגט. „דער טייוול
ווייסט עס! — האָט ער געזאָגט — קיינער האָט נישט קיין
דרייסטקייט זיך קעגנצושטעלן פּלעכאַנאָוון. נו, לאָמיר זאָגן
ווערא איוואַנאָוונאַ! פּלעכאַנאָוו צעטראָגט טראָצקין און זי זאָגט:
„דאָס האָט זשאָרזש אַזאַ הויכע שטימע!" ס'איז אוממעגלעך
אַזוי!" צייטווייליק, ביזן צוזאַמענפאָר, האָט מען קאָאָפּטירט
קראַסיקאָוון: מען האָט אין רעדאַקציע געדאַרפט האָבן אַ זי־
בעטן. אין שייכות דערמיט האָט וולאַדימיר איליטש באַטראַכט
די פראַגע וועגן אַ דרייליניג. דאָס איז געווען אַן אָנגעווייטיקטע
פראַגע, און מיט די דעלעגאַטן האָט מען דערפון נישט גע־
רעדט. וועגן דעם, אַז די רעדאַקציע „איסקראַ" אין איר פרי־
ערדיקן צוזאַמענשטעל איז געוואָרן אַרבעטס־אומפעיק — דער־
פון איז געווען שווער צו ריידן.

די אָנגעקומענע האָבן זיך באַקלאָגט אויף די מיטגלידער
פונם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. איינעם האָט מען באַשולדיקט אין
חוצפּה, אָפּגעלאָזנקייט, דעם צווייטן — אין פּאַסיוויטעט. ס'האָט
זיך געשפּירט אַן אוממצופרידנקייט צוליבן טעם, וואָס די „איס־
קראַ" שטרעבט כּלומרשט צופיל צו געוועלטיקן; אָבער דאָך האָט
מען אַרויסגעזען, אַז קיין גרויסע ווידערשפּרוכן זענען נישטאָ,
אַז נאָכן צוזאַמענפאָר וועלן די געשעפטן גוט אַוועקגיין.

די דעלעגאַטן זענען זיך צונויפגעפאָרן. בלויז קלער און
קורץ זענען נישט געקומען.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר

(יולי—אויגוסט 1903)

צוערשט האָט מען געטראַכט דעם צוזאַמענפאָר איינצוּאָרדענען אין בריסעל; דאָרט זענען פאָרגעקומען די ערשטע זיצונגען. אין יענער צייט האָט אין בריסעל געוווינט קאָלצאָוו, אַן אַלטער פּלעכאַנאָוועץ. ער האָט זיך אונטערגענומען איינצוּאָרדענען דעם גאַנצן ענין. דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז נישט געווען אַזוי לײַכט איינצואָרדענען דעם צוזאַמענפאָר אין בריסעל. ס׳איז באַשטימט געוואָרן זיך צו מעלדן ביי קאָלצאָוון. אָבער נאָכדעם ווי ביי קאָלצאָוון אויף דער דירה האָבן זיך באַוויזן אַ פיר רוסן, האָט די באַלעבאָסטע אים געמאָלדן, אַז זי וועט נישט פאַרטראָגן דידאָזיקע וויזיטן, און אויב ס׳וועט קומען כאָטש נאָך איין מענטש, מעגן זיי פאַרלאָזן די דירה. אַלזאָ, איז קאָלצאָווס ווייב געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויף דער גאַס, אָפּגעהאַלטן די דעלעגאַטן און זיי אַוועקגעשיקט אין סאָציאַליסטישן האָטעל „דער גאָלדענער האָן״ (אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער געהייסן).

די דעלעגאַטן האָבן זיך ברייט אויסגעלייגט אין דעמדאָזיקן „גאָלדענעם האָן״, און גוסעוו, אויסטרינקענדיק אַ גלעזל ראָם, האָט אָונטצייט געזונגען אָפּערע־אַריעס מיט אַזאַ קול, אַז מחנות מענטשן פלעגן זיך צונויפזאַמלען אונטער די פענסטער פון האָטעל. (וולאַדימיר איליטש האָט שטאַרק ליב געהאַט

גוסעווס זינגען, הויפטזעכלעך „נישט אין קלויסטער האָט מען געשטעלט אונדזער חופּה״).

דער צוזאַמענפאָר איז געווען איינגעאָרדנט קאָנספּיראַטיוו. די בעלגישע פּאַרטיי האָט מעשה־קאָנספּיראַציע באַשלאָסן איינ־צוּאָרדענען דעם צוזאַמענפאָר אין אַ גרויסן מעל־שפּייכלער. מיט אונדזער אָנקום האָבן מיר איבערראַשט נישט נאָר די שטשורעס, נאָר אויך די פּאָליציאַנטן. מען האָט שוין גערעדט וועגן רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס קלייבן זיך צונויף אויף עפּעס געהיימע באַראַטונגען.

אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען 43 דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט און 14 דעלעגאַטן מיט באַראַטונגס־רעכט. אויב מען זאָל פאַרגלייכן דעם דעמאָלטיקן צוזאַמענפאָר מיט היינ־טיקן, ווו די צאָלרייכע דעלעגאַטן פאָרטרעטן הונדערטער טויזנטער פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָלט ער אויסגעקומען זייער קליין. אָבער דעמאָלט איז עס געווען אַ גרויסער צוזאַמענפאָר, ווייל אויפן צוזאַמענפאָר אין 1898 יאָר זענען בלויז געווען 8 מענטשן... ס'האָט זיך געפילט, אַז פאר 5 יאָר איז מען ניש־קשהדיק אַוועק פאָרויס. דער עיקר, די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשיקט דעלעגאַטן, זענען שוין געווען פאָרמירט, זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו אַנטוויקלען.

אַך, ווי וולאַדימיר איליטש האָט געטרוימט פון דעמדאָ־זיקן צוזאַמענפאָר! זיין גאַנץ לעבן האָט ער געהאַלטן, אַז די פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָל. ער האָט גע־האַלטן, אַז דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז די העכסטע אינסטאַנץ פון דער פּאַרטיי. אויף אַ צוזאַמענפאָר דאַרף מען אָפּוואַרפן אָן אַ זייט דאָס פּערזענלעכע, קיין שום זאַך טאָר נישט ווערן פאַרריבן, אַלץ מוז ווערן אַרויסגעזאָגט אָפן. צו די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן פלעגט וולאַדימיר איליטש מאַכן גרויסע הכנות, פלעגט זאָרגזאַם צוטראַכטן זיינע רעדעס. די איצטיקע יוגנט, וועלכע ווייסט נישט, וואָס הייסט יאָרנלאַנג וואַרטן אויף דער מעגלעכקייט צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּאַרטיי זיך דורכצו־

שמועסן וועגן די יסוד־פראַגן פונם פּאַרטייאישן פּראָגראַם און טאַקטיק, וואָס קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן מיט וועלכע שוועריקייטן ס'איז געווען צונויפגעבונדן אַ צוזאַמענפאָר אין יענע צייטן — וועט קוים פאַרשטיין ביזן סוף לעניגס באַציונג צו פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן.

נישט מיט ווייניקער ליידנשאַפט פון איליטשן האָט גע־וואָרט אויף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר פּלעכאַנאָוו. ער האָט אויפ־געעפנט דעם צוזאַמענפאָר. דאָס גרויסע פענצטער פונם מעל־שפּייכלער לעבן דער אימפּראָוויזירטער טריבונע איז געוואָרן פאַרהאָנגען מיט רויטן שטאָף. אַלע זענען געווען צעטומלט. פייערלעך האָט געקלונגען פּלעכאַנאָווס רעדע; ס'האָט זיך אין איר געפילט אַן אמתער פּאַטאָס. ס'האָט אַנדערש נישט גע־קענט זיין! ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די לאַנגע עמיגראַציע־יאָרן זענען אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט; ער, פּלעכאַנאָוו, האָט געלעבט מיט דער איצטיקער צייט, ער האָט אויפגעעפנט דעם צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבע־טער־פּאַרטיי.

אין תוך איז דער צווייטער צוזאַמענפאָר געווען אַ גרינ־דונגס־צוזאַמענפאָר. דאָרט זענען באַרירט געוואָרן עצם־פראַגן, טעאָרעטישע פראַגן, מען האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון פּאַרטייאישער אידעאָלאָגיע. אויפן 1טן צוזאַמענפאָר האָט מען בלויז אָנגענומען דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי און דעם מאַ־ניפעסט פון איר גרינדונג. ביזן 2טן צוזאַמענפאָר האָט די פּאַרטיי קיין פּראָגראַם נישט געהאַט. די רעדאַקציע „איסקראַ“ האָט צוגעגרייט דעמדאָזיקן פּראָגראַם. לאַנג האָט מען זיך וועגן דעם מיישב געווען אין דער רעדאַקציע. מען האָט באַגרינדעט, געוויגן יעדעס וואָרט, יעדע פראַזע, ס'זענען געגאַנגען הייסע דעבאַטן. די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע האָבן חדשים־לאַנג זיך דורכגעשריבן וועגן דעם פּראָגראַם פון דער מינכענער און דער שווייצאַרישער טייל פון דער רעדאַקציע. אַ סך פּראַקטי־קער האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דידאָזיקע קריגערייען טראָגן אַ ריין קאַבינעטן־כאַראַקטער און אַז ס'איז נישט וויכטיק צי אינם

פראָגראַם וועט שטיין אַ „לכל־הפחות", אָדער ער וועט נישט שטיין.

איך מיט וולאַדימיר איליטשן האָבן זיך אַמאָל דערמאָנט וועגן אַ פאַרגלייך, וואָס טאָלסטאָי ברענגט ערגעץ: ער גייט און זעט פונדערווייטנס — עס זיצט אַ מענטש, די פיס אונטער זיך און מאַכט אומגעלומפּערט מיט די הענט; ער האָט אַ טראַכט געטאָן — אַ משוגענער; ער גייט צו נעענטער — זעט ער ווי ער שאַרפט אַ מעסער אויפן טראָטואַר. אַזוי איז אויך מיט די טעאָרעטישע סיכסוכים: הערט מען פון דער זייט, פאַרשטייט מען נישט, פאַרוואָס די מענטשן שפּאַרן זיך, דרינגט מען אַריין אין תוך — זעט מען, אַז דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער. אַזוי איז אויך געווען מיטן פראָגראַם.

ווען די דעלעגאַטן האָבן זיך אָנגעהייבן צונויפצוקומען אין זשענעווע, האָט מען ס'רוב מיט זיי געפירט אַ וויכוח וועגן דעם פראָגראַם. אויפן צוזאַמענפאָר איז דידאָזיקע פראַגע אַדורך אַ סך גלאַטיקער.

די צווייטע וויכטיקע פראַגע אויפן 2טן צוזאַמענפאָר איז געווען די פראַגע וועגן „בונד". אויפן 1טן צוזאַמענפאָר האָט מען באַשלאָסן, אַז דער „בונד" איז אַ טייל פון דער פאַרטיי, הגם ער איז אויטאָנאָם. אין אַ משך פון פינף יאָר, וועלכע זענען אַריבער פון דער צייט נאָכן 1טן צוזאַמענפאָר, האָט די פאַרטיי נישט עקזיסטירט ווי אַ גאַנצקייט. דער „בונד" האָט געפירט אַ באַזונדערע עקזיסטענץ. איצט האָט דער „בונד" גע-וואָלט פאַרפעסטיקן דידאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט, איינשליסנדיק זיך בלויז אין „ר.ס.ד.אַ.פּ." אויף פעדעראַטיווע יסודות. ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דער „בונד", אָפּשפּיגלענדיק די שטימונג פון די יידישע בעל־מלאכות אין די שטעטלעך, האָט זיך מער אינטערעסירט מיטן עקאָנאָמישן קאַמף, ווי מיטן פּאָ-ליטישן, און דעריבער האָט ער מער סימפּאַטיזירט מיט די עקאָנאָמיסטן, ווי מיט דער „איסקראַ". די פראַגע איז געשטאַ-נען אַזוי: צי זאָל אין לאַנד געשאַפן ווערן אַן איינציקע שטאַרקע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע זאָל קאָנצענטרירן אַרום זיך

די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס וווינען אויף דער רוסישער טעריטאָריע, אָדער ס׳זאָלן אין לאַנד זיין עטלעכע, לויט נאַציאָנאַליטעט אָפּגעזונדערטע אַרבעטער-פּאַרטייען. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרייניקונג אין לאַנד. די רעדאַקציע „איסקראַ״ איז געשטאַנען פאַר אַן אינ-טערנאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פונם אַרבעטער-קלאַס, דער „בונד״— פאַר נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און די באַציונגען צווישן די נאַציאָנאַלע אַרבעטער-פּאַרטייען אין רוסלאַנד זאָלן זיין באַ-זירט אויף פאַריינטלעכע יסודות.

די פראַגע וועגן „בונד״ איז אויספירלעך אַרומגערעדט געוואָרן מיט די געקומענע דעלעגאַטן און ס׳איז אָנגענומען גע-וואָרן אַ באַשלוס אינם גייסט פון דער „איסקראַ״ מיט אַ מער-הייט שטימען.

שפּעטער האָט דער פאַקט פון דער שפּאַלטונג פאַרמאַס-קירט פאַר אַ סך מענטשן די וויכטיקסטע פרינציפּיעלע פראַגן, וועלכע זענען אַוועקגעשטעלט און געלייזט געוואָרן אויפן 2טן צוזאַמענפאָר. ביים באַטראַכטן דידאַזיקע פראַגן האָט איליטש געפילט אַ באַזונדערע נאָענטקייט צו פּלעכאַנאָוון. אויף וולאַ-דימיר איליטשן האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק פּלעכאַ-נאָווס רעדע, הויפּטזעכלעך דעמאָלט, בעת ער האָט געזאָגט, אַז דער דעמאָקראַטישער יסוד-פרינציפּ דאַרף זיך שטיצן אויף דער שטעלונג: „דאָס העכסטע געזעץ איז צום גונסטן פון דער רעוואָלוציע״, און אַז אפילו דער פרינציפּ פון אַלגעמיינע וואַל-רעכט דאַרף נעמען אין באַטראַכט דעם שטאַנדפונקט פונם דאָ-זיקן יסוד־פרינציפּ. ער האָט זיך וועגן דערדאָזיקער רעדע דערמאָנט אין פערצן יאָר אַרום, ווען פאַר די באָלשעוויקעס איז אויסגעוואַקסן די פראַגע פון פאַנאַנדערלאָזן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

און אַ צווייטע רעדע פּלעכאַנאָווס — וועגן דער באַדיי-טונג פון פאָלקס-בילדונג, אַז די פאָלקס־בילדונג איז „אַ גאַראַנ-טיע פון די רעכט פונם פראָלעטאַריאַט״ — איז געווען אין איינקלאַנג מיט וולאַדימיר איליטשעס געדאַנקען.

אויפן צוזאַמענפאָר האָט פּלעכאַנאָוו אויך געפּילט אַ נאָ־
ענטקייט צו לענינען.

ענטפערנדיק אַקימאָוון, אַ פארברענטן ראַבאָטשעדעליעץ, וועלכער האָט געוואָלט צוקריגן פּלעכאַנאָוון מיט לענינען, האָט פּלעכאַנאָוו אין שפּאַס געזאָגט: „נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו צעשיידן זיינע מאַרשאַלן מיט זייערע ווייבער; אַ סך מאַרשאַלן האָבן אים נאָכגעגעבן, הגם זיי האָבן געליבט זייערע ווייבער. דער חבר אַקימאָוו איז אין דעם הינזיכט ענ־לעך צו נאַפּאָלעאָנען, ער וויל דורכאויס מיך אָפּגטן מיט לע־נינען. אָבער איך וועל ארויס מער כאַראַקטער ווי נאַפּאָלעאָנס מאַרשאַלן; איך וועל זיך נישט גטן מיט לענינען, און ער פון זיין זייט טראַכט אויך נישט מיט מיר זיך צו גטן". וולאַדימיר איליטש האָט געלאַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

בעת עס האָט זיך אנטוויקלט אַ דיסקוסיע איבערן ערשטן פּונקט פון דער טאָג־אָרדענונג (וועגן דער קאָנסטיטוירונג פונם צוזאַמענפאָר), איבער דער פראגע וועגן איינלאַדן דעם פאָר־שטייער פון דער גרופּע „באָרבאַ" (ריאַזאַנאָוו, נעוואָזאָראָוו, גור־רעוויטש), איז אומגעריכט פאָרגעקומען אַן אינצידענט. דער אָרג.-קאָמ. האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן אויפן צוזאמענפאָר מיט אַ וואָטום-סעפּאַראַטום. ס'האָט זיך געהאנדלט נישט אין דער גרופּע „באָרבאַ", נאָר דערין, אַז דער אָרג.-קאָמ. האָט זיך באַ־מיט צו פאַרבינדן זיינע מיטגלידער אויפן צוזאַמענפאָר מיט אַן אָפּגעזונדערטער דיסציפּלין. דער אָרג.-קאָמ. האָט געוואָלט אַרויס־טרעטן ווי אַ גרופּע, וואָס נעמט לכתחילה אָן באשלוסן אין דער אייגענער סביבה — וויאַזוי מען דאַרף שטימען און נאָכ־דעם טרעט ער אַרויס אויפן צוזאַמענפאָר ווי אַ גרופּע. אויף אַזאַ אופן וואָלט די העכסטע אינסטאַנץ פאַר אַ מיטגליד פונם צוזאמענפאָר געווען די גרופּע און נישט דער צוזאַמענפאָר אַליין. וולאַדימיר איליטש איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן. און נישט ער אַליין האָט געשטיצט פּאַוולאָוויטשן (קראַסיקאָוון), וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ פּרווו, נאָר אויך מאַרטאָוו און אַנדערע האָבן אים געשטיצט. הגם דער אָרג.־קאָמ. איז

דורכן צוזאַמענפאָר סקאַסירט געוואָרן, דאָך האָט דער אינצידענט געמאַכט אַ רושם און האָט פאָרויסגעזאָגט פאַרשידענע קאָמפּליקאַציעס. אגב, איז דער אינצידענט צייטווייליק אַוועקגערוקט געוואָרן אויפן הינטערשטן פּלאַן, אויף וויפל מען האָט אויפן ערשטן פּלאַן אַרויסגערוקט פראַגן פון גרויסער פּרינציפּיעלער באַדייטונג — די פראַגע וואָסער אָרט דער „בונד״ דאַרף פאַרנעמען אין דער פּאַרטיי און די פראַגע וועגן פּראָגראַם. וועגן דער פראַגע פון „בונד״ און פון דער רעדאַקציע „איסקראַ״, וועגן דעם אָרג.-קאָמ., האָבן אַלע דעלעגאַטן איינשטימיק אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד״. דער פאָרשטייער פונם „דרום־אַרבעטער״, דער מיטגליד פון אָרג.־קאָמ. יעגאָראָוו (לעווין) איז אויך העפטיק אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד״. פּלעכאַנאָוו האָט בעת דער הפסקה אים געגעבן פאַרשידענע קאָמפּלימענטן, האָט געזאָגט, אַז זיין רעדע דאַרף מען פאַרעפנטלעכן אין אַלע קאָמונעס.

אָנהייב צוזאַמענפאָר האָט טראָצקי זייער געלונגען אַרויסגעטראָטן. אויף אים האָבן אַלע דעמאָלט געקוקט ווי אויף לענינס אַן איבערגעגעבענעם אָנהענגער, און עמיצער האָט אים אַפילו געקרוינט מיטן נאָמען „לענינס־פּלאָקן״. און וולאַדימיר איליטש אַליין האָט צום ווייניקסטן געטראַכט, אַז טראָצקי וועט זיך אַ וואַקל „טאָן״. דעם „בונד״ האָט מען געלייגט אויף ביידע לאָפּאַטקעס. מען האָט באַשלאָסן, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן דאַרפן נישט שטערן די איינהייט פון דער פּאַרטייאישער אַרבעט, די גאַנצקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג.

ביגו־לבינו האָט מען זיך געדאַרפט אריבערטראָגן קיין לאָנדאָן. די בריסעלער פּאָליציי האָט זיך אָנגעהייבן צוצוטשעפּען צו די דעלעגאַטן און אפילו אַרויסגעשיקט זעמליאַטשקען מיט נאָך עמיצן. דעמאָלט זענען זיך אַלע צעלאָפן. איינצוואָרדענען דעם צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן האָבן שטאַרק צוגעהאָלפן די טאַכטאַרעווס. די לאָנדאָנער פּאָליציי האָט נישט געמאַכט קיין שום שטערונגען.

מען האָט ווייטער באַריירט די פראַגע וועגן „בונד". נאָכדעם, בעת מען האָט אויסגעאַרבעט אין דער קאָמיסיע די פראַגע וועגן דעם פּראָגראַם, איז מען אריבערגעגאַנגען צום פּערטן פּונקט פון דער טאָג-אָרדענונג, צו דער פראַגע וועגן באַשטע-טיקן אַ צענטראַל-אָרגאַן. די „איסקראַ" איז כמעט איינשטימיק אָנערקענט געוואָרן אַלס צענטראַל-אָרגאַן. בלויז די ראַבאָטשע-דעלצעס האָבן זיך קעגנגעשטעלט. מען האָט די „איסקראַ" הייס באַגריסט. אפילו דער פאָרשטייער פונם אָרג.-קאָם. פּאָפּאָוו (ראָזאַנאָוו) האָט גערעדט דערפון, אַז „דאָ אויפן צוזאַמענפאָר זענען מיר אלע איין פּאַרטיי, וועלכע איז הויפּטזעכלעך געשאפן געוואָרן אדאנק דער טעטיקייט פון דער „איסקראַ". אַקימאָוו איז געווען אין פארלעגנהייט: אויב מיר באַשטעטיקן נישט די רעדאַקציע „איסקראַ", טאָ וואָס באַשטעטיקן מיר דען — דעם נאָמען? „נישט דעם נאָמען באַשטעטיקן מיר, חבר אַקימאָוו, נאָר די פאָן, די פאָן, אַרום וועלכער ס'האָט זיך פאקטיש קאָנ-צענטרירט אונדזער פּארטיי!" — האָט אים טראָצקי אָפּגעענט-פערט. דאָס איז געווען די צענטע זיצונג, און זיי זענען געווען 37 מאַן.

וואָלקנס האָבן ביסלעכווייז אָנגעהייבן צו פאַרכמורען דעם צוזאַמענפאָר. מען האָט געדארפט אויסוויילן דריי מאַן אין צ.ק. דער יאָדער פונם צ. ק. איז נישט געווען. געזיכערט איז געווען די קאנדידאטור פון גלעבאָוון (נאָסקאָוו), וועלכער האָט זיך אויסגעטיילט ווי אַן אומדערמידלעכער אָרגאַניזאטאָר. די צווייטע זיכערע קאָנדידאַטור וואָלט געווען די קאנדידאטור פון קלערן (קזשיזשאַנאָווסקי), אויב ער וואָלט געווען אויפן צוזאַמענפאָר. פאַר אים און פאר קורצן איז אויסגעקומען צו שטימען אין זייער אָפּוועזנהייט, וואָס איז געווען זייער נישט אָנגענעם. אָבער אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען אַ סך „גענעראַלן", — קאנדידאַטן אין צ. ק. דאָס זענען געווען זשאַק (שטיין, אַלעק-סאַנדראָווע), פאָמין (קראָכמאַל), שטערן (קאָסטיאַ — ראָזאַ האַלבערשטאַט), פּאָפּאָוו (ראָזאַנאָוו), יעגאָראָוו (לעווין). די אַלע זענען געווען קאנדידאטן אויף צוויי ערטער אין דער „טראָיקע"

פונם צ. ק. חוצדעם האָט איינער געקענט דעם צווייטן נישט
ווי פּאַרטיי-אַרבעטער, נאָר מען האָט געקענט דאָס פּערזענלעכע
לעבן פון איינאַנדער. דאָ איז געווען אַ גאַנצע נעץ פון פּער-
זענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. וואָס נאָענטער צו די
וואַלן, אַלץ מער האָט זיך געפילט די אָנשטרענגונג. די באַ-
שולדיקונגען, געוואָרפן דורכן „בונד” און דורך דער „אַרבע-
טער-זאַך”, אַז מען וויל אָנפירן, אַז מען וויל דיקטירן פון אויס-
לענדישן צענטער א. אַ. וו., האָבן אויפגעטאָן זייערס, הגם פון
אָנהייב האָבן זיי באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. זיי האָבן,
נעמלעך, געווירקט אויפן צענטער, אויף די וואַקלענדיקע, מעג-
לעך אויף אַן אומבאַוווּסטזיניקן אופן. פאַר וועמענס אָנפירונג
האָט מען מורא געהאַט? פאַרשטייט זיך, אַז נישט פאַר מאַר-
טאָווס, זאַסוליטשס, סטאַראָווערס און אקסעלראָדס. מען האָט
מורא געהאט פאר לענינס און פּלעכאַנאָווס אָנפירונג. אָבער
מען האָט אויך געוווּסט, אַז בנוגע דער פראגע וועגן צוזאַ-
מענשטעל, וועגן דער רוסישער אַרבעט וועט אַנטשיידן לענין
און נישט פּלעכאַנאָוו, וועלכער איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון
דער פּראַקטישער אַרבעט.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָנערקענט די ריכטונג פון דער
„איסקראַ”, אָבער מען האָט נאָך אויך געדאַרפט אָנערקענען די
רעדאַקציע פון דער „איסקראַ”.

וולאַדימיר איליטש האָט אַרויסגערוקט אַ פּראָיעקט, די
רעדאַקציע פון דער „איסקראַ” זאָל באַשטיין פון דריי מענטשן.
וועגן דעמדאָזיקן פּראָיעקט האָט וולאַדימיר איליטש פריער גע-
מאָלדן מאַרטאָוון און פּאָטרעסאָוון. מאַרטאָוו האָט אויפן צוזאַ-
מענפאָר געפאָדערט דריי מענטשן אין דער רעדאקציע, פּשוט
צוליב פּראקטישע טעמים. דעמאָלט האָט ער פארשטאנען, אַז
דער דריילינג איז געווענדעט קעגן פּלעכאנאָוון. ווען וולאַדי-
מיר איליטש האָט איבערגעגעבן פּלעכאַנאָוון דעם צעטל מיטן
פּראָיעקט וועגן דעם רעדאקציאָנעלן דריילינג, האָט פּלעכאַנאָוו
קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט, איבערגעלייענט דעם צעטל און
אַריינגעלייגט אין קעשענע. ער האָט פארשטאנען, וועגן וואָס

ס׳האַנדלט זיך, אָבער ער איז דערויף איינגעגאַנגען. אויב ס׳איז אַ פּאַרטיי — דאַרף מען האָבן טיכטיקע אַרבעט.

מאַרטאָוו האָט מער פון אַלע מיטגלידער פון דער רע־דאַקציע זיך געדרייט צווישן די מיטגלידער פונם אָרג.-קאָמ. זייער שנעל האָט מען אים איבערגעצייגט, אַז דער דריילינג איז געווענדעט קעגן אים, און אויב ער וועט אַריין אינם דריי־לינג, וועט ער פאַראַטן זאַסוליטשן, פּאָטרעסאָוון, אַקסעלראָדן. אַקסעלראָד און זאַסוליטש האָבן זיך שטאַרק באַאומרויקט.

אין אַזא אַטמאָספער האָבן די סיכסוכים אַרום דעם ערשטן פּאַראַגראַף אָנגענומען אַ באַזונדער שאַרפן כאַראַקטער. לעניןאון מאַרטאָוו זענען זיך פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל פאַנאַנ־דערגעגאַנגען אין דער פראַגע וועגן דעם ערשטן פּאַראַגראַף פונם פּאַרטיי־סטאַטוט. דידאָזיקע סיכסוכים זענען פריער אויך פאָרגעקומען, אָבער פריער זענען זיי פאָרגעקומען אין די ראַ־מען פון אַן ענגן קרייז און גיך פאַרגלעטיקט געוואָרן; איצט זענען די סיכסוכים פאָרגעקומען אויפן צוזאמענפאָר, און יע־דער איינער, וואָס איז געווען אין כעס אויף דער „איסקראַ״, אויף פּלעכאַנאָוון און לענינען, האָבן זיך באמיט פאַנאַנדערצו־בלאָזן די חלוקי־דעות אין אַ גרויסער פּרינציפּיעלער פראַגע. אויף לענינען האָט מען אָנגעהייבן אָנצופאַלן פאַר זיין אַרטיקל „פון וואָס הייבט מען אָן״, פאַר זיין ביכל „וואָס טוט מען״; מען האָט אים אָנגעהייבן צו באַשולדיקן אין אייגנליבע און אַז. וו. וולאַדימיר איליטש האָט אַרויסגעטראָטן אויפן צוזאַמענ־פאָר. אין זיין בראָשור „אַ טריט פאָרויס, צוויי צוריק״, האָט ער געשריבן: „דערדאָזיקער פאַקט האָט מיר אַרויפגעבראַכט אויפן זכרון אַ שמועס מיט די צענטער־דעלעגאַטן. ס׳אַראַ שווערע אַטמאָספער ס׳הערשט ביי אונדז אויפן צוזאַמענפאָר! — האָט ער זיך פאַר מיר באַקלאָגט. — דערדאָזיקער פאַרביטער־טער קאַמף, דידאָזיקע אַגיטאַציע קעגן איינאַנדער, דידאָזיקע שאַרפע פּאָלעמיק, דידאָזיקע אומחברישע באַציונג!״ — „ס׳אַראַ פיינע זאַך אונדזער צוזאַמענפאָר איז! — האָב איך אים גע־ענטפערט. — אַן אָפענער פרייער קאַמף. יעדער איינער האָט זיך

אַרויסגעזאָגט. ס׳האָבן זיך אויסגעשיילט אַלע ניואַנסן. מען האָט אָנגעצייכנט גרופּן. מען האָט געהייבן די הענט. מען האָט אָנגענומען באַשלוסן. דער עטאַפּ איז דורכגעגאַנגען. פאָרויס! אָט דאָס פאַרשטיי איך! דאָס איז אַ לעבן! דאָס זענען נישט קיין אומענדלעכע לאַנגווייליקע אינטעליגענטע דרשות, וועלכע ענדיקן זיך נישט דערפאַר, ווייל מענטשן האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס, נאָר דערפאַר, ווייל מען איז אָפּגעמאַטערט געוואָרן צו ריידן". דער חבר פון „צענטער" האָט אויף מיר געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און געצוקט מיט די אַקסלען. מיר האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע לשונות".

אין דעמדאָזיקן ציטאַט טויכט אויף גאַנץ איליטש.

אָנהייב צוזאַמענפאָר זענען זיינע נערוון געווען שטאַרק אָנגעשרויפט. די בעלגישע אַרבעטאָרערין, ביי וועלכער מיר האָבן זיך באַזעצט אין בריסעל, האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס וולאַדימיר איליטש עסט נישט די זעלטענע רעטעכלעך און דעם האָלענדישן קעז, וואָס זי דערלאַנגט אים יעדן פריימאָרגן. ס׳איז אים דעמאָלט נישט איינגעגאַנגען דאָס עסן. אין לאָנדאָן האָט ער אויפגעהערט צו שלאָפן, איז געווען זייער צערודערט.

קיינער האָט נישט גערעכנט אויף קיין שפּאַלטונג. איך געדענק אַ געשפּרעך מיט טראָצקין. ווי היציק וולאַדימיר איליטש איז נישט געווען אויף די דעבאַטן, דאָך איז ער ווי אַ פאָרזיצער געווען אומפּאַרטייאיש און האָט נישט דערלויבט קיין שום אומגערעכטיקייט בנוגע דעם קעגנער. גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט פּלעכאַנאָוון. בעת ער איז געווען פאָרזיצער, האָט ער ליב געהאַט זיך צו וויצלען און אויפרייצן דעם קעגנער. איינמאָל, נאָך פּלעכאַנאָווס אַ וויץ, אַז פערד ריידן נישט און מענטשן פאַרנעמען זיך ליידער דערמיט", האָט טראָצקי צו מיר געזאָגט: „זעט וולאַדימיר איליטש זאָל איבערנעמען די זיצונג, ווייל פּלעכאַנאָוו וועט דערפירירן צו אַ שפּאַלטונג".

ס׳האָט זיך אָבער נישט געהאַנדלט וועגן פאָרזיצעריי. הגם ס׳רוב דעלעגאַטן זענען זיך נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען

איבער דער פראַגע וועגן דעם אָרט, וואָס דער „בונד" דאַרף
פאַרנעמען אין דער פאַרטיי, איבער דער פראַגע וועגן פראָ־
גראַם, וועגן דער ריכטונג פון דער „איסקראַ", אָבער שוין
אינמיטן צוזאַמענפאָר האָט מען דערפילט, אַז עס פאָרמירט
זיך אַ שפּאַלט, וועלכער ווערט כסדר טיפער און טיפער. אייגנ־
טלעך זענען נישט געווען קיין ערנסטע חילוקי־דעות, וואָס האָבן
געשטערט די צוזאַמענאַרבעט אויפן 2טן צוזאַמענפאָר. זיי זענען
נאָך דעמאָלט געווען אין אַ פאַרבאָרגענעם צושטאַנד, אין פּאָ־
טענץ, אַזוי צו זאָגן. און דאָך איז דער צוזאַמענפאָר פאַנאַנ־
דערגעפאַלן אויף צוויי טיילן. אַ סך האָבן געמיינט, אַז דערין
איז שולדיק פלעכאַנאָווס אומטאַקטישקייט, לענינס „משוגעת"
און אייגנליבע, פּאַוולאָוויטשעס שפּילקעס, די אומגערעכטיקע
באַציונג צו זאַסוליטשן און אַקסעלראָדן. צוליב דערדאָזיקער
סיבה האָבן זיי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די באַליי־
דיקטע און צוליב פּערזאָנען נישט באַמערקט דעם עצם פון
דער זאַך. טראָצקי האָט עס אויך נישט פאַרשטאַנען. און די
עצם־זאַך איז באַשטאַנען דערין, וואָס די חברים, וועלכע האָבן
זיך גרופּירט אַרום לענינען, האָבן זיך באַצויגן אַ סך ערנסטער
צו די פּרינציפּן, האָבן דורכאויס זיי געוואָלט פאַרווירקלעכן,
וועלנדיק דורכוועבן מיט זיי די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט; די
צווייטע גרופּע איז געווען מער בירגערלעך געשטימט, איז גע־
ווען גרייט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן, אויף פּרינציפּיעלע
הנחות, דעריבער האָט מער געלייגט אַכט אויף פּערזאָנען.

דער קאַמף בעת די וואַלן האָט געטראָגן זייער אַ שאַרפן
כאַראַקטער. ס'איז פאַרבליבן אין זכרון עטלעכע סצענקעס פון
פאַר די וואַלן. אַקסעלראָד מאַכט פאָרווורפן באַומאַנען (סאָראָ־
קינען), אַז ס'פעלט אים כלומרשט זיטלעכער חוש, ער דער־
מאָנט אים עפּעס אַ געשיכטע פון דער פאַרשיקונג, עפּעס אַ
רכילות. באַומאַן שווייגט, אָבער טרערן שטייען אים אין די אויגן.

און נאָך אַ סצענקע. דייטש זאָגט עפּעס גלעבאָוון (נאָס־
קאָוון) מיט אַ בייזן טאָן, יענער הייבט אויף דעם קאָפּ און מיט
ברענענדיקע אויגן ענטפערט ער: „שווייגט שוין בעסער, פּאַפּאַשע!"

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געענדיקט. אין צ.ק. האָט מען אויסגעקליבן גלעבאָוו, קלערן, קורצן; דערביי האָבן 44 געשטימט פאַר, 20 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. אין צ.־אָ. האָט מען אויסגעקליבן פלעכאַנאָוון לענינען און מאַרטאָוון. מאַרטאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דער רעדאַקציע. די שפּאַלטונג איז געווען א פולטע.

נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר

(1903–1904)

אין זשענעווע, וווהין מיר האָבן זיך צוריקגעקערט נאָכן צוזאַמענפאָר, האָט זיך אָנגעהייבן אַ גאַנץ פּעקל צרות. קודם-כל האָבן זיך קיין זשענעווע אַ לאָז געטאָן די עמיגראַנטן פון אַנדערע אויסלענדישע קאָלאָניעס. ס׳זענען געקומען צופאָרן די מיטגלידער פון דער ליגע און געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט אויפן צוזאַמענפאָר? צוליב וואָס איז אויסגעבראָכן די מחלוקת? צוליב וואָס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג?"

פּלעכאַנאָוו, ווען מען ס׳זענען צוגעגעסן געוואָרן די אַלע שאלות, האָט איינמאָל דערציילט: „ס׳איז געקומען צופאָרן N. N. ער פרעגט זיך פּאַנאַנדער און חזרט כסדר: „איך בין ווי בורידאַנס אייזל", וועלכער איז געשטאַנען צווישן צוויי בינטלעך היי. און איך פרעג אים: „פאַרוואָס עפּעס בורידאַנס?...

מען האָט אָנגעהייבן צו קומען פון רוסלאַנד. אגב, איז פון פּעטערבורג געקומען יערעם, אויף וועמענס אַדרעס וולאַדימיר איליטש האָט מיט אַ יאָר צוריק געשיקט אַ בריוו פאַר דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון די מענשעוויקעס. ער איז אַריינגעקומען צו אונדז. אָננעמענדיק אַ טראַגישן אויסזען, האָט ער, באַגעגענענדיק זיך מיט וולאַדימיר איליטשן, אויסגערופן: „איך בין יערעם", און האָט אָנגעהייבן צו רעדן, אַז די מענשעוויקעס זענען

גערעכט... איך געדענק אויך דעם מיטגליד פונם קיעווער קאָ־מיטעט, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן: וועלכע טעכ־נישע ענדערונגען האָבן גורם געווען די שפּאַלטונג אויפן צו־זאַמענפאָר? איך האָב אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. אַזאַ פּרימי־טיווע אויפפאַסונג האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט גע־הערט און איך האָב זיך אַפילו נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עמיצער זאָל אַזוי טראַכטן.

די, וועלכע האָבן געהאָלפן מיט געלט, מיט איינמעלדונ־גען און אַנדערע זאַכן האָבן, אונטערן אַגיטאַציע־איינפלוס פון די מענשעוויקעס, אָפּגעזאָגט צו געבן הילף. כ׳געדענק ווי מיינע אַן אַלטע באַקאַנטע איז געקומען קיין זשענעווע צו אַ שוועס־טער מיט אירע אַן אַלטע מוטער. אין די קינדערישע יאָרן האָבן מיר זיך אַזוי פיין געשפּילט אין וואַנדערער, אין ווילדע מענטשן, וואָס וווינען אויף ביימער, אַזוי אַז איצט האָב איך זיך מיט איר שטאַרק דערפרייט. איצט איז זי שוין נישט גע־ווען קיין יונגע בתולה; זי איז מיר אינגאַנצן געווען פרעמד. מען האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער הילף, וואָס זייער פאַמיליע האָט תמיד אַרויסגעוויזן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. „מיר קענען איצט נישט אָפּגעבן אונדזער דירה — האָט זי געמאָלדן — מיר זענען שטאַרק אומצופרידן מיט דער שפּאַלטונג צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. דידאָזיקע פּערזענלעכע סיכסוכים רופן זיך שלעכט אָפּ אויף דער זאַך". אַלזאָ, איך מיט איליטשן האָבן מיר אוועקגעשיקט צו אַלדע שוואַרץ יאָר דידאָזיקע אַלע „מיטפילנדיקע", וואָס טרעטן נישט אַריין אין קיין שום אָרגאַניזאַציע און מיינען, אַז מיט זייערע איינמעל־דונגען און מיט גראָשנס וועלן זיי ווירקן אויפן גאַנג פון דער אַרבעט אין אונדזער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי!

וולאַדימיר איליטש האָט תּיכּף אָנגעשריבן צו קלערן און קורצן קיין רוסלאַנד, וועגן אַלץ וואָס ס׳איז געשען. אין רוס־לאַנד האָט מען נאָר געקענט העלפן מיט אַ קרעכץ. מען האָט, למשל, געטראַכט אַרויסצורופן מאַרטאָוון קיין רוסלאַנד־

פאַרשטעקן אים ערגעץ אין אַ לאָך און געבן צו שרייבן בראָשורן. קורצן האָט מען באַשלאָסן ארויסצורופן קיין אויסלאַנד.

נאָכן צוזאַמענפאָר האָט איליטש זיך נישט קעגנגעשטעלט גלעבאָוון, בעת ער האָט פאָרגעלייגט צוקאָאָפּטירן די אלטע רעדאקציע. שוין בעסער זיך מאַטערן אויפן אַלטן אופן — האָט איליטש געטראַכט — איידער אַ שפּאַלטונג. די מענשעוויקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט. אין זשענעווע האָט וולאַדימיר איליטש געפּרוווט צונויפצורעדן זיך מיט מאַרטאָוון, האָט געשריבן פּאָטרעסאָוון, אים איבערגעצייגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרונד זיך פאנאנדערצוגיין. וועגן דער שפּאַלטונג האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן קאַלמיקאָווען (מומע); ער האָט איר דערציילט וועגן דעם גאַנצן ענין. ס'האָט זיך אים אַלץ נישט געגלויבט, מ'זאָל נישט קענען געפינען קיין אויסוועג. אַראָפּרייסן די באַשלוסן פונם צוזאַמענפאָר, שטעלן אויף דער קאָרט די רוסישע ארבעט, די טעטיקייט פון דער נאָר־וואָס געגרינדעטער פּאַרטיי, — איז לויט איליטשעס מיינונג געווען אַ משוגעת, אַן אומגלויבלעכע זאַך. ס'זענען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט בלויז געזען, אַז דעם צוזאַמענברוך איז נישט צו פאַרמיידן. איינמאָל האָט ער אָנגעהייבן צו שרייבן קלערן אַ בריוו דערפון, וואָס יענער שטעלט זיך גאָרנישט פאָר די אמתע לאַגע, אַז מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אז די אלטע באַציונגען האָבן זיך אין עצם געענדערט, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו דער אלטער פריינטשאַפט מיט מאַרטאָוון, אַז מען דאַרף פאַרגעסן וועגן דער אַלטער פריינטשאַפט, אַז ס'הייבט זיך אָן אַ קאמף. דעמדאָזיקן בריוו האָט וולאַדימיר איליטש נישט פאַרענדיקט און נישט אוועקגעשיקט. ס'איז אים געווען זייער שווער איבערצורייסן מיט מאַרטאָוון. דער פעריאָד פון דער פעטערבורגער אַרבעט, דער פעריאָד פון דער ארבעט אין דער אַלטער „איסקראַ", האָט זיי ענג פאַרבונדן. דער עמפינדלעכער מארטאָוו האָט אין יענע צייטן גלענצנד געקענט אויפכאַפּן איליטשעס געדאנקען און זעלטן גוט זיי אַנטוויקלען. נאָכדעם האָט וולאַדימיר איליטש העפטיק געקעמפט מיט די

מענשעוויקעס, אָבער יעדעס מאָל ווען מאַרטאָווס ליניע האָט זיך עטוואָס אויסגעגלייכט, האָבן זיך אין אים אויפגעוועקט די אַלטע געפילן צו מאַרטאָוון. אַזוי איז, למשל, געשען אין 1910, אין פּאַריז, ווען מאַרטאָוו און וולאַדימיר איליטש האָבן געאַרבעט צוזאַמען אין דער רעדאַקציע „סאָציאַל־דעמאָקראַט". קומענדיק פון דער רעדאקציע, האָט וולאַדימיר איליטש נישט איינמאָל מיט אַ פריילעכן טאָן דערציילט, אַז מאַרטאָוו נעמט אָן אַ ריכטיקע ליניע, ער טרעט אפילו אַרויס קעגן דאַנען. און שפּעטער, אין רוסלאַנד, אין די יולי־טעג, איז וולאַדימיר איליטש זייער שטאַרק צופרידן געווען מיט מאַרטאָווס פּאָזיציע נישט דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען צום גונסטן פון די באָלשעוויקעס, נאָר דערפאַר, ווייל מאַרטאָוו האַלט זיך מיט גרויס ווירדע, ווי ס'פּאַסט פאר אַ רעוואָלוציאָנער.

ווען וולאַדימיר איליטש איז שוין געווען שווער קראַנק, האָט ער צו מיר איינמאָל מיט טיפער דאגה געזאָגט: „מען זאָגט, אַז מאַרטאָוו שטאַרבט אויך".

ס'רוב דעלעגאַטן (באָלשעוויקעס) זענען פונם צוזאַמענפאָר אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד אויף אַרבעט. די מענשעוויקעס זענען נישט אַלע אַוועקגעפאָרן; אדרבה, ס'איז נאָך צו זיי געקומען צופאָרן דאַן. אין אויסלאַנד איז די צאָל פון זייערע אָנהענגער געוואָקסן.

די באָלשעוויקעס, וועלכע זענען פאַרבליבן אין זשענעווע, האָבן זיך פעריאָדיש צונויפגעקליבן. די ערגסטע פיינטלעכע שטעלונג אויף דידאָזיקע זיצונגען האָט פארנומען פּלעכאַנאָוו. ער האָט זיך געוויצלט און געמונטערט דער עולם.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער מיטגליד פונם צ. ק., קורץ (וואַסיליעוו־לענגניק), און ער האָט זיך געפילט שטאַרק אַנטמוטיקט פון דער לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין זשענעווע. מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ גאנצן בארג ענינים. אויף אים איז געלעגן די אַרבעט פון אנטשיידן קאָנפליקטן, שיקן מענטשן קיין רוסלאַנד א. אַז. וו.

די מענשעוויקעס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין

אויסלאַנד, און באשלאָסן צו געבן אַ שלאַכט די באָלשעוויקעס, אויפרופנדיק אַ צוזאמענפאָר פון דער „ליגע פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטן אין אויסלאנד״, כדי אויסצוהערן לענינס רעפעראט, וועלכער איז געווען ליגע־דעלעגאַט אויפן 2טן צוזאַמענפאָר. אין יענער צייט זענען אין דער פארוואלטונג פון דער ליגע אַריין דייטש, ליטווינאָוו און איך. דייטש איז אַנגעשטאַנען — מען זאָל צונויפרופן אַ צוזאמענפאָר פון דער ליגע. ליטווינאָוו און איך זענען מיר געווען קעגן דעם, נישט צווייפלענדיק דערין, אַז ביי די געשאפענע באדינגונגען וועט דער צוזאמענפאָר פאַרוואנדלט ווערן אין לויטער סקאנדאל. דעמאָלט האָט זיך דייטש דערמאָנט, אַז אין דער פארוואלטונג גייט אויך אַריין וועטשעסלאַוו, וואָס האָט געוווינט אין בערלין און לייטאייזן, וואָס האָט געוווינט אין פּאַריז. אין דער לעצטער צייט האָבן זיי פּאַקטיש נישט גענומען קיין אַנטייל אין דער אָנפירונג פון דער ליגע, אָבער אָפיציעל פון דאָרט נישט אַרויסגעטראָטן. מען האָט זיי פארבעטן צו דער אָפּשטימונג און זיי האָבן געשטימט פארן צוזאמענפאָר.

פאַרן סאָמען צוזאַמענפאָר האָט וולאַדימיר איליטש, פאַרנדיק אויף אַ וועלאָסיפּעד, זיך פארטראכט, ארויפגעפאָרן אויף אַ טראַמוויי און שיער זיך נישט אויסגעהאקט אן אויג. אַ פאַרבאנדאזשירטער, אַ בלאַסער איז ער געגאַנגען אויפן צוזאַמענפאָר פון דער ליגע. מיט אַ ביטערער שנאה זענען אויף אים אָנגעפאלן די מענשעוויקעס. ס׳געדענקט זיך מיר די ווילדע אויפגערייצטע פנימער פון דאַנען, קראָכמאַלן און אַנדערע, וועלכע האָבן אויפגעשפרונגען פון די ערטער און געקלאַפּט אין די טישן.

אויפן צוזאמענפאָר פון דער ליגע זענען די מענשעוויקעס אין צאָל געווען שטארקער פון די באָלשעוויקעס, חוצדעם זענען צווישן די מענשעוויקעס געווען מער „גענעראַלן״. די מענשעוויקעס האָבן פאר דער ליגע דורכגעפירט אזא סטאטוט, וועלכער האָט פארוואנדלט די ליגע אין אַ מענשעוויסטישער פעסטונג, האָט געזיכערט די מענשעוויקעס זייערן אַ פארלאג,

האָט געמאַכט די ליגיע אומאָפּהענגיק פונם צ. ק. דעמאָלט האָט קורץ (וואַסיליעוו) אין נאָמען פון צ. ק. געפאָדערט, מען זאָל ענדערן דעם סטאַטוט, און אַזויווי די ליגע האָט זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן, האָט ער געמאָלדן, אַז די ליגע איז פאַנאַנדערגעלאָזט.

פלעכאַנאָווס נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם סקאַנדאַל, וואָס די מענשעוויקעס האָבן איינגעאָרדנט, האָט ער געמאָלדן: „איך קען נישט שיסן אויף אייגענע".

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די באָלשעוויקעס האָט פלעכאַנאָוו געמאָלדן, אַז מען דאַרף גיין אויף הנחות. „ס'זענען דאָ מאָמענטן, — האָט ער געמאָלדן, — ווען אפילו די מאָנאַרכיע דאַרף גיין אויף הנחות". „דעמאָלט זאָגט מען, אַז זי וואַקלט זיך" — האָט זיך אָנגערופן ליזאַ קנוניאַנץ. פלעכאַנאָוו האָט אויף איר בייז אַ קוק געטאָן.

כדי צו ראַטעווען דעם שלום אין דער פאַרטיי, האָט פלעכאַנאָוו באַשלאָסן צוקאָאָפּטירן די אַלטע רעדאַקציע „איסקראַ". וולאַדימיר איליטש איז אַוועק פון דער רעדאַקציע, מעלדנדיק, אַז ער זאָגט זיך אָפּ מיטצואַרבעטן און ס'איז אים אפילו נישט געלעגן, מען זאָל וועגן זיין אַרויסטריט פאַרעפנטלעכן אין דער „איסקראַ". זאָל פלעכאַנאָוו פרוון מאַכן שלום, ער וועט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם שלום אין דער פאַרטיי. קורץ פאַרדעם האָט וולאַדימיר איליטש אין אַ בריוו צו קאַלמיקאָווען געשריבן: „ס'איז נישטאָ קיין ערגערער טעמפּער ווינקל, ווי דאָס אָפּטרעטן פון דער אָנגעהייבענער אַרבעט". אַוועקגייענדיק, האָט ער זיך געשטעלט אויף דעמדאָזיקן וועג, ער האָט עס פאַרשטאַנען. די אָפּאָזיציע האָט געפאָדערט, מען זאָל אויך צוקאָאָפּטירן פאָרשטייער אינם צ. ק., עפענען צוויי נייע ערטער אין ראַט און אָנערקענען פאַר געזעצלעך די באַשלוסן פונם ליגע-צוזאַמענפאָר. דער צ. ק. האָט מסכים געווען צוקאָאָפּטירן צוויי פאָרשטייער פון דער אָפּאָזיציע אינם צ. ק., געבן זיי איין אָרט אין ראַט, פאַמעלעך רעאָרגאַניזירן די ליגע. מען איז נישט געקומען צו קיין שום פאַרשטענדיקונג.

פלעכאַנאָווס הנחה האָט געגעבן פליגלען דער אָפּאָזיציע. פלעכאַנאָוו האָט געפאָדערט, אַז דעם ראַט זאָל פאַרלאָזן דער צווייטער פאַרשטייער פון צ. ק. — רו (קאָניאַגאַ, די אמתע פאַמיליע האַלפערן), כּדי צו באַפרייען אַן אָרט פאַר די מענשעוויקעס. וולאַדימיר איליטש האָט זיך לאַנג געוואַקלט פאַר דערדאָזיקער נייער הנחה. איך געדענק, ווי מיר זאַלבעדריט — וולאַדימיר איליטש, קאָניאַגאַ און איך — זענען מיר אינאָוונט געשטאַנען אויפן ברעג פון דער צעבושעוועטער זשענעווער אָזיערע. קאָניאַגאַ האָט איינגערעדט וולאַדימיר איליטשן, ער זאָל מסכּים זיין אויף זיין דעמיסיע. ענדלעך האָט זיך וולאַדימיר איליטש באַשלאָסן, איז אַוועק צו פלעכאַנאָוון זאָגן, אַז רו וועט אַרויסגיין פון ראַט.

מאַרטאָוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור „באַלאַגערונגס-צושטאַנד", פול מיט די ערגסטע באַשולדיקונגען. טראָצקי האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור „דער באַריכט פון דער סיבירער דעלעגאַציע", ווו די געשעענישן זענען באַלויכטן געוואָרן פולשטענדיק אין מאַרטאָווס גייסט, פלעכאַנאָוו איז געשילדערט געוואָרן ווי אַ כּלי־זין אין לענינס הענט א. אַז. וו.

אַלס ענטפער מאַרטאָוון, האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעשריבן אַ בראָשור „אַ טריט פאָרויס, צוויי צוריק", ווו ער האָט אויספירלעך אַנאַליזירט די געשעענישן אויפן צוזאַמענפאָר.

בינו־לבינו איז אין רוסלאַנד אויך געגאַנגען אַ קאַמף. די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן פאָרטראַגן וועגן דעם צוזאַמענפאָר.

דאָס אָנגענומענע פּראָגראַם אויפן צוזאמענפאָר און ס'רוב רעזאָלוציעס פונם צוזאַמענפאָר זענען אויפגענומען געוואָרן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיט גרויס צופרידנקייט. אומפאַרשטענדלעך איז פאַר זיי געווען די פּאָזיציע פון די מענשעוויקעס. מען האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס מיט אַ פאָדערונג אונטערצוּוואַרפן זיך די באַשלוסן פונם צוזאַמענפאָר. פון אונזערע דעלעגאַטן האָט אין יענעם פעריאָד באַזונדערס ענערגי

געאַרבעט „דיאַדענקאַ", וועלכע האָט, אַלס אַלטע אַרבעטער־טוערין, נישט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי מען קען זיך נישט אונטערוואַרפן דעם צוזאַמענפאַר. זי און אַנדערע חברים פון רוסלאַנד האָבן געשריבן אויפמונטערנדיקע בריוו. די קאָמיטעטן האָבן איינער נאָכן צווייטן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער מערהייט.

קלער איז געקומען צופאָרן. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ מין וואַנט זאָל קענען אויסוואַקסן צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס; ער איז אַוועק דורכצושמועסן זיך מיט פּלעכאַנאָוון, האָט געזען אַז ס'איז אוממעגלעך צו מאַכן שלום און איז אַוועקגעפאָרן מיט אַן אונטערדריקטער שטימונג. וולאַדימיר איליטש האָט באַקומען אַ מער טרויעריקן אויסזען.

אָנהייב 1904 זענען קיין זשענעווע געקומען צופאָרן ציליאַ זעליקסאָן, דער פאָרשטייער פון דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע, „באַראָן" (עסען), דער אַרבעטער מאַקאַר. זיי זענען אַלע געווען אָנהענגער פון די באָלשעוויקעס. וולאַדימיר איליטש האָט זיך מיט זיי אָפט געזען. מען האָט געשמועסט נישט בלויז וועגן די רייסענישן מיט די באָלשעוויקעס, נאָר אויך וועגן דער אַרבעט אין רוסלאַנד. „באַראָן", וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גאַנץ יינגער בחור, האָט זיך מיט לייב און זעל איבערגעגעבן דער אַרבעט. „ביי אונדז — האָט ער געזאָגט — בויעט זיך די אָרגאַניזאַציע אויף קאָלעקטיווע יסודות, עס אַרבעטן באַזונדערע קאָלעקטיוון: אַ קאָלעקטיוו פון פּראָפּאַגאַנדיסטן, אַ קאָלעקטיוו פון אַגיטאַטאָרן, אַ קאָלעקטיוו פון אָרגאַניזאַטאָרן". וולאַדימיר איליטש האָט זיך צוגעהאָרכט. „וויפל מענטשן זענען ביי אייך אינעם קאָלעקטיוו פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן?" — האָט ער געפרעגט. „באַראָן" האָט אין פאַרלעגנהייט אָפּגעענטפערט: „פאָרלויפיק איך איינער". „ווייניק" — האָט באַמערקט וולאַדימיר איליטש. — „און אינעם קאָלעקטיוו פון די אַגיטאַטאָרן?". רויט ביז איבער די אויערן, האָט „באַראָן" אָפּגעענטפערט: „פאָרלויפיק איך איינער". איליטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. געלאַכט האָט אויך „באַראָן".

מיט עטלעכע פראַגן, וועלכע האָבן געטראָפן אין סאַמע פינטעלע, פלעגט וולאַדימיר איליטש פון שיינע סכעמען, פון קלינגענדיקע באַריכטן קעגן אַרויסשיילן די רעאַלעווירקלעכקייט.

נאָכדעם איז געקומען צופאָרן אַלמינסקי (מיכ. סטעפ. אַלעקסאַנדראָוו), וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס; געקומען איז אויך די אנטלאָפענע פון דער וויטער פארשיקונג „זווערקאַ".

„זווערקאַ" *), וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער פארשיקונג אויף דער פריי, איז געווען פול מיט פרייליכער ענערגיע, מיט וואָס זי האָט אַלעמען אָנגעשטעקט. קיין שום שפור פון ספק אָדער פון וואַקלעניש האָט מען אויף איר נישט אַרויסגעזען. זי האָט געחוזקט פון יעדן איינעם, וואָס איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפגעלאָזטע נאָז, אָדער האָט געקרעכצט צוליב דער שפּאַלטונג. די אויסלענדישע שמוץ האָט זיך צו איר נישט געקלעפּט. צו יענער צייט האָבן מיר יעדע וואָך אָנגעהייבן איינצואָרדענען אין סעשעראָן „זשורפיקסן", כדי צו דערנענטערן די באָלשעוויקעס. אויף דידאָזיקע „זשורפיקסן" האָבן זיך קיין שום וויכטיקע שמועסן נישט געקלעפּט; דערפאַר אָבער האָט מען פאַנאַנדערגעטריבן די אומעט, וואָס די מענשעוויסטישע רייסעניש האָבן גורם געווען, און ס'איז געווען אָנגענעם צו הערן ווי „זווערקאַ" האָט לוסטיק פאַרצויגן עפּעס אַ ליד, „וואַנקאַ", און ווי דער הויכער פליכצוואַטער אַרבעטער יעגאָר האָט צוגעהאָלפן. ער איז אפילו געגאַנגען כאַפּן אַן אָפנהאַרציקן שמועס מיט פּלעכאַנאָוו, אָנטועניק דערבײַ אַ קראַגן, אָבער ער איז אַוועק פון פּלעכאַנאָוו אַן אַנטוישטער, מיט אַ שווערן געמיט. „זאָרג נישט יעגאָר, זינג דיין „וואַנקאַ", מיר וועלן זיגן" — האָט אים „זווערקאַ" געטרייסט. איליטש פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטן פריילעך ווערן: די לוסטיקייט, די מונטערקייט האָט פאַנאַנדערגעיאָגט זיינע שלעכטע שטימונגען.

באָגדאַנאָוו האָט זיך באַווייזן אויפן האָריזאָנט. דעמאָלט

*) מ. מ. עססן (רעד.).

איז וולאַדימיר איליטש נאָך קנאַפּ געווען באַקאַנט מיט זיינע פילאָזאָפישע אַרבעטן, האָט אים אַלס מענטש אינגאַנצן נישט געקענט. דאָך האָט מען געזען, אַז דאָס איז אַן אַרבעטער פון צ.-ק.־איסטישן מאַסשטאַב. זיין אַריבערגאַנג אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס איז געווען אַ דעצידירנדער. ער איז געקומען קיין אויסלאַנד צייטווייליק; אין רוסלאַנד האָט ער געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען. ס'האָט זיך פונקט דעמאָלט פאַרענדיקט דער פעריאָד פון די פאַרפלאָנטערטע רייסעניש.

שווערער פון אַלץ איז וולאַדימיר איליטשן אָנגעקומען דאָס איבעררייסן מיט פלעכאַנאָוון.

פרילינגצייט האָט וולאַדימיר איליטש זיך באַקענט מיטן אַלטן רעוואָלוציאָנער, מיטן נאַראָדאָפּראַוועץ נאַטאַנזאָן און זיין ווייב. נאַטאַנזאָן איז געווען אַ זעלטענער אָרגאַניזאַטאָר פון אַלטן טיפּ. ער האָט געקענט אַ סך מענטשן, האָט גוט געקענט דעם פרייז פון יעדן מענטש, האָט פאַרשטאַנען אויף וואָס איינער איז פעיק, און וואָסער אַרבעט מען קען יעדן איינעם געבן. וולאַדימיר איליטש האָט פון אים געקוואָלן. ער האָט זעלטן גוט געקענט נישט בלויז זיינע, נאָר אויך אונדזערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַטאָרן בעסער פון אַ סך אונדזערע דעמאָלטיקע צ.-ק.־איסטן. נאַטאַנזאָן האָט געוווינט אין באַקו, האָט געקענט קראַסינען, פּאָסטאָלאָווסקען און אַנדערע. וולאַדימיר איליטשן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען קען נאַטאַנזאָנען איבעררעדן, ער זאָל ווערן אַן ס. ד. נאַטאַנזאָן איז זייער נאָענט געשטאַנען צום ס. ד.-שטאַנדפונקט. נאָכדעם האָט עמיצער דערציילט, אַז דערדאָזיקער אַלטער רעוואָלוציאָנער האָט געוויינט, ווען ער האָט אין באַקו צום ערשטן מאָל דערזען אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע. וועגן איין זאַך האָט וולאַדימיר איליטש זיך נישט געקענט צונויפריידן מיט נאַטאַנזאָנען. נאַטאַנזאָן איז נישט געווען איינשטימיק מיט די ס. ד. בנוגע זייער דעמאָלטיקן צוגאַנג צום פויערטום. צוויי וואָכן האָט געדויערט דער ראָמאַן מיט נאַטאַנזאָנען. נאַטאַנזאָן האָט גוט געקענט פלעכאַנאָוון, איז געווען מיט אים אויף „דו“. וולאַדימיר

איליטש האָט זיך מיט אים צונויפגערעדט וועגן אונדזערע פּאַרטייאישע ענינים, וועגן דער שפּאַלטונג מיט די מענשע־וויקעס. נאַטאַנזאָן האָט פאַרגעלייגט איבערצושמועסן מיט פּלע־כאַנאָוון. פון פּלעכאַנאָוון איז ער עפּעס געקומען אַ צעחושטער, טענהנדיק, אַז מען דאַרף גיין אויף הנחות.

ס'האָט זיך איבערגעריסן דער ראָמאַן מיט נאַטאַנזאָנען. וולאַדימיר איליטש איז געווען בייז אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט מיט אַ מענטשן פון אַ פרעמדער פּאַרטיי אָנגעהייבן ריידן וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ענינים, אַז יענער איז גאָר גע־וואָרן עפּעס אַ פּאַרמיטלער. ער איז געווען בייז אויף זיך, איז געווען בייז אויף נאַטאַנזאָנען.

בינו־לבינו האָט דער צ.־ק. אין רוסלאַנד געפירט אַ דאָפּלטע שלום־פּאָליטיק, ווייל די קאָמיטעטן זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס. מען האָט געדאַרפט, שטיצנדיק זיך אויף רוסלאַנד, צונויפרופן אַ נייעם צוזאַמענפאָר.

אַלס ענטפער אויף דער יולי־דעקלאַראַציע פונם צ־ק., וועלכער האָט אַוועקגענומען ביי וולאַדימיר איליטשן די מעג־לעכקייט צו פּאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט און צונויפטראָגן זיך מיט רוסלאַנד, איז וולאַדימיר איליטש אַרויסגעטראָטן פונם צ־ק; אַ גרופּע באָלשעוויקעס פון 22 מאַן האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער נויטווענדיקייט — צונויפצורופן אַ דריטן צוזאַמענפאָר.

איך מיט וולאַדימיר איליטשן האָבן מיר גענומען זעק אויף די פּלייצעס און אַוועק אין די בערג. צוערשט האָט מיט אונדז זיך געלאָזט אין וועג אַריין „זווערקאַ", אָבער אינגיכן איז די אָפּגעשטאַנען און געזאָגט: „איר האָט ליב צו גיין דאָרט, ווו מען זעט קיין הונט נישט אָן, און איך קען זיך נישט באַ־גיין אָן קיין מענטשן". באמת, מיר האָבן תמיד אויסגעקליבן די ווילדעסטע שטעגן, מיר פלעגן זיך פאַרקלייבן אין ערטער, ווו מען האָט קיין מענטשלעכן פוס נישט אָנגעזען. אַ חודש צייט האָבן מיר אַזוי אַרומגעבלאָנקעט. היינט, למשל, האָבן מיר נישט געוווסט ווו מיר וועלן מאָרגן זיין. אָוונטצייט, פלעגן מיר

זיין אַזוי אָפּגעמאַטערט, אַז מיר פֿלעגן זיך לייגן אין בעט אַריין און באַלד אַנטשלאָפֿן ווערן.

געלט האָבן מיר קיין סך נישט געהאַט. דעריבער פֿלעגן מיר ס׳רוב עסן טרוקנס: קעז, אייער א. אַז. וו. נאָכדעם פֿלעגן מיר פֿאַרטרינקען מיט ווײַן און סתּם וואַסער פֿון די קוואַלן. אַ מיטאָג האָבן מיר זייער זעלטן אָנגעזען. אין איין סאָציאַל-דעמאָקראַטישער קרעטשמע האָט אונדז אַן אַרבעטער אַן עצה געגעבן: „איר עסט נישט מיט קיין טוריסטן, נאָר מיט פּור-מאַנעס, שאָפֿערן, אַרבעטער; דאָרט איז אַ האַלבער פּרייז און מען קען זיך אָנעסן צו זאַט״. מיר האָבן אָנגעהייבן אַזוי זיך נוהג צו זיין. דער קלענער באַאַמטער, וואָס שלעפּט זיך נאָך דער בורזשואַזיע, דער קרעמער א. אַז. וו., דער וועט זיך גיכער אָפּזאָגן פֿון אַ לוסט-רייזע, איידער עסן מיט אַ דינסט ביי איין טיש. דאָסדאָזיקע בירגערטום וואַקסט אומעטום, אין גאַנץ אייראָפּע. דאָרט ווערט אַ סך גערעדט וועגן דעמאָקראַטיע, אָבער עסן ביי איין טיש מיט אַ דינסט אין אַ שיינעם האָטעל, — דערויף וועט זיך קיין שום בירגער נישט דערלויבן. און וולאַדימיר איליטש פֿלעגט גערן גיין עסן אין אַזעלכע קרעטשמעס, פֿלעגט עסן מיט אַ גוטן אַפּעטיט און גערימט דעם ביליקן זאַטן מיטאָג. נאָכדעם פֿלעגן מיר אָנטאָן אונדזערע זעק און גיין ווייטער. די זעק זענען געווען צו שווער. אין וולאַדימיר איליטשעס זאַק איז געלעגן אַ שווער פֿראַנצויזיש ווערטערבוך און אין מיינעם — פּונקט אַזאַ שווער פֿראַנצויזיש בוך, וואָס מען האָט מיר דאָ נישט לאַנג געגעבן איבערצוזעצן. אָבער בעת דער גאַנצער צייט פֿון אונדזער שפּאַציר האָבן מיר קיין איינמאָל נישט אויפֿגעעפֿנט נישט דאָס ווערטערבוך און נישט דאָס בוך. נישט אין בוך אַריין פֿלעגן מיר קוקן, נאָר אויף די בערג, פֿאַרדעקט מיט אייביקן שניי, אויף די בלויע אָזיערעס, אויף די ווילדע וואַסערפֿאַלן.

פֿאַרבראַכט אַ חודש צייט אויף אַזאַ שפּאַציר, האָבן זיך די נערוון ביי וולאַדימיר איליטשן באַרויקט, גלייך ער וואָלט זיך אַרומגעוואַשן מיטן וואַסער פֿון אַ באַרג-טייך און

אָרגאַניזאַציע פון זיך דעם גאַנצן שפּיגלבילד פון דער ניש-טיקער רייסעריי. אויגוסט חודש האָבן מיר צוזאַמען מיט באָג-דאַנאָוון, אַלמינסקין און פערוואָכינען פאַרבראַכט אין אַן אָפּגעלעגן דערפל, לעבן דער אָזיערע Lac de Bré. מיט באָגדאַנאָוון האָבן מיר זיך צונויפגערעדט וועגן ווייטערדיקע אַרבעטס-פּלענער. צו ליטעראַטור-אַרבעט האָט באָגדאַנאָוו באַשלאָסן צוצוציען לונאַ-טשאַרסקין, סטעפּאַנאָוון, באַזאַראָוון. מען האָט באַשלאָסן אַרויס-צוגעבן אין אויסלאַנד אַן אייגענעם אָרגאַן און אַנטוויקלען אין רוסלאַנד אַן אַגיטאַציע פאַר אַ צוזאַמענפאָר.

איליטש האָט באַקומען אַ פרייליכע שטימונג, און אָוונט-צייט, בעת ער פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים פון באָגדאַנאָוון, פלעגט מען מיטאַמאָל דערהערן אַ בילעריי. דאָס פלעגט זיך וולאַדימיר איליטש רייצן מיט אַ הונט אויף דער קייט.

קומענדיק הארבסטצייט צוריק קיין זשענעווע, האָבן מיר זיך פון דער פאָרשטאָט אַריבערגעקליבן צום צענטער. וולאַדימיר איליטש האָט זיך פאַרשריבן אין Société de lecture, וווּ ס'איז געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק און גוטע באַדינגונגען צו דער אַרבעט, וווּ מען האָט געקענט געפינען אַ סך צייטונגען און זשור-נאַלן אויף פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש. אין דערדאָזיקער Société de lecture איז געווען זייער גוט צו אַרבעטן. די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — ס'רוב אַלטע פּראָפעסאָרן — האָבן זעלטן באַזוכט דידאָזיקע ביבליאָטעק. וולאַדימיר איליטש האָט געהאַט אין זיין רשות אַ גאַנצן קאַבינעט, וווּ ער האָט גע-קענט שרייבן, אַרומשפּרייזן פון איין ווינקל אין צווייטן, אויס-טראַכטן אַרטיקלען, נעמען וואָסערע ביכער ער האָט געוואָלט. ער האָט געמעגט זיין רויק, אַז דאָ וועט נישט קומען קיין שום-רוסישער חבר און דערציילן, ווי עפּעס אַ מענשעוויק האָט גע-זאָגט דאָס אָדער יענץ, אַז דאָ און דאָרט האָט מען אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל. מען האָט געקענט טראַכטן. און טראַכטן איז געווען וועגן וואָס.

ס'האָט זיך אָנגעהייבן די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה, וועלכע האָט בולט אויסגעשניצט די פאַרפוילטקייט פון דער רוסישער

מאָנאַרכיע. אין דער יאַפּאַנישער מלחמה זענען דעפּעטיסטן (מפּלהניקעס) געווען נישט בלויז די באָלשעוויקעס, נאָר אויך די מענשעוויקעס און די ליבעראַלן. דאָס פּאָלק האָט זיך אָנגעהייבן אויפצורעגן. די אַרבעטער-באַוועגונג איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער פּאַזע. עפּטער פלעגן אָנקומען ידיעות וועגן מאַסן-פאַר-זאַמלונגען, איינגעאָרדנט קעגן דעם ווילן פון דער פּאָליציי, וועגן צוזאַמענשטויסן פון אַרבעטער מיט דער פּאָליציי. פאַר אַזאַ מין אויסוואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער מאַסן-באַוועגונג האָבן די קליינלעכע רייסערייען שוין מער נישט אַזוי אויפגערעגט, ווי זיי האָבן פריער אויפגערעגט. אמת טאַקי, די קליינע סיכסוכים האָבן אָפטמאָל אָנגענומען זייער אַ ווילדן כאַראַקטער. ס'איז, למשל, געקומען צופאָרן פון קאַווקאַז דער באָלשעוויק וואַסיליעוו און געוואָלט האַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד. אָבער ביי דעם סאַמע אָנהייב פון דער פאַרזאַמלונג האָבן די מענשע-וויקעס געפאָדערט וואַלן אין פּרעזידיום, הגם דאָס איז געווען אַ פּשוטער פאָרטראַג, אויף וועלכער ס'האָט געמעגט קומען יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי, און נישט בלויז פונם אָרגאַניזיר-קאָ-מיטעט. דער פּרווו פון די מענשעוויקעס צו פאַרוואַנדלען יעדן פאָרטראַג אין אַ מין וואַל-קאַמף איז געווען אַ פּרווו אויף אַ „דעמאָקראַטישן אופן" צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל די באָלשעוויקעס. ס'איז שווער נישט דערגאַנגען צו געשלעגן, צו געשלעגן פאַר דער קאַסע. בעתן טומל האָט עמעצער צעפּליקט די פּעלערינע אויף באָגדאַנאָווס וייב, עמעצער האָט דעם צווייטן צעשלאָגן. אָבער איצט האָט עס קיינעם נישט אַזוי געאַרט ווי פריער.

איצט איז מען מיט די געדאַנקען געווען אין רוסלאַנד. ס'האָט זיך געפילט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין פּעטערבורג, מאָסקווע, אָדעס א. אַז. וו.

אַלע פּאַרטייען, — ליבעראַלן, עסערן — האָבן בולט אָנ-געהייבן אַרויסצווייזן זייער פּרצוף. אַרייסגעוויזן זייער פּרצוף האָבן אויך די מענשעוויקעס. איצט איז געוואָרן קלאָר, וואָס עס טיילט אָפּ די באָלשעוויקעס פון מענשעוויקעס.

וולאַדימיר איליטש האָט טיף געגלייבט אינם קלאַסן-אינ-סטינקט פון פּראָלעטאַריאַט, אין זיינע שעפערישע כּחות, אין זיין היסטאָרישער שליחות. דערדאָזיקער גלויבן איז אין וולאַדימיר איליטשן אַנטשטאַנען נישט פּלוצלונג, ער האָט זיך אין אים אויס-געשמידט אין יענע יאָרן, ווען ער האָט שטודירט מאַרקס טעאָריע וועגן קלאַסן-קאַמף, ווען ער האָט שטודירט די רוסישעווירקלעכ-קייט, ווען ער האָט אין קאַמף מיט דער וועלטאַנשויאונג פון די אַלטע רעוואָלוציאָנערן זיך אויסגעלערנט קעגנצושטעלן דעם כּוח און די גבורה פון קלאַסן-קאַמף. דאָס איז נישט געווען קיין בלינדער גלויבן אין אַן אומבאַקאַנטער קראַפט, דאָס איז געווען אַ טיפע זיכערקייט אינם כּוח פון פּראָלעטאַריאַט, אין זיין גרוי-סער ראָל אינם היינזיכט פון באַפרייען די אַרבעטנדיקע, אַ זיכער-קייט, וואָס איז געווען באַזירט אויף טיפער פאַרשטענדעניש פון דער זאַך, אויף געוויסנהאַפטער שטודירונג פון דער ווירקלעכקייט. די אַרבעט צווישן דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט האָט איינ-געהילט אין לעבעדיקע פאַרבן דעמדאָזיקן גלויבן—אין דער מעכ-טיקייט פונם אַרבעטער-קלאַס.

סוף דעצעמבער האָט אָנגעהייבן צו דערשיינען אַ באָלשע-וויסטישע צייטונג „פּאָרוועררטס". אַ חוץ איליטשן זענען אין דער רעדאַקציע אַריין אָלמינסקי, אָרלאָווסקי. אינגיכן איז צו הילף צוגעקומען לונאַטשאַרסקי. זיינע באַגייסטערטע אַרטיקלען און רעדעס זענען געווען אין איינקלאַנג מיט דער דעמאָלטיקער שטי-מונג פון די באָלשעוויקעס.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָקסן אין רוסלאַנד, און גלייכצייטיק האָט זיך פאַרשטאַרקט די קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסלאַנד. ס'איז אינגיכן דערגאַנגען ביז 300 בריוו אַ חודש; אין יענע צייטן איז עס געווען אַ גרויסע צאָל. פאַר איליטשן איז עס געווען אַ מאַסע מאַטעריאַל. ער האָט געקענט לייענען און גוט פאַרשטיין די בריוו פון די אַרבעטער. איך געדענק איין בריוו, וואָס די אַרבעטער פון די אָדעסער שטיינגרובן האָבן געשריבן. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווער בריוו, געשריבן מיט עטלעכע שלעכטע האַנטשריפטן, אָן סוביעקטן און אָן

פרעדיקאטן, אָן קאָמאַס און אָן פּונקטן, אָבער ס'האָט פון זיי געשפּריצט מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע, מיט גרייטקייט צו פירן אן אנטגילטיקן קאַמף, — אַ בריוו פּילפּארביק אין יעדן איינציקן וואָרט. איך געדענק נישט, וואָס ס'איז געווען געשריבן אין יענעם בריוו, נאָר איך געדענק זיין אויסזען, זיין פּאַפּיר, זיין געלבלעך טינט. אַ סך מאָל האָט איליטש איבערגעלייענט דעמדאָזיקן בריוו און אַ פּארטראַכטער געשפּרייזט איבערן צימער. נישט אומזיסט האָבן אים די אָדעסער אַרבע-טער געשריבן אַ בריוו; זיי האָבן געשריבן צו דעם, וועלכער האָט זיי צום בעסטן פארשטאַנען.

אין עטלעכע טעג ארום נאָכן בריוו פון די אָדעסער ארבעטער, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער אָדעסער יונגער פּראָפּאַגאַנדיסטקע, טאַניושע, וועלכע האָט געוויסנהאפטיק און אויספירלעך באַשריבן די פארזאמלונג פון די אָדעסער האַנט-ווערקער. אויך דעמדאָזיקן בריוו האָט איליטש איבערגע-לייענט און תיכּף אָפּגעענטפערט טאַניושען: „אַ דאַנק פארן בריוו, שרייבט עפטער. ס'איז זייער וויכטיק פאר אונדז די בריוו, וואָס באַשרייבן די טאָג־טעגלעכע ארבעט. מען שרייבט אונדז זייער קנאַפּ אזעלכע בריוו".

כמעט אין יעדן בריוו בעט איליטש די רוסישע חברים זיי זאָלן געבן וואָס מער פארבינדונג. „דער כּוח פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע ליגט אינם צאָל פון אירע פארבינדונגען", — שרייבט ער צו גוסעוון. ער בעט גוסעוון צו פארבינדן דעם באָלשעוויסטישן אויסלענדישן צענטער מיט דער יוגנט. „צווישן אונדז עקזיסטירט, — שרייבט ער, — אַן אידיאָטישע פּיליסטערישע מורא פאר דער יוגנט". איליטש שרייבט קיין סאַמאַרע זיין אלטן באַקאַנטן — אַלעקסעי אַנ-דרעעוויטש פּערעאָבראַזשענסקען, וועלכער האָט אין יענער צייט געוווינט אין דאָרף, און בעט ביי אים פארבינדונגען מיט די פּויערים. ער בעט די פּעטערבורגער, זיי זאָלן שיקן די בריוו פון די ארבעטער אינם אויסלענדישן צענטער, נישט

בקיצור און נישט אין באַשרייבונגען, נאָר אין אָריגינאַל. די דאָזיקע בריוו פון די אַרבעטער האָבן איליטשן דייטלעך דערציילט דערפון, אַז די רעוואָלוציע דערנענטערט זיך און וואַקסט. ביי דער שוועל איז שוין געשטאַנען דאָס פינפטע יאָר.

דאָס „פינפטע" יאָר

אין פעטערבורג

שוין אין נאָוועמבער 1904 האָט וולאדימיר איליטש אין זיין בראָשור „דאָרפס-קאמפאניע און דער פלאַן פון דער „איסקרא", און נאָכדעם אין די ארטיקלען № 1–3 „פאָרוועסט" געשריבן, אז עס דערנעענטערט זיך די צייט פון אן אמתן אָפענעם קאמף פון די מאסן פאר פרייהייט. ער האָט דייטלעך געפילט די דערנענטערונג פון א רעוואָלוציאָנערן אויפרייס. אָבער פילן, אז די רעוואָלוציע דערנענטערט זיך און דערוויסן זיך, אז די רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעהייבן — זענען צוויי באזונדערע זאכן. דעריבער, בעת ס'איז קיין זשענעווע אָנגעקומען די ידיעה וועגן 9טן יאנואר, בעת ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער קאָנקרעטער פאָרם, אין וועלכער ס'האָט זיך אָנגעהייבן די רעוואָלוציע — האָט זיך אלץ ארום אונדז געביטן, גלייך אלץ, וואָס ביז איצט, וואָלט אוועק ערגעץ אין עבר. די ידיעה וועגן דעם 9טן יאנואר איז אָנגעקומען קיין זשענעווע אויפן צווייטן פרימאָרגן. איך מיט וולאדימיר איליטשן זענען מיר געגאנגען אין דער ביבליאָטעק און אויפן וועג האָבן מיר באגעגנט די לונאטשארסקיס גייענדיק צו אונדז. ס'איז מיר פארבליבן אין זכרון דאָס פנים פון לונאטשארסקיס ווייב, אננא אנדרעעווגא, וועלכע האָט נישט געקענט ריידן פון גרויס באגייסטערונג און האָט בלויז געפאָכעט מיט דער מופטע. מיר

זענען אוועק אהין, וווהין ס'האט אינסטינקטיוו א צי געטאָן אַלע באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך דערוווסט וועגן די פעטערבורגער געשעענישן, דאָס הייסט, אין דער עמיגראַנטישער גאָרקין פון די לעפעשינסקיס. ס'האט זיך געוואָלט זיין צוזא־מען. די פארזאמלטע האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, כמעט אַלע זענען געווען צערודערט. מען האט אָנגעהייבן זינגען: „איר זענט געפאלן אלס קרבן...״ אלע זענען געווען אָנגע־שטרענגט. אלעמען האט דורכגעדרונגען דאָס באוווסטזיין, אז די רעוואָלוציע האט זיך שוין אָנגעהייבן, אז ס'זענען שוין איבערגעריסן געוואָרן אלע קייטן, אז מען האט אויפגעהערט גלויבן אין קייזער, אז ס'איז שוין נאָענט די צייט, ווען ס'וועט פאלן „די הפקרות און ס'וועט אויפשטיין דאָס גרויסע, מעכ־טיקע פאָלק...״

מיר האָבן אָנגעהייבן צו לעבן מיט אן אייגנארטיק לעבן, מיט וועלכן ס'האט געלעבט דעמאָלט די זשענעווער עמיגראַציע; דאָס הייסט, פון איין אויסגאבע פון דער אָרטיקער צייטונג „טריבונא״ ביז דער צווייטער.

אלע איליטשעס געדאנקען האָבן זיך געצויגן צו רוסלאַנד.

אינגיכן איז קיין זשענעווע געקומען גאפאָן. צוערשט איז ער אריינגעפאלן צו די עסערן, וועלכע האָבן זיך באמיט אזוי פאָרצושטעלן די לאגע, אז גאפאָן איז זייערס א מענטש און אז די גאנצע ארבעטער-באוועגונג אין פעטערבורג איז זייער אויפטו. זיי האָבן שטארק רעקלאמירט גאפאָנען, האָבן אים גערימט. אין יענער צייט איז גאפאָן געשטאנען אין צענטער פון אלגעמיינער אויפמערקזאמקייט, און דער ענגלישער „טיימס״ האָט אים געצאָלט גרויסע געלטער פאר יעדע שורה.

אין א צייט ארום נאָך גאפאָנס אָנקום קיין זשענעווע, איז צו אונדז געקומען עפעס אן עסעראָווקע און איבערגעגעבן וולאדימיר איליטשן, אז גאפאָן וויל זיך מיט אים זען. מען האָט באשטימט אַ זעונג אויף א נייטראלן באָדן, אין א צו־קערניע. דער באשטימטער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט. איליטש

האָט בײַ זיך אין צימער נישט אָנגעצונדן קיין פֿייער און גע־שפּרייזט פֿון איין ווינקל אין צווייטן.

גאַפּאָן איז געווען אַ שטיק לעבעדיק פֿלייש פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַ מענטש, ענג פֿאַרבונדן מיט די אַר־בעטער־מאַסן, וועלכע האָבן אין אים שטאַרק געגלויבט. דער־בער איז וולאַדימיר איליטש געווען שטאַרק צערודערט פֿון דער פֿאָרשטייענדיקער באַגעגעניש.

דאָ נישט לאַנג האָט זיך אַ חבר שטאַרק אויפֿגערעגט: היתּכן, איליטש זאָל פֿאַרקערן מיט גאַפּאָנען!

פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געקענט נישט לייגן קיין אַכט אויף גאַפּאָנען, באַשליסנדיק פֿאָרויס, אַז פֿון אַ פּאָפּ וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען. אַזוי האָט געטאָן פּלעכאַנאָוו, אויפֿנעמענדיק גאַפּאָנען זייער קאַלט. אָבער וולאַדימיר איליטשעס כּוח האָט געשטעקט דערין, וואָס פֿאַר אים האָט די רוסישע רעוואָלוציע געלעבט, וואָס ער האָט געקענט אַרײַנקוקן אין איר פּנים אַרײַן, אויפֿפּאַסן זי פּילזייטיק און האָט גוט פֿאַרשטאַנען וואָס די מאַסן ווילן. און דערקענען די מאַסן קען נאָר דער, ווער ס'קומט אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט זיי. וויאַזוי האָט וולאַדי־מיר איליטש געקענט פֿאַרבייגיין גאַפּאָנען, וואָס איז אַזוי נאָענט גע־שטאַנען צו די מאַסן, וואָס האָט אויף זיי געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה!

קומענדיק פֿון דער זעונג מיט גאַפּאָנען, האָט וולאַדימיר איליטש איבערגעגעבן זײַנע אײַנדרוקן. דעמאָלט איז נאָך גאַ־פּאָן געווען אײַנגעהילט אינם שלייער פֿון דער רעוואָלוציע. ריידנדיק וועגן די פּעטערבורגער אַרבעטער, האָט ער זיך אָנ־געצונדן, געקאָכט פֿון אויפֿרעגונג קעגן קייזער און זײַנע מקורבים. אין דערדאָזיקער אויפֿרעגונג האָט געשטעקט נישט קנאַפּ נאַיווי־קייט. דידאָזיקע אויפֿרעגונג איז געווען אין אײַנקלאַנג מיט דער אויפֿרעגונג פֿון די אַרבעטער־מאַסן. „מען דאַרף זיך לער־נען" — האָט צו אים געזאָגט וולאַדימיר איליטש. „איר פּאָ־טערל, לייגט נישט קיין אַכט דערויף, וואָס מען חנפֿהט אײַך,

לערנט זיך בעסער, ווען נישט וועט איר אָט ווי זיצן" — און אים אָנגעוויזן אונטערן טיש.

דעם 8טן פעברואַר האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן אין זיבעטן נומער „פּאָרוועטס": „גאַפּאָן, וועלכער האָט אין די געדאַנקען טיף דורכגעלעבט דעם איבערגאַנג פון רוסישן פאָלק פון אַ פּאָליטיש־אומבאַוווסטזיניקן צושטאַנד צו אַ רע־וואָלוציאָנערן צושטאַנד, — לאָמיר אים ווינטשן, ער זאָל דער־לעבן צו דער קלאָרקייט פון רעוואָלוציאָנערער וועלט־אָנשויונג, וואָס ס'איז נייטיק פאַר אַ פּאָליטישן טוער.

גאַפּאָן האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט צו אַזאַ מין קלאָר־קייט. ער איז געווען אַ זון פון אַ רייכן אוקראַינישן פּויער, וועלכער האָט נישט איבערגעריסן די פאַרבינדונגען מיט זיין פאַמיליע און מיטן דאָרף. ער האָט גוט געקענט די נויט פון דאָרף, זיין שפּראַך, איז געשטאַנען נאָענט צו די גרויע אַר־בעטער־מאַסן. גאַנץ מעגלעך, אַז אין דערדאָזיקער אָפּשטאַמונג זיינער, אין דערדאָזיקער פאַרבינדונג מיטן דאָרף איז געלעגן דער סוד פון זיין דערפאָלג. אָבער ס'איז זייער שווער געווען צו באַגעגענען אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין אַזוי שטאַרק דורכ־געדרונגען מיט אַ פּאָפּן־פּסיכאָלאָגיע, ווי גאַפּאָן. פריער האָט ער קיינמאָל נישט געקענט די רעוואָלוציאָנערע סביבה, און בטבע איז ער נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר אַ כיט־רער פּאָפּ, וואָס איז געגאַנגען אויף אַלע הנחות אין דער וועלט. ער האָט אַליין דערציילט: „איינמאָל בין איך אַריינגעפאַלן אין ספקות, ס'האָט זיך אין מיר אַ וואַקל געטאָן דער גלויבן. איך בין קראַנק געוואָרן און אַוועקגעפאָרן קיין קרים. אין יענער צייט האָט דאָרט געלעבט אַ זקן, אַ הייליקער. איך בין אַוועק־געפאָרן אַהין, כדי צו שטאַרקן מיין גלויבן. איך בין אַוועק צום זקן. ביים טייך האָט זיך אויפגעזאַמלט אַן עולם, און דער זקן ריכט אָפּ אַ תּפילה. אין טייך איז אַ גריבל, גלייך דאָס פערד פון געאָרגי פּאָבעדאָנאָסעץ וואָלט דאָרט געטראָטן. נו, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט. אָבער נישט דערין האַנדלט זיך עס — שטאַרק איז דער גלויבן ביים זקן. נאָך

דער תּפילה גיי איך צו צום זקן נאָך אַ ברכה. ער וואַרפט אַראָפּ די סוטאַנע און זאָגט: „מיר האָבן דאָ אַוועקגעשטעלט אַ ליכט־קרעמל און אַ סך געלייזט!" אַט האָסטו דיר אַ גלויבן! נישט טויט און נישט לעבעדיק האָב איך זיך דערשלעפּט אַהיים. איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ פריינט ווערעשטשאַגין, וועלכער האָט צו מיר געזאָגט: „וואַרף אַוועק דיין גלחישקייט!" איך האָב אָבער אַ טראַכט געטאָן: איצט באַציט מען זיך מיט גרויס דרך־ארץ צו די עלטערן אין דאָרף; דער טאַטע איז אַ סטאַר־שינע; און שפּעטער וועלן אים אַלע אויפוואַרפן: אַ זון — אַן אַראָפּגעזעצטער גלח! איך האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט פון מיין גלחישקייט".

אין דערדאָזיקער דערציילונג שפּיגלט זיך אָפּ דער גאַנ־צער גאַפּאָן.

לערנען האָט ער זיך נישט געקענט. ער האָט אַ סך צייט געפּטרט אויף לערנען זיך — שיסן אין ציל, רייטן אויפן פערד. אָבער מיט ביכער איז ביי אים צוגעגאַנגען זייער שווער. אמת, ער האָט געפאָלגט וולאַדימיר איליטשן און זיך אַוועקגעזעצט לייענען פּלעכאַנאָווס ווערק, אָבער ער האָט געלייענט, ווי ס'וואָלט אויף אים געלעגן אַ חוב. פון ביכער האָט זיך גאַפּאָן נישט געקענט לערנען. אָבער פון לעבן האָט ער זיך אויך נישט געקענט לערנען. די פּאָפּישע פּסיכאָלאָגיע האָט אים פּאַרבלענדט די אויגן. קומענדיק צוריק קיין רוסלאַנד האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין אָפּגרונט.

פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע טעג אָן איז וולאַדימיר איליטשן תּיכף געוואָרן קלאָר די גאַנצע פּערספּעקטיוו. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די באַוועגונג וועט איצט וואַקסן, אַז דאָס רע־וואָלוציאָנערע פאָלק וועט נישט בלייבן שטיין אויף אַ האַלבן וועג, אַז מען וועט עס נישט קענען אָפּשטעלן, אַז די אַרבע־טער וועלן זיך וואַרפן אין קאַמף קעגן דער מאָנאַרכיע. צי די אַרבעטער וועלן זיגן אָדער זיי וועלן פאַרשפּילן, — דאָס וועט אַרויסווייזן דער סוף פונם קאַמף. אָבער כּדי צו זיגן, דאַרף מען זיין גוט באַוואָפנט.

איליטש האָט תמיד געהאַט אַ ספּעציעלן חוש, אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דעם, וואָס דער אַרבעטער-קלאַס לעבט איבער אין דער און דער רגע.

די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אויף דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס מען האָט נאָך געדאַרפט פאַנאַנ-דערטרייסלען, האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף „אויפלייזן" די רעוואָלוציע. איליטש האָט אָבער געוווּסט, אַז די אַרבעטער האָבן באַשלאָסן צו קעמפן ביזן סוף. און ער איז געשטאַנען אויף זייער זייט. ער האָט געוווּסט, אַז מען טאָר זיך נישט שטעלן אויף אַ האַלבן וועג, אַז דאָס וואָלט אַרייַנגעטראָגן אינעם אַרבעטער-קלאַס אַזאַ דעמאָראַליזאַציע, אַזאַ אַנטמוטיקונג אין קאַמף, עס וואָלט געבראַכט אַזאַ שאָדן דער אַרבעטער־זאַך, און דעריבער האָט מען דערויף בשום-אופן נישט געטאָרט איינגיין. חוצדעם האָט די געשיכטע באַוויזן, אַז הגם אין דער רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר האָט דער אַרבעטער-קלאַס געהאַט אַ מפלה, איז ער דאָך נישט באַזיגט געוואָרן, זיין גרייטקייט צום קאַמף איז נישט צעבראָכן געוואָרן. דאָס האָבן נישט פאַר-שטאַנען די, וועלכע זענען אָנגעפאַלן אויף לענינס „גראָדליני-קייט", וועלכע האָבן נאָך דער מפלה קיין שום אנדער זאַך נישט געפונען צו זאָגן, ווי: „אַז מען האָט זיך בעסער נישט געדאַרפט נעמען צום געווער". בלייבנדיק געטריי דעם אַרבע-טער־קלאַס האָט מען זיך געמוזט נעמען צום געווער, און דער אַוואַנגאַרד האָט נישט געטאָרט איבערלאָזן זיין קעמפנדיקן קלאַס.

און איליטש האָט כסדר גערופן דעם אַוואַנגאַרד פונם ארבעטער-קלאַס, דאָס הייסט, די פּאַרטיי — צום קאַמף, צו אָרגאַניזאַציע, צו דער אַרבעט אויף באַוואָפענען די מאַסן. ער האָט דערפון געשריבן אין „פאָרווערטס", אין זיינע בריוו קיין רוסלאַנד.

„דער 9טער יאַנואַר 1905 האָט אַרויסגעוויזן די אומגע-הויערע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פונם פּראָלעטאַריאַט און דעם מאַנגל אין אָרגאַניזאַציע פון די „סאָציאַל-דעמאָקראַטן" — האָט

וולאַדימיר **איליטש** געשריבן אָנהייב פעברואַר אין זיין אַרטיקל: „צי דאַרפן מיר אָרגאַניזירן די רעוואָלוציע" *). יעדע שורה איז געווען דורכגעוועבט מיטן רוף: אריבערצוגיין פון ווערטער צו מעשים.

איליטש האָט נישט בלויז איבערגעלייענט, נאָר אויף אַן אויספירלעכן אופן דורכגעשטודירט, דורכגעטראַכט אַלץ, וואָס ס'האָבן געשריבן מאַרקס און ענגעלס וועגן רעוואָלוציע און אויפשטאַנד. ער האָט אפילו איבערגעלייענט אַ סך ביכער וועגן מיליטערישער קונסט, פילזייטיק דורכגעטראַכט די טעכניק פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד, פון זיין אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך מיט דערדאָזיקער אַרבעט באַשעפטיקט, מער ווי מען האָט גע-דאַרפט, און זיינע געשפּרעכן וועגן קאַמפּס-גרופּן בעת אַ פּאַר-טיזאַנישער מלחמה „וועגן פינפטלעך און צענטליקן", איז נישט געווען קיין פּלוידעריי פון אַן עם-הארץ, נאָר אַ פילזייטיק דורכגעטראַכטער שטודיום.

אַ באַאַמטער פון „Société de lecture" איז געווען אַן עדות, ווי יעדן פרימאָרגן, גאַנץ באַגינען, פלעגט קומען דער רוסישער רעוואָלוציאָנער מיט ביליקע הויזן, פאַרשאַרצט צוליב דער בלאָטע אויפן שווייצאַרישן אופן, וועלכע ער פלעגט גע-ווינלעך פאַרגעסן אויפצוויקלען. דאַן פלעגט ער נעמען דעם פון נעכטן איבערגעלאָזטן בוך וועגן באַריקאַדע-קאַמף, וועגן אָנ-גריף-טעכניק, פלעגט זיך, ווי דער שטייגער, זעצן ביים טישל לעבן פענסטער, צוגעגלעטן, ווי געוויינלעך, די שיטערע האָר אויפן פּליכעוואַטן קאָפּ און פאַרטיפן זיך אין לייענען. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפשטיין, נעמען פון דער פּאָליצע אַ גרויסן ווערטערבוך, אויפזוכן אַ פירוש אויף אַן אומבאַקאַנטן טערמין און נאָכדעם שפּרייזן אַהין און צוריק, זיך צוזעצן צום טיש, שנעל שרייבן מיט אַ דראָבנער האַנטשריפט אויף ביינגע-לעך פּאַפּיר.

די באָלשעוויקעס האָבן אויסגעזוכט די פאַרשידנסטע

*) „פּראָלעטאַריאַט" № 7 פון 8.II 1905. רעד.

עצות אויף איבערצושיקן געווער קיין רוסלאַנד. נאָר דאָס וואָס מען האָט אויפגעטאָן איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. אין רוסלאַנד (אין פּעטערבורג) האָט זיך געבילדעט אַ קאַמפּס-קאָמיטעט, אָבער געאַרבעט האָט ער זייער לאַנגזאַם. איליטש האָט געשריבן קיין פּעטערבורג: „ביי אַזאַ אַרבעט זענען ווייניקער פון אַלץ געווונטשן סכעמען, מחלוקות און שמועסן וועגן פּראַקציעס פון אַ קאַמפּס-קאָמיטעט און זיינע רעכט. דאָ פאָדערט זיך אַ געוואַלטיקע ענערגיע. מיט גרויל, כ'לעבן, מיט גרויל, זע איך, אַז מען רעדט שוין וועגן באָמבעס אַ גאַנצן האַלב יאָר און קיין איין באָמבע האָט מען נאָך נישט געמאַכט, און מען האַלט זיך פאַר די סאַמע געלערנטע מענטשן. גייט צו די יונגוואַרג, זייט מוחל. דאָס איז דער איינציקער הילפס-מיטל. אַנדערש וועט איר, כ'לעבן, פאַרשפּעטיקן (איך זע עס באַשיינפּערלעך) און איר וועט בלייבן ביי אייערע „געבילדעטע" צעטעלעך, פּלאַנען, צייכענונגען, סכעמען, ביי אייערע זעלטענע רעצעפּטן, אָבער אָן אָרגאַניזאַציע, אָן אַ לעבעדיקער זאַך... פאָדערט נישט קיין שום פאָרמאַליטעטן, שפּייט אויף אַלע סכעמען, שיקט צו אַלדע רוחות אַלע „פונקציעס פון רעכט און פּריווילעגיע"...

אין זין פון צוגרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָבן די באָלשעוויקעס זייער אַ סך אויפגעטאָן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ קאָלאָסאַלע העלדישקייט, יעדע מינוט ריזיקירנדיק מיטן לעבן. הכנות צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד — דאָס איז געווען דער לאָזונג פון די באָלשעוויקעס. וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט אויך געשמועסט גאַפּאָן.

קורץ נאָך זיין אָנקומען טרעט ער אַרויס מיט אַ פּראָיעקט וועגן אַ קאַמפּס-אָפּמאַך פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אין זיבעטן נומער „פּאָרווערטס" (פון 8 פעברואַר 1905), גיט וולאַדימיר איליטש אַן אָפּשאַצונג פון גאַפּאָנס פאָרשלאַג און באַלייכט אויספירלעך די גאַנצע פראַגע וועגן קאַמפּס-אָפּמאַכן.

גאַפּאָן האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרזען די פּעטערבורגער אַרבעטער מיט וואָפן. אין גאַפּאָנס רשות

זענען אַריינגעפּלאָסן פאַרשידענע נדבות. ער האָט איינגעקויפט געווער אין ענגלאַנד. ענדלעך איז די זאַך אַרויף אויפן ריכ־טיקן וועג. מען האָט געפונען אַ שיף „גראַפטאָן", מיט אַ קאַ־פּיטאַן, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו פירן דאָס געווער און אויסלאָדן עס אויף אַ געוויסן אינדזל נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ. נישט האָבנדיק קיין שום השגה, וויאַזוי עס ווערן געפירט אומלעגאַלע טראַנספּאָרט-ענינים, האָט זיך גאַפּאָן די זאַך פאָרגעשטעלט אַ סך פשוטער ווי ס'איז אין דער ווירק־לעכקייט. כדי צו אָרגאַניזירן די זאַך, האָט ער ביי אונדז גע־נומען אַן אומלעגאַלן פּאַספּאָרט, פאַרבינדונגען, און איז אַוועק־געפאָרן קיין פּעטערבורג. אין דערדאָזיקער אונטערנעמונג האָט וולאַדימיר איליטש אַרויסגעזען דעם איבערגאַנג פון ווערטער צו מעשים. די אַרבעטער מוזן אומבאַדינגט האָבן געווער. דאָך, איז פון דער גאַנצער אונטערנעמונג גאָרנישט אַרויסגעקומען. „גראַפטאָן" איז אַרויף אויף אַ וואַסער-פעלז, און בכלל איז געווען אוממעגלעך צוצוקומען צו יענער אינדזל. אפילו אין פּעטערבורג האָט גאַפּאָן גאָרנישט געקענט אויפטאָן. ס'איז אים אויסגעקומען זיך צו פאַרבאַהאַלטן אין די אָרעמע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. ס'איז אים אויסגעקומען צו לעבן אונטער אַן אַנ־דער נאָמען. אַלע פאַרבינדונגען זענען אָנגעקומען מיט גרויסע צרות, די אַדרעסן פון די עסערן, ווו מען האָט זיך גענדאַרפט צונויפריידן וועגן צונעמען דעם טראַנספּאָרט, זענען געווען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. בלויז די באַלשעוויקעס האָבן אַוועקגעשיקט אויף דער אינדזל זייערע מענטשן. אויף גאַפּאָנען האָט עס געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. לעבן אומלעגאַל, אין דחקות און הונגער, פאַר קיינעם זיך נישט באַווייזן — איז, פאַרשטייט זיך, נישט איינס און דאָסזעלבע, ווי אַרויסטרעטן, נישט ריזיקירנדיק, אויף מאַסן-פאַרזאַמלונגען. אָרגאַניזירן אַ קאָנ־ספּיראַטיוון טראַנספּאָרט פון געווער—האָבן געקענט בלויז מענטשן פון אַן אַנדער רעוואָלוציאָנערן מין, ווי גאַפּאָן, — מענטשן, גרייט צו גיין אויף יעדן קרבן...

דער צווייטער לאָזונג, אַרויסגערוקט דורך איליטשן איז:

שטיצן דעם קאַמף פון די פּויערים פאַר ערד. דידאָזיקע שטיצע גיט דעם אַרבעטער־קלאַס די מעגלעכקייט אָנצולענען זיך בעת זיין קאַמף אויף די פויערים. אויף דער פויערים־פראַגע האָט וולאַדימיר איליטש תמיד געלייגט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. פאַר אַן אמת־רעוואָלוציאָנערן קלאַס האָט ער תמיד באַטראַכט בלויז דעם פּראָלעטאַריאַט. בעת מען האָט דיסקוטירט איבער דעם פּראָגראַם פון דער פאַרטיי צום 2טן צוזאַמענפאָר, האָט וולאַדימיר איליטש אַרויסגערוקט און שטאַרק פאַרטיידיקט דעם לאָזונג — צוריקצוקערן די פויערים די „ערד־אָפּשניטן", וואָס מען האָט ביי זיי אָפּגעשניטן בעת דער רעפאָרם פון 1861.

ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז כדי מיטצושלעפּן נאָך זיך דאָס פויערטום, דאַרף מען אַרויסשטעלן אַ קאָנקרעטע פאָדערונג, וואָס זאָל דירעקט באַרירן די פויערים. פּונקט ווי די אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָנגעהייבן פונם קאַמף פאַר געקאָכט וואַסער, פאַר דער פאַרקירצונג פון די אַרבעט־שעהן, פאַרן אויסצאָלן די שכירות צו דער צייט, אַזוי האָט מען די פויערים געדאַרפט אָרגאַניזירן אַרום אַ קאָנקרעטן לאָזונג.

דאָס פינפטע יאָר האָט געצוווּנגען איליטשן צו רעווידירן דידאָזיקע פראַגע. די שמועסן מיט גאַפּאָנען — אַ פויער לויט זיין אָפּשטאַם, וואָס האָט איינגעהיט די פאַרבינדונג מיטן דאָרף, די שמועסן מיט מאַטיושענקאָן — אַ מאַטראָס פון דער שיף „פאָטיאָמקין", די שמועסן מיט אַ גאַנצע ריי פויערים, וועלכע זענען געקומען פון רוסלאַנד און גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין דאָרף, — אָט זיי האָבן איבערגעצייגט איליטשן, אַז דער לאָזונג וועגן די „אָפּשניטן" קען נישט באַפרידיקן, אַז מען דאַרף אַרויסרוקן אַ ברייטערן לאָזונג, דהיינו: קאָנפיסקירן די פּריצישע, פאַרטיילטע און קלויסטערשע ערד. נישט אומזיסט האָט זיך אַמאָל איליטש געגריבלט אין סטאַטיסטישע זאַמלביכער און אויספירלעך אויפגעדעקט די עקאָנאָמישע פאַרבינדונג צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן דער גרויסער און קליינער אינדוסטריע, צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם

פּויערטום. מען האָט געזען, אַז ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען דידאָזיקע עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונג דאַרף דינען אַלס יסוד פֿון מעכטיקן פּאָליטישן איינפֿלוס פֿונם פּראָלעטאַריאַט אויפֿן פּויערטום.

כ'געדענק אַזאַ מין סצענקע. איינמאָל האָט גאַפּאָן גע־בעטן וולאַדימיר איליטשן — אויסצוהערן זיינעם אַן אָנגעשרי־בענעם אויפֿרוף, וועלכן ער האָט אָנגעהייבן צו לייענען מיט גרויס פּאַטאָס. דער אויפֿרוף איז געווען פֿול מיט קללות אויפֿן קייזער, „מיר דאַרפֿן נישט קיין קייזער, — האָט זיך גערעדט אינם אויפֿרוף, — דער איינציקער באַלעבאָס פֿון דער ערד זאָל זיין גאָט און איר אַלע וועט זיין זיינע אַרענדאַרן!" (אין יע־נער צייט איז נאָך די פּויערישע באַוועגונג געגאַנגען אויף דער ליניע פֿון קאַמף פֿאַר פֿאַרווירקלעכן די אַרענדע־אָפּצאָל). וולאַ־דימיר איליטש האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, ווייל די שילדערונג איז געווען זייער נאַיוו און פֿון דער צווייטער זייט איז בולט אַרויסגעטראָטן דאָס, וואָס גאַפּאָן איז געשטאַנען נאָענט צו דער מאַסע; זייענדיק אַליין אַ פּויער, האָט ער אויפֿגעוועקט ביי די אַרבעטער די פֿאַרבינדונג, וואָס ס'איז נאָך ביי זיי פֿאַרבליבן מיטן דאָרף, די פֿאַרבאָרגענע לעכצונג נאָך ערד.

וולאַדימיר איליטשעס געלעכטער האָט צעטומלט גאַפּאָנען. „אפשר פֿעלט דאָ עפּעס, — האָט ער געזאָגט, — זאָגט וועל איך אויסבעסערן". וולאַדימיר איליטש איז תיכף געוואָרן ערנסט. „ניין, — האָט ער געזאָגט, — ס'וועט דערפֿון גאָרנישט אַרויס־קומען, ביי מיר זענען גאַנץ אַנדערע געדאַנקען, שרייבט שוין בעסער מיט אייער שפּראַך, אויף אייער פֿאַסאָן".

ס'קומט אַרויף אויפֿן זכרון אַן אַנדער סצענקע. ס'איז געשען נאָכן דריטן צוזאַמענפֿאָר, נאָכן אויפֿשטאַנד פֿון „פּאָ־טיאָמקין". די פּאָטיאָמקינצעס זענען געוואָרן אינטערנירט קיין רומעניע, ווו זיי זענען געווען אויף צרות. גאַפּאָן האָט אין יענער צייט באַקומען אַ סך געלט אויף דער זאַך פֿון דער רעוואָלוציע, פֿלעגט ער גאַנצע טעג איינקויפֿן זאַכן פֿאַר די פּאָטיאָמקינצעס. קיין זשענעווע איז געקומען צופֿאָרן איינער

פון די אָנגעזועענסטע אָנטיילנעמער אינם אויפשטאַנד אויף דער שיף „פאָטיאָמקין" — דער מאַטראָס מאַטיושענקאָ. ער האָט זיך גלייך צוזאַמענגעטראָפן מיט גאַפּאָנען און תמיד האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען.

אין יענער צייט איז צו אונדז געקומען צופאָרן אַ בחור פון מאָסקווע (איך געדענק שוין נישט זיין צונאָמען), אַ יונגער דרויטבאַקיקער אָנגעשטעלטער אין אַ בוכהאַנדלונג, וועלכער איז נישט לאַנג געוואָרן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער איז געקומען מיט אַ שליחות פון מאָסקווע. דער בחור האָט דערציילט, ווי־אַזוי און פאַרוואָס ער איז געוואָרן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און נאָכדעם האָט ער זיך צערעדט וועגן דעם, פאַרוואָס דאָס פּראָ־גראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז אַ ריכטיקע. ער האָט פּונקטנוויז ציטירט דאָס פּראָגראַם מיט אַ באַגייסטערונג פון אַ משומד. וולאַדימיר איליטשן איז געוואָרן אומעטיק און ער איז אַוועק אין ביבליאָטעק, איבערלאָזנדיק מיך מיטן בחור, איך זאָל אים געבן טרינקען טיי און אַרויסבאַקומען פון אים דעם מאַקסימום וואָס מען קען. דער בחור האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם פּראָגראַם. פּונקט דעמאָלט זענען אָנגעקומען גאַפּאָן און מאַטיושענקאָ. איך האָב שוין געוואָלט זיי אויך דערלאַנגען טיי, אָבער דער בחור האָט גראָד אָנגעהייבן צו ריידן וועגן די „אָפּשניטן". דערהערט ווי דער בחור באַווייזט, אַז ווייטער ווי וועגן די אָפּשניטן דאַרפן די פּויערים נישט קעמפן, זענען מאַטיושענקע און גאַפּאָן געוואָרן אויפגעקאָכט און געשריגן: „דאָס גאַנצע ערד דעם פאָלק!"

איך ווייס נישט, וואָס ס׳וואָלט געוואָרן, ווען וולאַדימיר איליטש וואָלט נישט אָנגעקומען. שנעל דערוווסט זיך וועגן וואָס מען קריגט זיך, האָט ער גאָרנישט גערעדט, נאָר אַוועק־געפירט גאַפּאָנען מיט מאַטיושענקאָן. איך האָב זיך באַמיט ווי צום שנעלסטן משלח זיין דעם בחור.

אויף דער טאַמערפאָרסער דעצעמבער־קאָנפערענץ האָט איליטש אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג: דעם פּונקט וועגן די אָפּ־שניטן אינגאַנצן אַרויסצוואַרפן פונם פּראָגראַם.

אָנשטאָט אים האָט מען אריינגעפּירט אַ פּונקט וועגן דער אונטערשטיצונג פון די רעוואָלוציאָנערע פּויערישע כּוונות, ביז צו דער קאָנפיסקאַציע פון פּריצישע, מלוכישע, קלויסטערשע מאָנאַסטירישע און פּאַרטייִלטע ערד.

גאַנץ אנדערש האָט דערויף געקוקט דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַט קאַוטסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען שטאַרק מפורסם. אין דער „נייער צייט" האָט ער דעמאָלט געשריבן, אַז די רעוואָלוציאָנערע שטאָט־באַוועגונג אין רוסלאַנד דאַרף פאַרבלייבן נייטראַל אין דער פראַגע וועגן די באַציונגען פון פויער צום פּריץ.

איצט איז קאַוטסקי איינער פון די אָנגעזעענסטע פאַר־רעטער פונם אַרבעטער־קלאַס, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך גערעכנט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן סאָציאַל-דעמאָקראַט. ווען אַ צווייטער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַט, בערנשטיין, האָט צום סוף פון די 90ער יאָרן אויפגעהייבן די פאָן פון קאַמף קעגן מאַרקסיזם, האָט אָנגעהייבן צו באַווייזן, אַז מען דאַרף רעווי־דירן מאַרקס לערע, אַז א סך זאַכן אין מאַרקס לערע זענען פאַרעלטערט, האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט, אַז דער ציל (סאָ־ציאַליזם) איז גאָרנישט, אַז די באַוועגונג איז אַלץ, — איז קאַוטסקי דעמאָלט אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן בערנשטיינען, כּדי צו פאַרטיידיקן דעם מאַרקסיזם. קאַוטסקיס נאָמען איז דעמאָלט געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון די גרעסטע רעוואָ־לוציאָנערע, איבערגעגעבנסטע קאַרל מאַרקס תּלמידים. דעריבער האָט קאַוטסקיס באַהויפּטונג שטאַרק געערגערט איליטשן. ער האָט זיך אפילו באַמיט אים צו פאַרטיידיקן, טענהנדיק, אז ביי די מערב-אייראָפּעישע באַדינגונגען איז עס אפשר ריכטיק, אָבער די רוסישע רעוואָלוציע קען זיגן בלויז דעמאָלט, ווען זי וועט זיך שטיצן אויפן פויערטום.

אָבער דידאָזיקע קאַוטסקיס באַהויפּטונג האָט גורם גע־ווען, אַז איליטש זאָל נאָכשטימען, צי קאַוטסקי טייטשט ריכ־טיק אויס מאַרקסן און ענגעלסן. וולאַדימיר איליטש שטודירט מאַרקס באַציונג צו דער אמעריקאַנישער אגראַר־באַוועגונג אין

1848, ענגעלסעס באַציונג צו העברי דזשאָרזשן אין 1885. אין אַפּריל גיט װלאַדימיר איליטש אַרױס אַן אַרטיקל: „מאַרקס װעגן דער אַמעריקאַנישער שװאַרצער צעטײלונג".

ער פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט די װערטער: ס'איז קוים דאָ אַ צװײט לאַנד אין דער װעלט, װוּ דאָס פּױערטום זאָל איבערלעבן אַזעלכע יסורים, אַזעלכע אונטערדריקונגען און באַלײדיקונגען װי אין רוסלאַנד. װאָס ערגער דידאָזיקע אונטער-דריקונגען, אַלץ מעכטיקער װעט זײַן זײַן אױפֿװאַכונג, אַלץ פעסטער װעט זײַן זײַן רעװאָלוציאָנערער אָנגריף. דער באַװוּסט-זיניקער רעװאָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט דאַרף מיט אַלע כּוחות אונטערשטיצן דעמדאָזיקן אָנגריף, ער זאָל צעשמעטערן די אַלטע פאַרשאָלטענע פעאָדאַלע, זעלבסטהערשנדיקע אַרבעטער-רוסלאַנד, ער זאָל שאַפֿן אַ נײַעם דור פֿון פרײַע און דרײסטע מענטשן, שאַפֿן אַ נײַ רעפּובליקאַניש לאַנד, װוּ ס'זאָל זיך אױף דער פרײַ פאַנאַנדערװיקלען אונדזער פּראָלעטאַרישער קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם.

אין זשענעװע האָט זיך דער באָלשעװיסטישער צענטער געגעסטעלט אינעם װינקל פֿון דער „קאַרוזשקע" און דעם טײַך אַרװע — אַן אָרט, ס'רוב באַזעצט מיט רוסישע עמיגראַנטן. דאָ האָט זיך געפֿונען די רעדאַקציע „פֿאָרװערטס", די עקספּע-דיציע, די באָלשעװיסטישע לעפּעשינסקיס גאָרקין. דאָ האָבן געװױנט די באָנטש-ברועװיטשעס, די פֿאַמיליע ליאַדאָװ (מאַנדל-שטאַם), אײלין. בײַ די באָנטש-ברועװיטשעס פלעגט תּמיד זײַן אָרלאָװסקי, אָלמינסקי און אַנדערע. באָגדאַנאָװ, קומענדיק צוריק קײן רוסלאַנד, האָט זיך דאָרט צונױפֿגערעדט מיט לונאַטשאַר-סקין, װאָס איז געקומען צופֿאָרן קײן זשענעװע און אַרײַנגע-טראָטן אין דער רעדאַקציע „פֿאָרװערטס". לונאַטשאַרסקי האָט זיך אַרױסגעװיזן פֿאַר אַ זעלטענעם רעדנער, האָט אַ סך מיט-געװירקט צו באַפעסטיקן די באָלשעװיסטישע פּאָזיציעס. פֿון יענער צײַט אָן האָט װלאַדימיר איליטש אָנגעהײבן זיך גוט צו באַציִען צו לונאַטשאַרסקין, פלעגט זײַן פֿרײלעך אין זײַן אָנ-װעזנהײט און איז געװען צו אים זײער נישט גלײַכגילטיק,

בעת מען איז זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט די וופעריאָדאָווצעס (פאָרווערטס־לייט). אויך אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש איז געווען זייער לעבעדיק און שארפזיניק אין איליטשעס אַנוועזנהייט. כ׳געדענק, ווי איינמאָל, דאכט זיך, אין 1919 אָדער 1920, ווען אַנאַטאָלי וואסיליעוויטש, קומענדיק פון פראָנט, האָט איבערגע־געבן וולאדימיר איליטשן זיינע איינדרוקן, האָבן ביי וולאָדי־מיר איליטשן געגלאַנצט די אויגן, אויסהאָרכנדיק אים.

לונאטשארסקי, וואָראָווסקי, אָלמינסקי זענען געווען די זיילן פון „פאָרווערטס". וולאַדימיר דימיטריעוויטש באָנטש־ברו־יעוויטש, דער אָנפירער פון דער ווירטשאַפטלעכער טייל, האָט כסדר געשיינט, געבויט ריזיקע פּלענער, האָט זיך געפּאָרעט אַרום דער דרוקעריי.

כמעט יעדן אָוונט פלעגן זיך די באָלשעוויקעס צונויפ־קומען אין דער צוקערניע „לאַנדאָלד" און פלעגן דאָרט לאַנג אָפּזיצן ביי אַ גלאָז ביר. מען האָט געשמועסט וועגן די גע־שעענישן אין רוסלאַנד, מען האָט געבויט פּלענער.

אַ סך פלעגן אַוועקפאָרן און אַ סך האָבן זיך געגרייט אַוועקצופאָרן.

אין רוסלאַנד האָט זיך געפירט אַן אגיטאציע פארן 3טן צוזאַמענפאָר. ס׳האָט זיך אזוי שטאַרק געענדערט די לאַגע פון דער צייט פונם 2טן צוזאַמענפאָר, אַזויפיל נייע פראגן האָט דאָס לעבן אַרויסגערוקט, אז דער נייער צוזאמענפאָר איז פּשוט געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. ס׳רוב פון די קאָמיטעטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאר אַ צוזאמענפאָר. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ „ביוראָ פון דער קאָמיטעטן־מערהייט". דער צ.־ק. האָט קאָאָפּ־טירט אַ מאַסע נייע מיטגלידער, צווישן זיי אויך מענשעוויקעס. אין באַצוג צו זיינע מאַסן איז דער צ.־ק. געגאַנגען אויף פּשרות און האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געשטערט צונויפצורופן דעם 3טן צוזאמענפאָר. נאָכן דורכפאַל פונם צ.־ק., וואָס האָט פּאסירט אין מאָסקווע אויף דער דירה פונם שרייבער לעאָניד אַנדרעעוו, זענען די אויף דער פריי איבערגעבליבענע מיטגלידער מסכּים געווען צונויפצורופן דעם צוזאַמענפאָר.

דעם צוזאמענפאָר האָט מען איינגעאָרדנט אין לאָנדאָן. די מערהייט איז דאָרט געווען אַ באָלשעוויסטישע. דעריבער זענען די מענשעוויקעס אויפן צוזאַמענפאָר נישט געקומען און זייערע דעלעגאטן האָבן זיי אויפגעזאַמלט אויף אַ קאָנפערענץ אין זשענעווע.

אויפן צוזאמענפאָר איז פונם צ.-ק. געקומען צופאָרן זאָמער (מאַרק ליובימאָוו) און ווינטער (קראַסין). מארק האָט געהאַט אַ מרה-שחורהדיקן אויסזען. קראַסין האָט אויסגעקוקט אַזוי, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. די דעלעגאַטן זענען ווילד אָנגעפאַלן אויפן צ.-ק. פאר זיין פשרותדיקער פאָזיציע. מאַרק איז געזעסן אַ פאַרחושכטער און געשוויגן. געשוויגן האָט קראַסין, די באַק אונטערגעשפארט מיט אַ האנט. אָבער ער האָט געהאט אזא גלייכגילטיקן אויסזען, פונקט ווי די אלע גיפטיקע דרשות האָבן צו אים קיין שום שייכות נישט געהאט. בעת עס איז אָנגעקומען זיין ריי, האָט ער מיט אַ רויקן קול געהאַלטן זיין פאָרטראג, נישט אָפענטפערנדיק אפילו אויף די באשולדיקונגען, — און אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, אז ס׳איז נישטאָ מער וועגן וואָס צו ריידן, אַז זיינע פשרותדיקע כוונות זענען געווען און זענען שוין מער נישטאָ, אַז פון היינט אָן האָט ער זיך געשטעלט אין די רייען פון די באָלשעוויקעס, מיט וועלכע ער וועט גיין האנט ביי האָנט.

די פאַרטיי־חברים ווייסן איצט פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, וואָס קראַסין האָט אויף זיך גענומען, בעת דער רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר, באַוואָפענענדיק די קעמפער, צוגרייטנדיק שיס-מכשירים. אלץ איז געטאָן געוואָרן קאָנספּיראטיוו, אָן טומל, נאָר אין דערדאָזיקער אַרבעט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ מאַסע ענערגיע. וולאדימיר איליטש האָט מער פון אַלע אָפּגעשאצט דידאָזיקע ארבעט און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך צו קראַסינען באַצויגן מיט גרויס דרך-ארץ.

פון קאווקאז איז מען געקומען זאַלבעפערט: מיכאַ צכאַקאַיאַ, אַליאָשאַ דזשאַפּאַרידזע, לעמאַן און קאמיענייעוו. דריי פון

זיי האָבן געהאַט מאַנדאַטן. וולאַדימיר איליטש האָט געפרעגט, צו וועמען געהערן די מאנדאטן, היות מאנדאטן זענען דאָ דריי און מענטשן פיר? ווער, אַלזאָ, האָט באַקומען מער שטימען? מיכאַ האָט מיט פארלעגנהייט אָפּגעענטפערט: „צי שטימט מען דען אָפּ ביי אונדז אויף קאָווקאַז? מיר נעמען תּמיד אָן באַשלוסן אויף אַ חברישן אופן. מען האָט אונדז געשיקט זאַלבעפערט און די מאַנדאַטן זענען דאָ נישט וויכטיק". מיכאַ האָט זיך ארויסגעוויזן פארן עלטסטן מיטגליד פונם צוזאַמענפאָר, — ער איז דעמאָלט אלט געווען 50 יאָר. אים האָט מען באַפוילמעכטיקט אויפצועפענען דעם צוזאַמענפאָר. פון פּאָלעסער קאָמיטעט איז געקומען ליאָוואַ וולאַדימיראָוויטש. אַ סך מאָל האָבן מיר אים געשריבן קיין רוסלאַנד וועגן דער שפּאַלטונג, און קיין שום רעפּליקעס האָבן מיר נישט באַקומען. אַלס תשובה אויף די בריוו, ווו מען האָט געשריבן וועגן מאַרטאָווס שטיק, האָבן מיר באַקומען בריוו, ווו מ'האָט דערציילט וויפל און וואָסערע בלעטלעך מען האָט צעטיילט, ווו אין פּאָלעסער קאַנט זענען געווען שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס. אויפן צוזאמענפאָר האָט זיך ליאָוואַ געהאלטן ווי אַן אמתער באָלשעוויק.

אויפן צוזאמענפאָר זענען פון רוסלאַנד אויך געווען: באָגדאַנאָוו, פּאָסטאָלאָווסקי (וואַדים), רומיאַנצעוו (פּ. פּ.), ריקאָוו, סאַמער, זעמליאַטשקאָ, ליטווינאָוו, סקריפּניק, בור, שקלאָווסקי, קראַמאָלניקאָוו און אנדערע.

אויפן צוזאמענפאָר האָט זיך אין אַלץ געפילט, אַז אין רוסלאַנד איז דער אמתער ברען פון דער ארבעטער-באַוועגונג. ס'זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאנד, וועגן אַ צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועגן דער באַציונג צו דער רעגירונגס-טאַקטיק ערב דער איבערקערעניש, וועגן דער פראגע מכוח אַן אָפענעם ארויסטריט פון דער „ר.ס.ד.א.פּ.", וועגן דער באַציונג צו דער פּויערים-באַוועגונג, צו די ליבעראלן, צו די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועגן פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וועגן דער אָפּגעשפּאָלטענער טייל פון דער פּאַרטיי א. אַז. וו.

לויט וולאַדימיר איליטשעס פּאָרשלאַג, וועלכער האָט גע־האַלטן אַ פאָרטראַג איבער דער אַגראַר־פּראַגע, איז דער פּונקט וועגן די „אָפּשניטן" אריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ ספּעציעלער קאָמיסיע און אויפן ערשטן פּלאַן איז ארויסגערוקט געוואָרן די פראגע וועגן קאָנפיסקאַציע פון די פּריצישע, פּאַרטייליטע און קלויסטערשע ערד.

נאָך צוויי פראגן זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן 3טן צוזאַמענפאָר: די פּראַגע וועגן צוויי צענטערס און די פראַגע וועגן די באַציונגען צווישן די אַרבעטער און אינטע־ליגענטן.

דער 2טער צוזאַמענפאָר האָט זיך צונויפגעשטעלט ס'רוב פון ליטעראַטן און פּראַקטישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אַזוי אָדער אנדערש געארבעט פאר דער פּאַרטיי, אָבער מיט די רוסישע אָרגאַניזאַציעס זענען זיי נאָך געווען זייער שוואַך פאַרבונדן.

דער 3טער צוזאמענפאָר האָט שוין געטראָגן אַן אנדער פּיזיאָנאָמיע. די אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד האָבן זיך שוין צו יענער צייט געהאט קריסטאַליזירט; דאָס זענען געווען אומלע־גאַלע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי זייער שווערע קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען. צוליב די געשאַפענע באַדינגונגען האָבן די קאָמיטעטן כמעט אין ערגעץ נישט אַריינגענומען קיין אַרבעטער, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער ארבעטער־באַוועגונג. די בלעטלעך „פאַראָרדענונגען" פונם קאָמיטעט זענען געווען אין איינקלאַנג מיט דער שטימונג פון די ארבעטער־מאַסן — זיי האָבן געפילט די אָנפירונג. די קאָ־מיטעטן האָבן דעריבער אויסגענומען ביי די ארבעטער, דערביי איז פאַר אַ סך ארבעטער זייער טעטיקייט געווען איינגעהילט אין אַ סודותפולן שלייער. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּט פאַר־זאַמלט אָפּגעזונדערט פון די אינטעליגענטן, כדי דורכצושמועסן זיך וועגן די הויפּט־פראגן פון דער באַוועגונג. אויפן 3טן צו־זאַמענפאָר איז אָנגעקומען אַ מעלדונג פון 50 אָדעסער אַרבע־טער וועגן דער שפּאַלטונג צווישן די מענשעוויקעס און

די באָלשעוויקעס, דערביי האָט מען געמאָלדן, וואָז אויף דער פארזאמ־לונג, ווו די אויבנדערמאָנטע פראגע איז באהאנדלט געוואָרן, האָט זיך נישט געפונען קיין איין אינטעליגענט.

דער „קאָמיטעטניק" האָט געוויינלעך שטאַרק געגלויבט אין זיך — ער פלעגט זען, וואָסער גרויסע השפּעה די אַרבעט פונם קאָמיטעט האָט אויף די מאַסן. דער „קאָמיטעטניק" האָט אין דער פּאַרטיי, אַלס כּלל, נישט אָנערקענט קיין שום דע־מאָקראַטיזם: פון דעמדאָזיקן דעמאָקראַטיזם אָנטשטייען בלויז דורכפאַלן, און ס'איז נישט קיין חילוק, ווייל מיט דער באַוועגונג זענען מיר סיי ווי סיי פארבונדן — האָבן געטענהט די „קאָמיטעטניקעס". דער „קאָמיטעטניק" האָט אינערלעך עטוואָס פיינט געהאַט „אויסלאַנד", וועלכע ווערט משוגע פון ווילטאָג און מאַכט שפּאַלטונגען. „זאָל מען זיי אַוועקזעצן אויף די רו־סישע באַדינגונגען". דער „קאָמיטעטניק" האָט נישט געוואָלט, מען זאָל זיך אין אויסלאַנד באַפעסטיקן. ער האָט גלייכצייטיק נישט ליב געהאַט קיין נייסן. צופּאַסן זיך צו די שנעל־ענדערנ־דיקע באַדינגונגען האָט דער „קאָמיטעטניק" נישט געוואָלט און נישט געקענט.

אינם פעריאָד פון 1904—1905 האָבן די „קאָמיטעטניקעס" אויסגעטראָגן אויף זייערע פּלייצעס אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, אָבער אַ סך פון זיי האָבן זיך מיט גרויס שוועריקייט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון די וואַקסנדיקע לעגאַלע מעגלעכקייטן און צום אָפענעם קאַמף.

אויפן 3טן צוזאַמענפאָר זענען נישט געווען קיין אַרבע־טער, — ס'איז לפּחות נישט געווען קיין שום אָנגעזעענער אַר־בעטער. דער צוזאַמען „באַבושקין" האָט זיך נישט באַצויגן צום אַרבעטער באַבושקין, וועלכער איז גאָר צו יענער צייט געווען אין סיביר, נאָר אויף וויפל איך געדענק, צום חבר שקלאָווסקי. דערפאַר זענען געווען אַ סך „קאָמיטעטניקעס" אויפן צוזאַמענ־פאָר. דער, וואָס האָט פארגעסן די פיזיאָנאָמיע פונם דריטן צוזאַמענפאָר, דער וועט אַ סך זאַכן אין די פּראָטאָקאָלן נישט פארשטיין.

די פראַגע וועגן „צוימען אויסלאַנד" האָבן אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג-אָרדענונג נישט בלויז די „קאָמיטעטניקעס", נאָר אויך אנדערע אָנגעזעענע אַרבעטער. אין דער שפּיץ פון דער אָפּאָזיציע אין אויסלאַנד איז געשטאַנען באָגדאַנאָוו.

דאָ האָט מען אַ סך געררעדט סתּם אין דער וועלט אַריין, אָבער וולאַדימיר איליטש האָט זיך דערפון שטאַרק נישט גע-ערגערט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, פאַלט פון שעה צו שעה די באַדייטונג פון אויסלאַנד; ער האָט געוווסט, אַז ער אַליין איז שוין אויך נישט קיין „איינוווינער" פון אויסלאַנד און האָט געזאָרגט בלויז דערפאַר, דער צ.-ק. זאָל שנעל אינפאָרמירן דעם צ.-אָ. (דער צ.-אָ. האָט פון יענעם טאָג אָן געדאַרפט הייסן „פּראָלע-טאַרי" און פאָרלויפיק דערשיינען אין אויסלאַנד). ער איז אויך אָנגעשטאַנען, ס'זאָלן אָרגאַניזירט ווערן פעריאָדישע זעונגען צווישן אויסלאַנד און דער רוסישער טייל פונם צ.-ק.

גאַנץ שאַרף איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן.

וולאַדימיר איליטש איז געשטאַנען שטאַל און אייזן דער-פאַר, מען זאָל אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן. פ א ר— זענען געווען באָגדאַנאָוו, די „אויסלענדער" און די ליטעראַטן, ק ע ג ן — די „קאָמיטעטניקעס". וולאַדימיר איליטש האָט זיך געקאָכט, געקאָכט האָבן זיך די „קאָמיטעטניקעס". די „קאָמי-טעטניקעס" האָבן געפאָדערט, מען זאָל נישט אַרויסטראָגן קיין רעזאָלוציע בנוגע דערדאָזיקער פראַגע. און באמת, מען האָט דאָך נישט געקענט אַרויסטראָגן קיין רעזאָלוציע, אַז מען זאָל קיין אַרבעטער נישט אַריינפירן אין קיין שום קאָמיטעט!

אַרויסטרעטנדיק אויף דיסקוסיעס פלעגט וולאַדימיר אי-ליטש זאָגן: „איך מיין, אַז מען דאַרף האָבן אַ ברייטערן קוק אויף דער זאַך. אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן איז נישט בלויז אַ פּעדאַגאָגישע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע אויפגאַ-בע. די אַרבעטער האָבן אַ קלאַסן-אינסטינקט און ביי אַ קנאַ-פּער פּאָליטישער רגילות ווערן די אַרבעטער שנעל אויסגע-

האַלטענע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. איך וואָלט שטאַרק חשק געהאַט, אַז איז אונדזערע קאָמיטעטן זאָלן אויף יעדע צוויי אינטעליגענטן זיין אַכט אַרבעטער. אויב דידאָזיקע עצה, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרלויפיק אין דער ליטעראַטור — אַריינצופירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן — האָט נישט געהאַט קיין פעולה, וואָלט געווען אַ יושר, אַז דידאָזיקע עצות זאָלן ווערן אַרויסגעזאָגט אין נאָמען פונם צוזאַמענפאָר. אויב איר וועט האָבן פונם צוזאַמענפאָר אַ בולטן און אַ באַשטימטן דירעקטיוו, וועט איר האָבן אַ ראַדיקאַלן מיטל צו קעמפן מיט דער דעמאַגאָגיע. אָט דאָס איז דער דייטלעכער ווילן פונם צוזאַמענפאָר".

וולאַדימיר איליטש האָט אויך פריער פאַרטיידיקט די נויטווענדיקייט אַריינצופירן וואָס מער אַרבעטער אין די קאָמיטעטן. ער האָט דערפון געשריבן אין זיין „בריוו צו אַ פעטערבורגער חבר", נאָך אין 1903. איצט, פאַרטיידיקנדיק דעמדאָזיקן שטאַנדפונקט אויפן קאָנגרעס, האָט ער זיך שטאַרק געקאָכט, געמאַכט „צווישנרופן". ווען מיכאַילאָוו (פאָסטאַלאָווסקי) האָט געזאָגט: „אויף אַזאַ אופן שטעלט מען די אינטעליגענטן אין דער פראַקטיק קליינע פאָדערונגען און די אַרבעטער הויכע" — האָט וולאַדימיר איליטש אויסגערופן: „אמת!" זיין אויסרוף איז פאַרטויבט געוואָרן דורך אַ גרויסן כאָר פון די „קאָמיטעטניקעס": „נישט אמת!".

ווען רומיאַנצעוו האָט געזאָגט: „אין פעטערבורגער קאָמיטעט געפינט זיך בלויז איין אַרבעטער, נישט געקוקט וואָס די אַרבעט אין פעטערבורג פירט זיך שוין 15 יאָר" — האָט וולאַדימיר איליטש אַ געשריי געטאָן: „ס'איז עקלהאַפט!"

און נאָכן שליסן די דעבאַטן האָט איליטש געזאָגט: „איך האָב נישט געקענט זיצן רויק, בעת מען האָט דערציילט, אַז ס'זענען נישטאָ קיין אַרבעטער, וואָס טויגן אַלס מיטגלידער אינעם קאָמיטעט. די פראַגע ווערט אָפגעצויגן: אַ סימן, אַז די פאַרטיי האָט עפעס אַ קראַנקייט. מען דאַרף אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן". אויב וולאַדימיר איליטש האָט זיך

נישט שטאַרק געערגערט, וואָס זיין שטאַנדפּונקט איז מיטן קנאַק דורכגעפאַלן אויפן צוזאַמענפאָר, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע וועט ראַדיקאַל אויסהיילן די פּאַרטיי פון דער קראַנקייט — נישט אַריינצונעמען קיין אַרבעטער.

און נאָך איינע אַ וויכטיקע פראַגע איז געשטאַנען אויפן צוזאַמענפאָר וועגן פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע.

איך געדענק, ווי צו אונדז קיין זשענעווע איז געקומען צופאָרן אַ מיידל פון אָדעס און זיך באַקלאָגט: „די אַרבעטער שטעלן אַרויס דעם קאָמיטעט אוממעגלעכע פאָדערונגען: זיי ווילן מיר זאָלן זיי געבן פּראָפּאַגאַנדע. איז עס דען מעגלעך? מיר קענען זיי געבן נאָר אַגיטאַציע.

די מעלדונג פונם אָדעסער מיידל האָט אויף איליטשן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס איז געווען אַ מין אַריינפיר צו אַ דיסקוסיע וועגן פּראָפּאַגאַנדע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן (דערפון האָבן אויך גערעדט זעמליאַטשקאַ, מיכאַ צכקאַיאַ און דעסניצקי), אַז די אַלטע פּראָפּאַגאַנדע-פאָרמען זענען אָפּגעשטאָרבן און די פּראָפּאַגאַנדע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַגיטאַציע. מיטן ריזיקן וווּקס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט די וואָרט-פּראָפּאַגאַנדע און בכלל די אַגיטאַציע נישט געקענט צופרידנשטעלן די נויטבאַדערפענישן פון דער באַוועגונג. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ פּאָפּולערע ליטעראַטור, אַ פּאָפּולערע צייטונג, אַ ליטעראַטור פאַר די פּויערים און פאַר נאַציאָנאַליטעטן, וואָס רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן.

דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט הונדערטער נייע פראַגן, וועלכע מען האָט נישט געקענט לייזן אין די ראַמען פון דער פריערדיקער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. מען האָט זיי געקענט לייזן, אַרויסגעבנדיק אַ טעגלעכע צייטונג אין רוסלאַנד, גרינדנדיק אַ לעגאַלן פאַרלאַג. פאַרלויפיק האָט מען נאָך נישט געהאַט אויסגעקעמפט די פרייהייט פון געדרוקטן וואָרט. מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין רוסלאַנד אַן אומלעגאַלע צייטונג, אָרגאַניזירן אַ גרופּע ליטעראַטן, וואָס זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט

דער פּאָפּולערער צייטונג. אָבער ס'איז קלאָר, אַז דאָס זענען געווען בלויז פּאַליאַטיוון.

אויפן צוזאַמענפאָר האָט מען נישט קנאַפּ גערעדט וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס פלאַקערט זיך פאַנאַנדער. ס'זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן די געשעענישן אין פּוילן און אויף קאַווקאַז. „די באַוועגונג פאַרברייטערט זיך, — האָט דערציילט אַן אוראַלער דעלעגאַט, — ס'איז שוין צייט אויפצוהערן צו קוקן אויפן אוראַל, ווי אויף אַן אָפּגעשטאַנען, פאַרשלאָפן לאַנד, וואָס איז נישט פעיק זיך צו רירן פון אָרט. דער פּאָליטישער שטרייק אין ליסווע, די צאָלרייכע שטרייקן אויף פאַרשידענע פאַבריקן, די פאַרשידענע סימנים פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג, ביז צום אַגראַרער- און פאַבריק-טעראָר אין פאַרשידענע פאָרמען פון דראָבנע און סטיכישע דעמאָנסטראַציעס, — דאָס אַלץ האָט באַוויזן, אַז דער אוראַל שטייט פאַר גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. מען האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דידאָזיקע באַוועגונג אויפן אוראַל וועט אָננעמען אַ פאָרם פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער אוראַל איז געווען דאָס ערשטע אָרט, ווו אַרבעטער האָבן באַנוצט באָמבעס, אַרויסגעשטעלט אַפילו האַרמאַטן (אויף וואָטקינער פאַבריק). חברים, פאַרגעסט נישט וועגן אוראַל!"

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז וולאַדימיר איליטש האָט לאַנג געשמועסט מיטן אוראַלער דעלעגאַט.

אָבער הויפּטזעכלעך האָט דער 3טער צוזאַמענפאָר ריכטיק באַצייכנט די ליניע פון קאַמף. די מענשעוויקעס האָבן דיזעלבע פראַגן געלייזט אויף אַן אַנדער אופן. דעם פּרינציפּיעלן אונטערשייד צווישן די רעזאָלוציעס פונם 3טן צוזאַמענפאָר און די רעזאָלוציעס פון דער מענשעוויסטישער קאָנפערענץ, האָט וולאַדימיר איליטש באַלויכטן אין דער בראָשור: „צוויי סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טאַקטיקן אין אַ דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע".

מיר זענען געקומען צוריק קיין זשענעווע. איך בין אַריין אין דער קאָמיסיע צו רעדאַגירן די פּראָטאָקאָלן פונם צוזאַמענפאָר צוזאַמען מיט קאַמסקין און אָרלאָווסקין. קאַמסקי איז אַוועק-

געפֿאָרן. אָרלאָווסקי איז געווען שטאַרק באַשעפּטיקט. אין זשענעווע, וווהין ס׳זענען נאָכן צוזאַמענפֿאָר געקומען צופֿאָרן אַ סך דעלעגאַטן, האָט מען אָרגאַניזירט אַ קאָמיסיע נאָכצושטימען די פּראָטאָקאָלן. אין יענע צייטן זענען נישט געווען קיין שום סטענאָגראַפֿיסטקעס, קיין שום ספּעציעלע סעקרעטאַרן, — דעם פּראָטאָקאָל האָבן איינער נאָכן צווייטן געשריבן צוויי מיטגלידער פֿונם צוזאַמענפֿאָר, איבערגעבנדיק אים נאָכדעם מיר. נישט אַלע מיטגלידער פֿונם צוזאַמענפֿאָר זענען געווען גוטע סעקרעטאַרן. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר איז געווען אוממעגלעך איבערצולייענען די פּראָטאָקאָלן. אין זשענעווע, אין לעפּעשינסקיס גאָרקיך, האָט מען נאָכגעשטימט די פּראָטאָקאָלן צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער דעלעגאַט האָט איינגעפֿונען, אַז זיין געדאַנק איז נישט ריכטיק פֿאַרשריבן געוואָרן, און האָט געוואָלט עפּעס אַריינשטעלן. אַריינשטעלן זאַצן האָט מען נישט דערלויבט, אָבער אויסבעסערונגען האָט מען געקענט מאַכן ערשט דעמאָלט, ווען די איבעריקע דעלעגאַטן האָבן אָנערקענט, אַז די אויסבעסערונג איז אַ גערעכטע. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. ס׳זענען פֿאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן. סקריפּניק (שטשעגלסקי), למשל, האָט געפֿאָדערט מען זאָל אים אַרויסגעבן די פּראָטאָקאָלן אין שטוב אַריין, און ווען מען האָט אים דערוויזן, אַז ס׳וואָלט אויסגעקומען אַרויסצוגעבן אַלע פּראָטאָקאָלן יעדן איינעם און אַז פֿון די פּראָטאָקאָלן וואָלט גאָרנישט פֿאַרבליבן, האָט זיך סקריפּניק אויפֿגערעגט און מיט געדרוקטע אותיות אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט אין צ.־ק., פֿאַרוואָס מען וויל אים נישט אַרויסגעבן דעם פּראָטאָקאָל.

ווען מען האָט פֿאַרענדיקט דאָס איבערשרייבן, איז ביי אָרלאָווסקין נישט ווייניק צייט אַוועק אויף דער רעדאַקציע פֿון די פּראָטאָקאָלן.

אין יולי זענען אָנגעקומען די ערשטע פּראָטאָקאָלן פֿון דער זיצונג פֿונם נייעם צ.־ק. אין זיי האָט זיך געשריבן דערפֿון, אַז די רוסישע מענשעוויקעס זענען נישט איינשטימיק מיט

דער „איסקראַ", אַז זיי גייען דורכפירן אַ באָיקאָט, און הגם דער צ. ק. האָט געפירט אַ דיסקוסיע וועגן דער פראַגע — אונטערצוהאַלטן די פויערים־באַוועגונג, האָט דער צ.־ק. נאָך פאָרלויפיק קיין שום שריט נישט פאָרגענומען, כל־זמן ער האָט זיך נישט מיישב געווען מיט די אַגראַנאָמען.

דער בריוו איז געווען זייער קאַרג. דער צווייטער בריוו וועגן דער אַרבעט פונם צ. ק. איז געווען נאָך קאַרגער.

איליטש האָט זיך שטאַרק דענערווירט. אָפּגעפרישט זיך אויפן צוזאַמענפאָר מיט דער רוסישער אַטמאָספער, איז נאָכדעם געווען אַ סך שווערער זיך צו באַגיין אָן דער רוסישער אַרבעט.

אין אַ בריוו צום צ. ק., האָט וולאַדימיר איליטש אינמיטן אויגוסט איינגערעדט דעם צ. ק., ער זאָל „אויפהערן צו זיין שטום", מען זאָל צווישן זיך אַליין נישט פירן קיין דיסקוסיעס וועגן קיין שום פראַגן. „דער צ. ק. האָט עפּעס אַן אינערלעכן דעפעקט", — האָט ער געשריבן צו די רוסישע צעקיסטן.

אין די וויטערדיקע בריוו זידלט ער זיך שטאַרק דערפאַר, וואָס מען פירט נישט אויס דעם באַשלוס — רעגלמעסיק צו אינפאָרמירן דעם צ. אָ.

אין סעפּטעמבער-בריוו צו „אויגוסטן", שרייבט איליטש: „דערוואַרטן זיך אויף פולער סאָלידאַריטעט מיטן צ. ק. אָדער מיט זיינע אַגענטן — איז אַן אוטאָפּיע. ס'איז נישט קיין קרייז, נאָר אַ פּאַרטיי, מיין ליבער פריינט!" ענטפערנדיק אין דעמזעלבן בריוו אויף דער אויפגערעגטער מעלדונג, אַז אונדזערע חברים דרוקן טראָצקיס בלעטלעך, שרייבט איליטש: „...מען דרוקט טראָצקיס בלעטלעך... ס'איז קיין שום בייז, אויב די בלעטלעך זענען נישט שלעכט און אויסגעבעסערט!"

אינם בריוו צו גוסעוון פון 13טן אָקטאָבער 1905 ווייזט ער אָן, אַז זייט ביי זייט מיט די הכנות צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, דאַרף מען אויך פירן אַ פּראָפעסיאָנעלן קאַמף,

אָבער פירן דאַרף מען דעמדאָזיקן קאַמף אין באָלשעוויסטישן גייסט, געבנדיק אויך דאָ אַ שלאַכט די מענשעוויקעס.

• • •

אויפן זשענעווער האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן פּאָרזאָגער פון פרייען געדרוקטן וואָרט. ס'האָבן זיך באַוויזן פאַרלעגער, וועלכע האָבן כּסדר פאָרגעלייגט לענאַל אַרויסצוגעבן די בראָ־שורן, וואָס זענען אומלעגאַל דערשינען אין אויסלאַנד. דער אָדעסער „בורעוועסטניק", דער פאַרלאַג מאַליך און אַנדערע — האָבן פאָרגעלייגט זייער דינסט.

דער צ. ק. האָט פאָרגעלייגט זיך אָפּצוהאַלטן פון וועלכע עס איז אָפּמאַכן, ווייל ער האָט געטראַכט צו שאַפן אַן איי־נעם פאַרלאַג.

אָנהייב אָקטאָבער איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן אי־ליטשעס נסיעה קיין פינלאַנד, ווו ער האָט זיך געדאַרפט צו־נויפטרעפן מיטן צ.־ק., אָבער די געשעענישן האָבן אַוועקגע־שטעלט די פראַגע גאַנץ אַנדערש: וולאַדימיר איליטש זאָל פאָרן קיין רוסלאַנד. מיר איז נאָך אויסגעקומען אויף עטלעכע וואָכן צו פאַרבלייבן אין זשענעווע, כּדי צו ליקווידירן פאַר־שידענע זאַכן. צוזאַמען מיט איליטשן האָבן מיר פאַנאַנדערגע־קליבן זיינע פאַפּירן און בריוו, פאַנאַנדערגעלייגט זיי אין קאָנ־ווערטן און איליטש אַליין האָט אונטערגעשריבן יעדן קאָנווערט. נאָכדעם האָבן מיר אַלץ אַריינגעלייגט אין אַ טשעמאָדאַן און אים אַוועקגעגעבן אויף שמירה צום חבר קאַרפּינסקי, דאַכט זיך מיר. דערדאָזיקער טשעמאָדאַן איז איינגעהיט געוואָרן און ערשט נאָך איליטשעס טויט האָט מען אים געבראַכט אין לע־נינס אינסטיטוט. אין טשעמאָדאַן זענען געווען אַ סך דאָקו־מענטן און בריוו, וואָס שפּיגלען אָפּ בולט די געשיכטע פון דער פּאַרטיי.

אין סעפּטעמבער האָט איליטש געשריבן דעם צ.־ק.:

„איך גיב אייך צו וויסן, וואָס מען שמועסט דאָ וועגן

פליעכאַנאָוון. ער איז ביז אויף אונדז צוליב דער אַנטפּלעקונג פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ. ער זידלט זיך ווי אַ שוסטער אינם צווייטן נומער „סאָציאַל-דעמאָקראַטישער טאָגבוך". איינער רעדט דאָ וועגן זיין ציטונג, דער צווייטער וועגן זיין צוריק-קער אין דער „איסקראַ". דער אויספיר: מען דאַרף פאַרשטאַרקן דעם אומצוטרוי צו אים".

דעם 8טן אָקטאָבער שרייבט ער ווידער: „כ'בעט אייך זייער איצט לגמרי אָוועקוואַרפן דעם געדאַנק וועגן פּלעכאַנאָוון און באַשטימען אַן אייגענעם באַלשעוויסטישן אָרלאָווסקין".

אָבער ווען ס'זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז ס'האָט זיך דאָ אין רוסלאַנד געשאַפן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ טעג-לעכע צייטונג, ווען איליטש האָט זיך שוין געקליבן פאָרן, האָט ער אָנגעשריבן פּלעכאַנאָוון אַ הייסן בריוו, רופנדיק פּלעכאַ-נאָוון מיטצואַרבעטן אין דער צייטונג. „די טאַקטישע חלוקי-דעות וועט די רעוואָלוציע אַליין שנעל אָפּווישן. דאָס אַלץ שאַפט אַ באָדן, אויף וועלכן ס'וועט זיין לייכט צו פאַרגעסן דאָס אַלטע און צונויפלעבן זיך מיט דאָס לעבעדיקע..." ענד-לעך האָט איליטש געבעטן פּלעכאַנאָוון וועגן אַ זעונג. כ'געדענק נישט, צי די זעונג איז פאָרגעקומען. זיכער נישט, ווייל אַזאַ פאַקט וואָלט נישט פאַרגעסן געוואָרן.

אין 1905 איז פּלעכאַנאָוו קיין רוסלאַנד נישט געפאָרן.

דעם 26טן אָקטאָבער שמועסט זיך איליטש דורך אויס-פירלעך אין אַ בריוו וועגן זיין קומען קיין רוסלאַנד. „כ'לעבן, אַ גוטע רעוואָלוציע איז ביי אונדז אין רוסלאַנד!" — שרייבט ער אַהין. און, ענטפערנדיק אויף דער פראַגע וועגן דעם טער-מין פונם אויפשטאַנד, זאָגט ער: „איך וואָלט אָפּגעשטעלט דעם אויפשטאַנד ביז פרילינג. אָבער סיי ווי סיי פרעגט מען זיך ביי אונדז נישט".

דאָס פינפטע יאָר

אין פעטערבורג

מען האָט אָפּגעשמועסט, אַז פון שטאָקהאָלם וועט קומען אַ מענטש און ברענגען פאַר וולאַדימיר איליטשן דאָקומענטן אויף אַ פרעמדן נאָמען, מיט וועלכע ער זאָל קענען אַריבערפאָרן די גרענעץ און באַזעצן זיך אין פעטערבורג. דער מענטש האָט אָבער געהאַלטן אין איין פאָרן און איליטש אין איין וואַרטן, בעת אין רוסלאַנד איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. צוויי וואָכן איז ער אָפּגעזעסן אין שטאָקהאָלם און קיין רוסלאַנד איז ער געקומען אָנהייב נאָוועמבער. איך בין געקומען נאָך אים אין אַ טאָג צען אַרום, איינאָרדענענדיק צוערשט מיינע ענינים אין זשענעווע. צו מיר האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ שפּיאָן, וועלכער איז אַרויף נאָך מיר אויף דער שיף, און שפּעטער אין צוג, וואָס איז געגאַנגען פון כאַנגאָ קיין העלסינגפאָרס. אין פינלאַנד איז שוין די רעוואָלוציע געווען אין פולן ברען. איך האָב געוואָלט געבן אַ טעלעגראַמע קיין פעטערבורג, אָבער די שמייכלענדיקע, פריילעכע פינקע האָט געענטפערט, אַז קיין טעלעגראַמע קען זי נישט אָננעמען, ווייל ס׳איז אַ פּאָסט־טעלעגראַף־שטרייק. אין די וואַגאָנעס האָט מען הויך גערעדט; איך האָב זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט אַ פינישן אַקטיוויסט, וועלכער האָט גערעדט דייטש. ער האָט געשילדערט די דערפאָלגן פון דער רעוואָלוציע. „אַלע

שפיקעס — האָט ער געזאָגט — האָבן מיר אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין תפיסה". מיין בליק איז געפאַלן אויפן שפּיק, וואָס האָט מיך באַגלייט. „עס וועלן אַנדערע קומען צופאָרן",— האָב איך געזאָגט מיט אַ שמייכל, אָנצילנדיק די אויגן אויף מיין באַגלייטער. דער פין האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס איך מיין. „אָך, — האָט דער פין אויסגערופן, — אויב איר וועט עמעצן באמערקן, ווייזט אונדז אָן אויף אים, וועלן מיר אים תיכף ארעסטירן!" מיר פאָרן צו צו אַ קליינער סטאַנציע. דער שפּיק איז אויפגעשטאַנען און אראָפּ אויף אַ סטאנציע, ווו דער צוג האָט זיך אויפגעהאַלטן בלויז איין מינוט. מער האָב איך אים שוין נישט אָנגעזען...

כמעט פיר יאָר האָב איך געוווינט אין אויסלאַנד, ווו איך האָב זיך שטערבלעך פארבענקט נאָך פּעטערבורג. איך האָב געוווסט, אַז אין פּעטערבורג האָט זיך איצט געקאָכט. אָבער די שטילקייט פונם פינלענדישן וואָקזאַל, ווו איך בין אראָפּ פון צוג, איז געווען אזא ווידערשפּרוך מיט מיינע געדאנקען וועגן פּעטערבורג, וועגן דער רעוואָלוציע, אַז מיר האָט זיך פלוצלונג אויסגעדאכט, אַז איך בין אראָפּ פון צוג נישט אין פּעטערבורג, נאָר אין פאַרגאָלאָוו.

אַ פארצווייפלטע, האָב איך זיך געווענדעט צו איינעם פון די קוטשערס און אים געפרעגט: „וואָס איז עס פאַראַ סטאַנציע?" יענער האָט אָפּגעטראָטן עטלעכע טריט אויף צו-ריק, האָט מיך באטראכט מיט אַ חוזק־בליק און, מיט די הענט אויף די לענדן, האָט ער אָפּגעענטפערט: „נישט קיין סטאַנציע, נאָר די שטאָט סאַנקט־פּעטערבורג".

אויפן וואָקזאַל האָט מיך באַגעגנט פּיאָטר פּעטראָוויטש רומיאַנצעוו. ער האָט מיר דערציילט, אז וולאדימיר איליטש וווינט ביי זיי, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן ערגעץ אויף די „פּיאַסקעס".

פּיאָטר פּעטראָוויטש רומיאַנצעוון האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אויף שעלגונאָווס לוויה; דעמאָלט איז ער געווען אַ יינגער יאַט מיט אַ געקרייזלטער קוטשמע — איז געגאַנגען

פאַרויס דער דעמאָנסטראַציע און געזונגען. אין 1896 האָב איך אים באַגעגנט אין פּאָלטאַווע, ווען ער איז נאָר וואָס אַרויס פון תּפיסה, איז געווען בלאַס און נערוועז. ער איז דעמאָלט געשטאַנען אין צענטער פון דער פּאָלטאַווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין שכל, האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען און געווען אַ זעלטענער חבר.

נאָכדעם איז ער געזעסן אין „קרעסטי“, און פון תּפיסה האָט ער איבערגעגעבן פאַרשידענע שליחותן.

אין 1900 האָב איך אים געזען אין אופע, ווען ער איז געקומען צופאָרן פון סאַמאַרע און האָט געהאַט אַן אַנטטוישטן, אָפּגעמאַטערטן אויסזען.

אין 1905 האָט ער זיך ווידער באַוויזן אויפן האָריזאָנט. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ליטעראַט, אַ מענטש מיט אַ לאַגע, מיט אַ בייכל און מיט אַ ווילעריזשער האַלטונג, אָבער אויף זיינע אַרויסטרעטונגען האָט ער גערעדט קלוג און צו דער זאַך. ער האָט זעלטן גוט דורכגעפירט די באָיקאָט־קאַמפּאַניע בנוגע שידלאָווסקיס קאָמיסיע, האָט זיך געהאַלטן ווי אַ פעסטער באָלשעוויק. קורץ נאָכן 3טן צוזאַמענפאָר האָט מען אים צוקאָאָפּטירט אין צ.־ק.

ער האָט געהאַט אַ גוטע, באַקוועמע דירה, און די ערשטע צייט האָט דאָרט איליטש געוווינט, נישט געמאָלדן.

וולאַדימיר איליטש האָט זיך תּמיד שלעכט געפילט אויף פרעמדע דירות; דאָס האָט אים געשטערט אין זיין אַרבעט. נאָך מיין אָנקומען האָט איליטש אָנגעהייבן צו יאָגן, מיר זאָלן זיך באַזעצן צוזאַמען, און מיר האָבן זיך באַזעצט אין מעבלירטע צימערן אויף נעווסקע, נישט געמאָלדן. איך געדענק, ווי מיר האָבן זיך דעמאָלט צונויפגערעדט מיט די דינסטמיידלעך, וועלכע האָבן מיר אויספירלעך דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין פּעטערבורג. איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, תּיכף איבערדערציילט איליטשן. איליטש האָט זיך גוט אָפּגערופן וועגן מיינע אויספאָרשונגס־פעיקייטן, און פון יענער צייט אָן בין איך געוואָרן זיין רעפּאָרטער. ווען מיר האָבן געוווינט אין

רוסלאַנד, האָב איך זיך געקענט פרייער באַוועגן ווי וולאַדימיר איליטש, ריידן מיט אַ גרעסערע צאָל מענטשן. לויט צוויי־דריי פּראַגן, וואָס איליטש האָט מיר געשטעלט, האָב איך שוין גע־וווּסט אין וואָס עס גייט אים און אָנגעשטרענגט מיינע אַלע כּוחות צו באַקומען פאַר אים די גענויסטע פּרטים. אפילו איצט קען איך זיך נישט באַפרייען פון דער רגילות: יעדן איינדרוק צו פאָרמולירן אין די געדאַנקען פאַר איליטשן.

שוין אויפן צווייטן טאָג האָב איך אין דעם הינזיכט אַ סך אויפגעטאָן. איך בין אַוועק זוכן פאַר אונדז אַ מקום־מקלט אויף דער טראָיצקער גאַס און, באַטראַכטנדיק אַ פּוסטע דירה, האָב איך זיך צונויפגערעדט מיטן שומר. לאַנג־לאַנג האָט ער צו מיר גערעדט וועגן דאָרף, וועגן פּריצים, וועגן דעם, אַז די ערד דאַרף אַריבערגיין צו די פּויערים.

בינו־לבינו האָבן מיר באַשלאָסן זיך לעגאַל צו באַזעצן. מאַריאַ איליניטשנאַ האָט אונדז איינגעאָרדנט ערגעץ אויפן גריכישן פּראָספּעקט, ביי באַקאַנטע. ווי נאָר מיר האָבן זיך געמאָלדן, האָבן אַ גאַנצע חבֿרה „שפּיקעס" אַרומגערינגלט אונ־דזער הויז. דער איבערגעשראָקענער באַלעבאָס איז נישט גע־שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, אַרומגעגאַנגען מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע, באַשליסנדיק אויפצונעמען די פּאָליצײַ מיט געווער אין די האַנט. „נו, זאָל אים דאָרט... צוליב גאָרנישט קען מען זיך אָנרייסן", — האָט איליטש געזאָגט. מיר האָבן זיך באַזעצט אומלעגאַל, יעדער באַזונדער. מיר האָט מען געגעבן אַ פּאַס־פּאָרט פון עפּעס אַ פּראַסקאָוויאַ יעוּגעניעוונאַ אָניעגינאַ, אויף וועלכן כ'האָב זיי גאַנצע צייט געוווינט. וולאַדימיר איליטש האָט עטלעכע מאָל געביטן די פּאַספּאָרטן.

ווען וולאַדימיר איליטש איז געקומען צופאָרן קיין רוס־לאַנד, איז שוין דאָרט דערשינען די לעגאַלע טעגלעכע צײַ־טונג „נאָוואַיאַ זשיזן". דער אַרויסגעבער איז געווען מאַריאַ פעדאָראָוונאַ אַנדרעעוואַ (גאָרקיס ווייב), דער רעדאַקטאָר איז געווען דער פּאָעט מינסקי; געגומען אָנטייל האָבן: גאָרקי, לע־אָניד אַנדרעעוו, טשיריקאָוו, באַלמאָנט, טעפי און אַנד. פון די

באַלשעוויקעס זענען דאָרט אַריין אַלס מיטאַרבעטער: באָגדאַ־נאָוו, רומיאַנצעוו, ראָזשקאָוו, גאָלדענבערג, אָרלאָווסקי, לונאַטשארסקי, באַזאַראָוו, קאַמעניעוו און אַנד. דער סעקרעטאַר פון דער „וואָלנאַ" און אנדערע באָלשעוויסטישע צייטונגען פון יענער צייט איז געווען דימיטרי איליטש לעשטשענקאָ, וועלכער האָט אויך געפירט די כראָניק, געווען קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט געגעבן ידיעות פון די דומע־זיצונגען א. אַז. וו. וולאַדימיר איליטשעס ערשטער אַרטיקל האָט זיך באַוויזן דעם 10טן נאָוועמבער. ער הייבט זיך אָן מיט דידאָזיקע ווערטער: „די באַדינגונגען פון אונדזער פּאַרטיי־טעטיקייט האָבן זיך געענדערט אויף אַ ראַדיקאַלן אופן. מען האָט געוווּנען פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פאַריינען און פון געדרוקטן וואָרט". און איליטש איילט זיך אויסצונוצן די נייע באַדינגונגען, כּדי תּיכּף, מיט דרייסטע שטריכן אָנצוּוואַרפן די גרונט־ליניעס פונם „נייעם קורס". דער קאָנספּיראַטיווער אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי דאַרף זיין אָפּגעהיט. זייט ביי זייט מיטן קאָנספּיראַטיוון אַפּאַראַט איז אומבאַדינגט נייטיק צו שאַפן נייע און נייע, אָפענע און האַלב־אָפענע, פּאַרטייאישע (און אָנגעהאָנגענע צו דער פּאַרטיי) אָרגאַניזאַציעס. מען דאַרף אַריינגיסן אין דער פּאַרטיי נייע אַרבעטער־כּוחות. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישקייט פונם אַרבעטער־קלאַס איז אינסטינקטיוו, סטיכיש, און די אַרבער צען־יעריקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען דידאָזיקע סטיכישקייט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין באַוווּסטזיניקייט. „אויפן 3טן צוזאַמענפאָר, — האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן אין די באַמערקונגען צו דעמדאָזיקן אַרטיקל — האָב איך אויסגעדריקט מיין ווונטש, אַז אין די קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי זאָלן זיין אַכט אַרבעטער אויף צוויי אינטעליגענטן. אַך, ווי פאַרעלטערט דערדאָזיקער ווונטש איז! איצט דאַרף מען פאַרלאַנגען, אַז אין די נייע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זאָל אויף איין מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ אויסקומען עטלעכע הונדערט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער". און ווענדנדיק זיך צו די

„קאָמיטעטניקעס", וואָס האָבן מורא געהאַט, די פּאַרטיי זאָל נישט צעשוומען ווערן אין די מאַסן, האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן: „חברים, שלאָגט אייך נישט אַריין אין קאָפּ קיין אומזיסטע מורא!" די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ דאַרף איצט גיין אין „פאָלק". איצט וועט זיך די איניציאַטיוו ביי די אַרבעטער אַזוי שטאַרקן, אַז מיר, נעכטיקע קאָנספּיראַטאָרן און קרייז-לייט וועלן דערשטוינט ווערן". נישט אויסטראַכטן גאָרמעס פאַר דער אָרגאַניזאַציע אויף נייע יסודות דאַרף איצט זיין אונדזער הויפּט-אויפגאַבע, נאָר פאַנאַנדערוויקלען די ברייטסטע און די סאַמע דרייסטע אַרבעט.

כדי אַוועקצושטעלן די אָרגאַניזאַציע אויף אַ נייעם יסוד, האָט זיך צו יענער צייט געפאָדערט אַ נייער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי.

אָט אַזאַ אינהאַלט האָט אומגעפער געהאַט איליטשעס ערשטער „לעגאַלער" אַרטיקל. (איבער דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי געז. ווערק, באַנד 8, ז. 381—373).

מיט די אַלטע „קרייזניקעס" (קרוזשקאָווניקעס) האָט מען געדאַרפט פירן אַ קאַמף, ווייל אומעטום האָט מען אַרויסגעזען זייער איינפלוס.

אין די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען בין איך אַוועקגעפאָרן היגטער די נעווער ראָגאַטקעס, וווּ ס'האָבן זיך פריער געפונען די אָוונט-זונטיקדיקע קורסן. איצט האָט מען שוין דאָרטן נישט געלערנט „געאָגראַפיע" און נישט נאַטורוויסנשאַפט, נאָר אין די קלאַסן, איבערגעפולט מיט אַרבעטער און אַרבעטערינס, איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט. די פּאַרטייאישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן געהאַלטן לעקציעס. איך געדענק איינע פון זיי. אַ יונגער פּראָפּאַגאַנדיסט האָט געגעבן אַ לעקציע לויט ענגעלסן אויף דער טעמע: „דער סאָציאַליזם און זיין אַנטוויקלונג פון אוטאָפּיע אין אַ לערע". די אַרבעטער זענען געזעסן שטיל, באַמיענדיק זיך צו פאַרייגענען דאָס, וואָס דער רעדנער האָט גערעדט. קיינער האָט קיין שום פראַגן נישט געשטעלט. אונטן האָבן אונדזערע פּאַרטייאישע מיידלעך איינגעאָרדנט

אַ קלוב פאַר די ארבעטער, האָבן פאַנאַנדערגעשטעלט גלעזער, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון שטאָט.

ווען איך האָב איליטשן איבערגעגעבן מיינע איינדרוקן, האָט ער פאַרטראַכטערייט געשוויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש: די אַרבעטער אַליין זאָלן אַרויסווייזן זייער טעטיקייט. מען קען נישט זאָגן, אַז די טעטיקייט זאָל נישט האָבן געווען, נאָר זי האָט זיך ערשט ארויסגעוויזן אויף די פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. די שטראָמען, איבער וועלכע ס׳איז געגאַנגען די פאַרטיי־אַרבעט און די זעלבסט־טעטיקייט פון די אַרבעטער האָבן זיך נישט געשלאָסן.

די אַרבעטער זענען געוואַלדיק אויסגעוואָקסן פאַר די צענדליקער יאָר. איך האָב עס יעדעס מאָל שטאַרק געפילט, בעת איך האָב באַגעגנט מיינע געוועזענע תּלמידים פון דער זונטיקדיקער שול. איינמאָל האָט מיך אויף דער גאַס אָפּגעשטעלט אַ בעקער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז מיינער אַ געוועזענער תּלמיד, דער „סאָציאַליסט באַקין״, וועלכער איז מיט 10 יאָר צוריק אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ אין זיין היימאַט, ווייל ער האָט זיך פאנאנדערגעטענהט מיטן אָנפירער פון מאַקסוועלס פאַבריק וועגן דעם, אַז אַריבערגייענדיק פון צוויי מיל אויף דריי, שטייגט די „אַרבעט־אינטענסיוויקייט״. איצט איז ער געווען אַ פולשטענדיק־באוווסטזיניקער סאָציאַל־דעמאָקראַט, און מיר האָבן לאַנג געשמועסט וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן און ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם שטרייק פון די בעקער.

דער ערשטער איליטשעס אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט אָפּן געשריבן וועגן אַ פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועגן אַ קאָנספּיראַטיוון פאַרטיי־אַפּאַראַט, האָט פאַרוואַנדלט „דאָס נייע לעבן״ אין אַ פאַרטיי־אָרגאַן. ס׳איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די מינסקיס, באַלמאָנטס און אַנד. האָבן דאָרט מער נישט געקענט אַרבעטן. ס׳איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג, און די צייטונג איז אַריבער אין די הענט פון די באָלשעוויקעס. פון אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט איז די צייטונג אויך געוואָרן אַ פאַרטייאישע,

האָט אָנגעהייבן צו אַרבעטן אונטערן קאָנטראָל און אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

דער נעכסטער לענינס אַרטיקל אין „נייעם לעבן" איז געווען געווידמעט דער גרונט־פראַגע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום. נישט בלויז די באָלשעוויקעס האָבן נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע באַציונגען, נאָר אַפילו צווישן די באָלשעוויקעס איז נאָך געווען ביי עטלעכע חברים אַ געוויסער „אָפּגעשניטענער אָפּנייג".

דאָס אַרטיקל „פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום" איז געווען אַ דירעקטיוו־אַרטיקל, וואָס האָט געגעבן אַ דייטלעכן פּאַרטיי־לאָזונג: דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום קעמפט פאַר ערד און פרייהייט; צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער קעמפט ער פאַר סאָציאַליזם.

דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט האָבן אָנגעהייבן דורכצופירן די פאָרשטייער פון די באָלשעוויקעס אויך אינם ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האָט זיך געגרינדעט דעמאָלט, ווען וולאַדימיר איליטש איז נאָך געווען אין אויסלאַנד; דעם 13־טן אָקטאָבער איז ער אַנטשטאַנען ווי אַ קאַמפס־אָרגאַן פונם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט. איך געדענק נישט וולאַדימיר איליטשעס אַרויסטרעטונגען אינם ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן.*) איך געדענק איין פאַרזאַמלונג אין דער פרייער־עקאָנאָמישער געזעלשאַפט, ווו ס'האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פּאַרטיי־חברים, אָפּוואַרטנדיק וולאַדימיר

---

*) וולאַדימיר איליטש איז אַרויסגעטראָטן אויף דער זיבעטער זיצונג דעם 26.XI איבער דער פראַגע פונם לאָקאַוט, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן געמאָלדן אַלס תשובה די אַרבעטער פאַרן אַריינפירן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אויף די פאַבריקן. וולאַדימיר איליטשעס פאָרגעלייגטע רעזאָלוציע ווערט אויפן צווייטן טאָג אָנגענומען אויף דער זיצונג פונם „אי—ק ס—ר—ד" (געז. ווערק 2טע אויפלאַגע VIII זייט 553) — רעד.

איליטשעס אַרויסטריט. איליטש האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער אַגראַר־פראַגע. דאָרט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט אַלעקסינסקין. כמעט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג, האָט זיך צונויפגעמישט אין מיין זכרון. עס שוועבט פאַר מיינע אויגן אַ גראָע טיר, דורך וועלכער וולאַדימיר איליטש האָט זיך דורכגעשלויכט. די איבעריקע חברים וועלן זיך דערפון בעסער דערמאָנען. איך געדענק בלויז, אַז דידאָזיקע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער, אַז אויף איר איז געווען וולאַדימיר איוואַנאָוויטש נעווסקי.

דאָס, וואָס די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפוטאַטן זענען געווען קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פון אַן אויפשטייענדיקן פאָלק, האָט וולאַדימיר איליטש תיכף באַצייכנט אין זיינע נאָוועמבער־אַרטיקלען. ער האָט נאָך דעמאָלט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג קען אויסוואַקסן בלויז אינם פייער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי דאַרף מיט אַלע כוחות שטרעבן צו פאַרזיכערן איר איינפלוס אין די ראַטן פון די אַרבעטער־דעפוטאַטן.

צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָב איך מיט איליטשן נישט געוווינט צוזאַמען. ער האָט גאַנצע טעג געאַרבעט אין דער רעדאַקציע, וועלכע האָט פונקציאָנירט נישט בלויז אין לאָקאַל פונם „נייעם לעבן", נאָר אויך אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה, אָדער אין דער וווינונג פון דמיטרי איליטש לאָשטשענקאָ, אויף גלאַזאָווער גאַס. אָבער אין קאָנספּיראַטיוון זין איז נישט געווען אַזוי שטאַרק באַקוועם אַהינצוקומען, דעריבער האָט מען זיך באַגעגנט אין דער רעדאַקציע „נייע לעבן". אין דער רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן" איז אָבער איליטש תמיד געווען פאַרנומען. ערשט דעמאָלט, ווען וולאַדימיר איליטש האָט זיך באַזעצט אויף אַ גוטן פּאַספּאָרט, אויפן ראָג באַסיינע און נאַדעזשדינסקי, האָב איך געקענט צו אים קומען. אַריינ־

קומען האָט מען געדאַרפט דורך דער קיך,ריידן אינדערשטיל, אָבער דאָך האָט מען געקענט שמועסן וועגן אַלץ.

פון דאָרט האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין מאָסקווע. תיכּף נאָך זיין קומען בין איך אַריין צו אים. איך האָב געשטוינט פון די מחנות געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע. „פאַרוואָס האָט מען נאָך דיר אָנגעהייבן אַזוי נאָכצושפּירן״,—האָב איך זיך געפרעגט ביי אילייטשן. נאָך זיין צוריקקער איז ער נאָך נישט געווען אויף דער גאַס און האָט דערפון נישט געוווּסט. ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס ס׳טוט זיך אין זיין טשעמאָדאַן, האָב איך זיך דאָרט פּלוצלונג אָנגעשטויסן אויף אַ פּאָר גרויסע קיילעכדיקע בלויע ברילן. „וואָס איז עס?״ ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין מאָסקווע האָט מען וולאַדימיר אילייטשן אויסגעפּוצט אין ברילן, פאַרזען אים מיט אַ געל פינלענדיש קעסטל און אין דער לעצטער מינוט אים אַריינגעזעצט אין אַן עקספּרעס־צוג. אַלע פּאָליציייאישע נאָכשפּירער האָבן זיך נאָך אים אַ לאָז געטאָן, אָננעמענדיק אים מסתּם פאַר אַן עקספּראָפּריאַטאָר. מען האָט געדאַרפט וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן. מיר זענען אַרויס געאָרעמט, ווי קיינמאָל גאָרנישט, זיך געלאָזט אין אַ צווייטער ריכטונג, איבערגעביטן דריי דראָשקעס, דורכגעשפּרייזט דורך אַ דורכגאַנגס־הויף און געקומען צופאָרן צו רומיאַנצעוון ריין פון „שפּיקעס״. אויף אַ נאַכטלעגער זענען מיר, דאַכט זיך, אַוועק צו דער פאַמיליע וויטמער, מיינע אַלטע באַקאַנטע. מיר זענען אויף אַ דראָשקע פאַרבייגעפאָרן לעבן דעם הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט וולאַדימיר אילייטש. די געהיים־אַגענטן זענען כּסדר געשטאַנען. אויף דערדאָזיקער דירה האָט זיך וולאַדימיר אילייטש מער נישט צוריקגעקערט. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר אַוועקגעשיקט אַ מיידל נאָך די זאַכן, וועלכע האָט גלייכצייטיק באַצאָלט דער באַלעבאָסטע.

אין יענער צייט בין איך געווען דער סעקרעטאַר פונם צ.ק., ווו איך האָב געאַרבעט מיט לייב און זעל. דער צווייטער סעקרעטאַר איז געווען מיכאַיל סערגעעוויטש וויינשטיין.

מיין געהילף איז געווען סאָפיאַ רודאָלפאָוונאַ מענזשינסקאַיאַ. אָט אַזוי האָט אויסגעקוקט דער סעקרעטאַריאַט. מיכאַיל סער־געעוויטש האָט ס'רוב אָנגעפירט מיט דער מיליטערישער אָר־גאַניזאַציע, איז געווען תּמיד פאַרנומען מיט ניקיטישעס (ל.ב. קראַסינס) שליחותן. איך האָב אָנגעפירט מיט די מעלדונגען, צונויפגעבונדן קאָמיטעטן, מענטשן. איצט איז זיך שווער פאָר־צושטעלן ס'אַראַ פּאַראיינפאַכטע טעכניק דער סעקרעטאַריאַט פונם צ.ק. האָט דעמאָלט געהאַט. לויט ווי איך געדענק, זענען מיר אויף די זיצונגען פון צ. ק. נישט געווען, קיינער האָט מיט אונדז „נישט אָנגעפירט", קיין שום פּראָטאָקאָלן האָבן זיך נישט געפירט. אין קעסטעלעך פון שוועבעלעך, אין איינבאַנדן זענען געלעגן שיפרירטע אַדרעסן. מען האָט אַלץ געהאַט אויפן קאָפּ. מחנות מענטשן האָבן זיך צו אונדז געשאָטן פון אַלע זייטן. מיר האָבן פאַר זיי געטאָן וואָס מיר האָבן געקענט. מיר האָבן זיי פאַרזען מיט ליטעראַטור, פּאַספּאָרטן, אינסטרוקציעס, עצות. איצט קען מען זיך נישט פאָרשטעלן, וויאַזוי מען האָט דעמאָלט אַלץ אָפּגעטאָן, וויאַזוי מען האָט געגעבן פאַראָרדע־נונגען, און געלעבט ווי פרייע פויגל. באַגעגענענדיק זיך מיט וולאַדימיר איליטשן, פלעג איך אים געוויינלעך דערציילן וועגן אַלץ. די וויכטיקערע חברים, די וויכטיקערע ענינים האָט מען אוממיטלבאַר אָפּגעשיקט צו די צ.קיסטן.

דער פּאָרויסגעזעענער צוזאמענשטויס מיט דער רעגירונג האָט זיך דערנענטערט. איליטש האָט אָפן געשריבן אינם „נייעם לעבן" וועגן דעם, אַז די ארמיי קען נישט און דאַרף נישט פאַרבלייבן נייטראַל און האָט אויך געשריבן וועגן דער אַלגע־מיינער פּאָלקס־באַוואָפענונג. דעם 26טן נאָוועמבער איז אַרעס־טירט געוואָרן כרוסטאַליעוו-נאָסאַר. אין דער שפּיץ פון ס.ר.ד. איז געשטאַנען טראָצקי. דעם 2טן דעצעמבער האָט דער ס.ר.ד. אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט מיט אַן אויפרוף — אָפּצוזאָגן זיך צו צאָלן פאַרשידענע שטייערן. פאַרן אָפּדרוקן דעמדאָזיקן מאַ־ניפעסט האָט מען דעם 3טן דעצעמבער פאַרמאכט אַכט צײ־טונגען, צווישן זיי אויך „דאָס נייע לעבן". ווען איך בין דעם

זטן, ווי געוויינלעך, אַוועק זיך „מעלדן" אין דער רעדאַקציע, אָנגעלאָדן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, האָט מיך ביים צו־פּאָר אָפּגעשטעלט אַ צייטונגס־טרעגער. „די צייטונג „נאָוואָע וורעמיאַ" — האָט ער אויסגעשריגן אויפן קול און צווישן צוויי אויסרופן האָט ער אינדערשטיל געוואָרנט: „אין רעדאַקציע גייט אַ רעוויזיע!" צוליב דעמדאָזיקן פאַל האָט וולאַדימיר איליטש אַרויסגעדרונגען, אַז „דאָס פאָלק איז מיט אונדז".

אָנהייב דעצעמבער איז פאָרגעקומען די טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ. ס'אַראַ שאָד, וואָס מען האָט נישט פאַרהיט די פּראָטאָקאָלן פון יענער קאָנפערענץ! ס'אַרא דערהייבענע שטימונג ס'איז דעמאָלט געווען! ס'איז געווען דער סאַמער ברען פון דער רעוואָלוציע, יעדער חבר איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, אַלע זענען געווען גרייט צום קאַמף. אויף די הפסקות האָט מען זיך געלערנט שיסן. איינמאָל אינאָוונט זענען מיר געווען אויף אַ פינישער מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביים ליכט פון שטורקאַצן, און די פייערלעכקייט פון דערדאָזיקער פארזאמלונג האָט פול־שטענדיק אנטשפּראָכן די שטימונג פון די דעלעגאַטן. איך גלויב נישט, אַז עמעצער פון די דעלעגאַטן אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ זאָל האָבן ווען איר פאַרגעסן. דאָרט זענען געווען: „לאָזאָווסקי, באַראַנסקי, יאַראָסלאַווסקי און א סך אַנדערע. ס'זענען מיר פארבליבן אין קאָפּ די נעמען פון דידאָזיקע חברים, ווייל זייערע „באַריכטן פון די ערטער" זענען געווען זייער אינטערעסאַנט.

אויף דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ, ווו ס'האָבן זיך אויפגעזאַמלט בלויז באָלשעוויקעס, איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע וועגן דער נויטווענדיקייט תיכף צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

אין מאָסקווע איז שוין דערדאָזיקער אויפשטאַנד געווען אין פולן גאַנג, דעריבער האָט די קאָנפערענץ לאַנג נישט גע־דויערט. אויב איך האָב קיין טעות נישט, זענען מיר אָנגעקו־מען ערב דער אָפּשיקונג פון סעמיאָנאָווער פולק קיין מאָסקווע.

ביי מיר אין זכרון איז, לפּחות. פאַרבליבן אַזאַ מין סצענע. נישט ווייט פון דער טראַיצקער צערקווע גייט אַ זעלנער, אַ סעמיאָנאָוויעץ, מיט אַ פאַרטרויערט פּנים. און זייט ביי זייט מיט אים שפּרייזט מיט אַ היטל אין דער האַנט אַ יונגער אַרבעטער, בענטדיק זיך עפּעס ביים סעמיאָנאָוועץ.ביידע פּנימער זענען געווען אַזוי פיל מיט אויסדרוק, אַז ס'איז געווען קלאָר וועגן וואָס דער אַרבעטער האָט געבעטן דעם סעמיאָנאָוועץ — נישט אַרויסצוטרעטן קעגן די אַרבעטער. אָבער ס'איז אויך געווען קלאָר אַז דער סעמיאָנאָוועץ האָט דערויף נישט מסכּים געווען.

דער צ.-ק. האָט גערופן דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט צו שטיצן דעם אויפשטאַנד פונם מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט; אָבער צו קיין אייניהייטלעכן אַרויסטריט איז נישט געקומען. ס'איז, למשל, אַרויסגעטראָטן אַ מין גראָער ראַיאָן ווי דער מאָסקווער, און ס'איז נישט אַרויסגעטראָטן דער נעווער ראַיאָן. כ'געדענק, ווי ס'האָט מיט דער גרין און גאַל געבראָכן סטאַניסלאַוו וואָלסקי, וועלכער איז צו יענער צייט אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַגיטאַציע אין יענעם ראַיאָן. ער איז תּיכּף אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, ער האָט כמעט אָנגעהייבן צווייפלען אין דער רעוואָלוציאָנערישקייט פונם פּראָלעטאַריאַט. ער האָט נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז די פּעטערבורגער אַרבעטער זענען אָפּגעמאַטערט פון די פריערדיקע שטרייקן. נאָכמער, זיי האָבן געפילט, ווי שלעכט זיי זענען אָרגאַניזירט כּדי צו געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם צאַריזם, זיי האָבן געפילט, אַז זיי זענען שלעכט באַוואָפנט. און אַז די זאַך וועט דערפירן צו אַ קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט — דאָס האָט שוין באַוויזן מאָסקווע.

פעטערבורג און פינלאַנד

(1906—1907)

דער דעצעמבער-אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן. די רעגירונג האָט זיך אכזריותדיק אָפּגערעכנט מיט די רעוואָלוציאָנערן.

אין זיין אַרטיקל פון 4טן יאַנואַר 1906 („די ארבעטער-פּארטיי און אירע אויפגאַבן ביי דער מאָדערנער לאַגע"), האָט וולאַדימיר איליטש אָפּגעשאצט די געשאפענע לאַגע אויף אזא אופן: „דער בירגער-קריג קאָכט. דער פּאָליטישער שטרייק אַלס אַזעלכער הייבט אָן צו פאַרלירן די קראפט, גייט אַוועק אין עבר, ווי אַן אָפּגעלעבטע פאָרם פון דער באוועגונג. אין פּעטערבורג, למשל, זענען די אָפּגעשוואכטע ארבעטער נישט געווען אימשטאנד דורכצופירן דעם דעצעמבער-שטרייק. פון דער צווייטער זייט, האָט זיך די גאנצע באוועגונג בלי-ספק אויפגעהייבן אויף אַ העכערע מדרגה, הגם זי איז דעמאָלט געווען דערשטיקט פון דער רעאַקציע"... „דובאַסאָווס הארמאטן האָבן אויף אַ געוואַלטיקן אופן רעוואָלוציאָניזירט די נייע פאָלקס-מאַסן"... „וואָס וועט איצט זיין? לאָמיר קוקן דערווירקלעכקייט גלייך אין פנים אַריין. איצט שטייט פאָר אַ נייע אַרבעט, וואָס דאַרף פאראייגענען און איבעראַרבעטן דעם עקספּערימענט פון די לעצטע קאמפּס-פאָרמען, אַ צוגרייטונגס-אַרבעט אין די הויפּט-צענטערן פון דער באוועגונג". איליטשן האָט געקאָסט געזונט

די מאָסקווער מפּלה. מען האָט בולט אַרויסגעזען, אַז די אַר־בעטער זענען געווען שלעכט באַוואָפנט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ שוואַכע, אַז אפילו פּעטערבורג און מאָסקווע האָבן געהאַט אַ שלעכטן קאָנטאַקט. איך געדענק, ווי איליטש האָט אויסגעהאָרכט אַננאַ איליניטשנעס דערציילונג, וועגן איר באַגעגעניש אויפן מאָסקווער וואָקזאַל מיט אַן אַרבעטאָרערין, וואָס האָט פאַרגעוואָרפן די פּעטערבורגער: „אַ דאַנק אייך פּע־טערבורגער פאַר אייער אונטערשטיצונג: „איר האָט צוגעשיקט די סעמיאָנאָווצעס".

ס'איז אויסגעקומען אזוי, אַז וולאַדימיר איליטש האָט גראָד געגעבן אַ תּשובה אויף דעמדאָזיקן פאָרוואורף, ווייל ער האָט שפּעטער געשריבן: „דער רעגירונג וואָלט געווען שטאַרק אויף דער האַנט וואָס פריער צו דערשטיקן די איינצלנע אַרויס־טרעטונגען פון די פּראָלעטאַריער. די רעגירונג וואָלט געוואָלט תּיכּף אַרויסרופן די אַרבעטער צום קאַמף אויך אין פּעטערבורג ביי די ערגסטע באַדינגונגען פאַר זיי. אָבער די אַרבעטער וועלן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן און וועלן זיך קענען איינהאַלטן אויף זייער וועג, מיט דער הילף פון זעלבסטשטענדיקע הכנות צום צווייטן אַלרוסישן אַרויסטריט"

איליטש האָט געטראַכט, אַז פרילינג 1906 וועט זיך אויפ־הייבן דאָס פויערטום, און דאָס וועט זיך געוויס אָפּרופן אויף דער אַרמיי. ער האָט אזוי געזאָגט: „מען דאַרף דייטלעכער, פּראַקטישער אַוועקשטעלן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן פונם נייעם אַקטיוון אַרויסטריט. מען דאַרף זיך גרייטן צו אים מיט מער אויסגעהאַלטנקייט, מיט מער סיסטעמאַטישקייט און עקשנות. דערביי דאַרף מען שפּאָרן, ווי מעגלעך, די פּראָלעטאַרישע כּוחות, וואָס זענען אויסגעשעפּט פונם שטרייק־קאַמף".

„זאָל די אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן בולט פאַר אירע אויגן אירע אויפגאַבן. נידער מיט די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס. מען דאַרף זאַמלען פרישע כּוחות, וואָס זאָלן צושטיין צום פּראָלעטאַריאַט. מען דאַרף „זאַמלען דערפאַרונג" פון די צוויי גרויסע רעוואָלוציע־חדשים (נאָוועמבער, דעצעמבער). מען דאַרף

זיך ווידער צופּאַסן צו דער הערשנדיקער מאָנאַרכיע, מען דאַרף ווידער קענען אומעטום אַריינקריכן אין דער אונטערערד".

מיר פלעגן אַריינקריכן. מיר האָבן געוועבט נעצן פון דער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע. פון אַלע עקן רוסלאַנד זענען זיך אָנגעפאָרן חברים, מיט וועלכע מען האָט זיך צונויפגעשמועסט וועגן דער אַרבעט, וועגן דער ליניע, וואָס מען דאַרף דורכפירן. צוערשט פלעגט דער עולם קומען זיך מעלדן. דעם עולם פלעג איך מיט וועראַ רודאָלפאָוונען אויפנעמען, אָדער ס'פלעגט אויפנעמען מיכאַיל סערגעעוויטש. די נאָענטסטע בעסטע מענטשן פלעג איך צונויפפירן מיט וולאַדימיר איליטשן. וואָס שייך קאַמפּס-ענינים, פלעגט סערגעעוויטש איינאָרדענען זעונגען מיט ניקיטיטשן (קראַסינען). די זעונגען פלעגן פאָרקומען אויף פאַרשידענע ערטער: ביים ציין-דאָקטאָר דאָרע דווייערס (ערגעץ אויף נעווסקע), ביים ציין-דאָקטאָר לאַוורענטיעווע (אויף ניקאָלאַעווסקע), אין דער בוכהאנדלונג „וופּעריאָד" און ביי פאַרשידענע סימפּאַטיקער.

כ'געדענק צוויי עפּיזאָדן. איינמאָל האָב איך מיט וועראַ רודאָלפאָוונאַ מענזשינסקאַיאַ אָנגעהייבן אויפצונעמען געסט אויפן לאַגער פון „וופּעריאָד", ווו מען האָט אונדז געגעבן אַ באַזונדער צימער. צו אונדז איז געקומען עפּעס אַן אַרבעטער מיט אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס, דער צווייטער איז געזעסן און געוואַרט אויף זיין ריי, ווי מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און דעם פּריווסטאַווס קאָפּ האָט זיך אין איר באַוויזן. ער האָט אַ זאָג געטאָן „אַהאַ" און פאַרשלאָסן די טיר. וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? קריכן דורכן פענסטער האָט נישט געהאַט קיין זין; זענען מיר געזעסן און אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן. נאָכדעם האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרברענען די פּראָקלאַמאַציעס און די פאַרשידענע אומלעגאַלע ליטעראַטורן, וואָס מיר האָבן תיכף פאַרווירקלעכט. דעם פּריסטאַוו האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר זאַמלען פּאָפּולערע ליטעראַטור פאַרן דאָרף. דער פּריסטאַוו האָט אויף אונדז אַ קוק געטאָן מיט אַ געלעכטער, אָבער נישט אַרעסטירט. מען האָט פאַרשריבן אונדזערע

פאַמיליעס און אַדרעסן. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אויפגעגעבן פיקטיווע פאַמיליעס און אַדרעסן.

אַ צווייטן מאָל בין איך שיער נישט אַריינגעפאַלן, גייענדיק צום ערשטן מאָל אויף אַ „מעלדונג" צו לאַוורענטיעוון. אָנשטאָט נומער 32 האָט מען געגעבן נומער 33. איך גיי צו צו דער טיר און שטוין — די קאַרטע איז אַראָפּגעריסן. אַ מאָדנע קאָנספּיראַציע, טראַכט איך... די טיר האָט מיר אויפגעעפנט עפּעס אַ דענשטשיק (אָפיציר-דינער). איך, אָנגעלאָדן מיט פאַרשידענע שיפרירטע אַדרעסן און ליטעראַטור, פרעג גאַרנישט ביי אים און גיי גלייך איבערן קאָרידאָר. דער דענשטשיק גייט טריט ביי טריט נאָך מיר, בלאַס ווי קאַלך און ציטערנדיק פון שרעק. איך שטעל זיך אָפּ: „צי נעמט דער דאָקטאָר היינט נישט אָן? די ציין טוען מיר וויי". דער דענשטשיק ענטפערט, שטאַמלענדיק: „דער פּולקאָווניק איז נישטאָ אינדערהיים". וואָסער פּולקאָווניק? „פּולקאָווניק רימאַן". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין פאַרקראָכן אויף רימאַנס דירה, אַ פּולקאָווניק פון סעמיאָנאָווער פּולק, וועלכער האָט איינגעשטילט דעם מאָסקווער אויפשטאַנד און זיך אָפּגערעכנט מיט די אַרבעטער אויף מאָסקווע-קאַזאַנער אייזנבאַן.

ער האָט זיך, קענטיק, מורא געהאַט פאַר אַן אַטענטאַט, דעריבער איז געווען אַראָפּגעריסן די קאַרטע פון דער טיר. און צו אַזאַ מין פאַרשוין האָב איך זיך אַריינגעריסן אויף דער דירה און געפלויגן איבערן קאָרידאָר אומגעמאָלדן.

„הייסט עס, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, איך דאַרף גאָר האָבן צו אַ ציין-דאָקטאָר" — האָב איך געזאָגט און אַרויסגעגאַנגען.

איליטשן איז אויסגעקומען זיך צו וואַלגערן אויף פאַרשידענע נאַכטלעגערס. איבערהויפּט האָט ער זיך שלעכט געפילט, בעת אַ העפלעכע, ליבלעכע באַלעבאָסטע איז זיך מיט אים גוט באַגאַנגען. ער האָט ליב געהאַט צו אַרבעטן אין אַ ביבליאָטעק אָדער אינדערהיים, און דאָ פלעגט אים יעדעס מאָל אויסקומען זיך צוצופּאַסן צו נייע באַדינגונגען.

מיר פלעגן זיך באַגעגענען אין רעסטאָראַן „ווין"; אָבער אַזויווי דאָרט איז נישט געווען דאָס פּאַסיקע אָרט צו ריידן, פלעגן מיר אונטערזיצן אַביסל, נעמען אַ דראָשקע און אַוועקפאָרן אינם האָטעל אַנטקעגן ניקאָלאַעווער וואָקזאַל, פאַרנומען דאָרט אַ באַזונדער נומער און באַשטעלן אָוונטברויט. אַ סך מאָל פלעגן מיר אָפּריידן זיך צו באַגעגענען אויף דער גאַס און פון דאָרט פאָרן גלייך אין האָטעל. איינמאָל האָבן מיר אויף דער גאַס אָנגעטראָפן יוזעפן (דזשערזשינסקען). מיר האָבן אָפּגעשטעלט די דראָשקע און אים מיטגענומען מיט זיך. ער האָט זיך געזעצט אויף די קאָזלעס. איליטש האָט זיך שטאַרק געדאגהט, וואָס אים איז נישט גוט דאָרט צו זיצן; אָבער דזשערזשינסקי האָט געלאַכט און דערציילט, אַז ער איז אויסגעוואָקסן אין דאָרף און איז געוווינט צו פאָרן אויף קאָזלעס.

ענדלעך, איז איליטשן פּערמיאוסט געוואָרן צו וואַלגערן זיך אין פאַרשידענע ערטער, און מיר האָבן זיך באַזעצט אויף פאַנטעלעימאָנאָווער גאַס (אַ גרויס הויז אַנטקעגן דער פאַנטעלעימאָנאָווער צערקווע), ביי עפּעס אַ שוואַרץ-מאהדיקער באַלעבאָסטע.

וועגן איליטשעס אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו יענער צייט, געדענק איך די פאַרזאַמלונג פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון פאַרשידענע ראַיאָנען, וועלכע איז פאַרגעקומען ביי די קני-פּאָוויטשעס. איליטש האָט גערעדט וועגן דאָרף. כ'געדענק, ווי ס'האָט אים געשטעלט עפּעס אַ פראַגע ניקאָלאַי פון הינטער נעוו-סקער ראַגאַטקע. כ'געדענק, אַז ס'איז מיר דעמאָלט נישט געפעלן געוואָרן ניקאָלאַיס שאַבלאָן-פראַגע און זיין אַרט ריידן. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָב איך אויסגעפרעגט „דיאַדענקען", וועלכע איז געווען די אָרגאַניזאַטאָרקע פון הינטער נעווסקער ראַגאַטקע, וואָסער מין אַרבעטער ניקאָלאַי איז. זי האָט גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ טאַלאַנטפולן בחור, וואָס איז שטאַרק פאַרבונדן מיטן דאָרף, אָבער ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער קען נישט אַרבעטן סיסטעמאַטיש מיט דער מאַסע און פאַרעט זיך בלויז מיט אַ קליינער גרופּע אַרבעטער. אין 1906 יאָר איז ניקאָלאַי דאָך געווען

איינער פון די סאַמע אַקטיווע אַרבעטער. אין די יאָרן פון רע-אַקציע איז ער געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר, אָבער ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ניקאָלאַי האָט באַלאַנגט צו דער גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין אַלע שיכטן פון דער אָרעמער באַפעלקערונג. ער פלעגט גיין אין לינה-הייזער אויף אַגיטאַציע. דער חבר קרי-לענקאָ, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער היציקער בחור, איז אַריינגעפאַלן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון סעקטאַנטן, וועל-כע האָבן אים שיער נישט דערהרגעט. סערגעי וואָיטינסקי האָט זיך אויך תמיד געפּלאָנטערט אין פאַרשידענע געשיכטעס.

מען האָט איליטשן אָנגעהייבן נאָכצושפּירן. איינמאָל איז ער געווען אויף עפּעס אַ פאַרזאַמלונג (דוכט זיך ביים אַדוואָקאַט טשערעקול-קושאַ), ווו ער האָט געהאַלטן אַ פּאָרטראַג. מען האָט אים אָנגעהייבן אַזוי נאָכצושפּירן, אַז ער האָט באַשלאָסן נישט גיין צוריק אַהיים. איך בין אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביז אינ-דערפרי ביים פענסטער, זייענדיק זיכער, אַז מען האָט אים שוין ערגעץ אַרעסטירט. איליטש האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון די אַגענטן און מיט דער הילף פון באַסקן איז ער אַריבער קיין פינלאַנד און דאָרט פאַרבליבן ביזן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר.

דאָרט האָט איליטש אין אַפּריל אָנגעשריבן אַ בראָשור „דער נצחון פון די קאַדעטן און די אויפגאַבן פון דער אַרבע-טער-פּאַרטיי". ער האָט צוגעגרייט רעזאָלוציעס צום פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר; די דיסקוסיעס איבער די רעזאָלוציעס זענען גע-פירט געוואָרן אין פּעטערבורג, וווהין איליטש איז פאַרפאָרן אויף וויטמערס דירה; דאָרט איז געווען אַ גימנאַזיע, איז די גאַנצע פּראָצעדור פאָרגעקומען אין איינעם פון די קלאַסן.

נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר האָבן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס צום ערשטן מאָל זיך צונויפגעטראָפן אויף אַ צו-זאַמענפאָר. הגם פאַר די לעצטע פאָר חדשים האָבן שוין די מענשעוויקעס גענוג געהאַט אַרויסגעוויזן זייער פּרצוף, אָבער אי-ליטש האָט נאָך געהאָפט, אַז דער נייער רעוואָלוציע-אויפברויז,

אין וועלכן ער האָט נישט געצווייפלט, וועט זיי באַזיגן און וועט גורם זיין, זיי זאָלן אָננעמען די באָלשעוויסטישע ליניע.

אויפן צוזאַמענפאָר האָב איך אַביסל פאַרשפּעטיקט. אַהין בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט טומשאַפּסקין, וועלכן איך האָב נאָך געקענט פריער, בעת ער מיט קלאַודיאַ טימאָפעעוונאַ סווער-דלאָווא האָבן געמאַכט די הכנות צום ערשטן צוזאַמענפאָר. סווער-דלאָוו האָט זיך אויך געקליבן אויפן צוזאַמענפאָר. אָבער אויפן אוראַל האָבן די אַרבעטער פון אים שטאַרק געהאַלטן, האָבן זיי אים בשום אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן. איך האָב געהאַט אַ מאַנדאַט פון קאַזאַן, אָבער ס'האָט מיר געפעלט אַ קליינע צאָל שטימען. די מאַנדאַטן-קאָמיסיע האָט מיר דעריבער געגעבן בלויז באַראַטונגס-רעכט. ס'איז געווען גענוג אַ קורצע צייט אונטער-צוזיין אין דער מאַנדאַטן-קאָמיסיע, ווי מען האָט זיך געמוזט אָפּ-טובלען אין דער אַטמאָספער פונם צוזאַמענפאָר, וועלכע איז גע-ווען גענוג פראַקציאָנעריש.

די באָלשעוויקעס האָבן זיך געהאַלטן פעסט צוזאַמען. זיי האָט פאַרייניקט די זיכערקייט, אַז די רעוואָלוציע גייט פאָרויס, אַז איר מפּלה איז בלויז אַ צייטווייליקע.

כ'געדענק דיאַדענקעס קלאָפּאָטן, וועלכע האָט געמוזט איינ-אָרדענען די דעלעגאַטן, ווייל זי האָט געקענט גוט שוועדיש. איך געדענק איוואַן איוואַנאָוויטש סקוואָרצאָוון און וולאַדימיר אַלע-קסאַנדראָוויטש באַזאַראָוון, ביי וועמען ס'האָבן אין שטורמישע מאָמענטן געגלאַנצט די אויגן. איך געדענק ווי וולאַדימיר אי-ליטש האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אַז באַזאַראָוו האָט אַ שטאַרקע נטיה צו פּאָליטיק, אַז ער האָט ליב דעם קאַמף. כ'גע-דענק אַ שפּאַציר אויפן שויס פון דער נאַטור, אין וועלכער ס'האָבן גענומען אָנטייל ריקאָוו, סטראָעוו און אַלעקסינסקי. מען האָט גערעדט וועגן דער שטימונג פון די אַרבעטער. אויפן צו-זאַמענפאָר זענען אויך געווען וואָראָשילאָוו (וואָלאָדיאַ אַנטימע-קאָוו) און ק. סאַמאָילאָווע (נאַטאַשאַ באָלשעוויקאָווא). די צוויי לעצטע צוזעמען, דורכגעדרונגען מיט יונגן שטאָלץ, זענען כאַ-ראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג פון די באָלשעוויסטישע

דעלעגאַטן אויפן פאַראייניקטן צוזאַמענפאָר. פונם צוזאַמענפאָר זענען די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן אַוועקגעפאָרן מיט מער מוט.

דעם 27טן אַפּריל האָט זיך אויפגעעפנט די ערשטע דומע. ס׳איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאַזע, צווישן וועלכע עס האָט געאַרבעט וואָיטינסקי. מיט אַ געהויבענער שטימונג איז אַדורך דער ערשטער מאַי. סוף אַפּריל האָט זיך אָנגעשטאָט „נאָוואַיאַ זשיזן״ אויפגעעפנט די צייטונג „וואָלנאַ״; ס׳האָט אָנגעהייבן צו דערשיינען אַ באָלשעוויסטישער זשורנאַל „וועסטניק זשיזני״. די באַוועגונג האָט זיך ווידער אַנטוויקלט מיט אַ שנעלן טעמפּ.

נאָכן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר האָבן מיר זיך באַזעצט אין פּעטערבורג אויף זאַבאַלקאַנסק, איך אויף פּראַסקאָוויע אַניעגינעס פּאַספּאָרט. מיר האָבן געוווינט אין אַ דורכגאַנגס-הויף, און ס׳וואָלט דאָרט זייער גוט געווען צו וווינען, ווען נישט דער שכן, אַ מיליטער-מאַן, וועלכער האָט מוראדיק געשלאָגן זיין ווייב און געשלעפּט זי פאַרן צאָפּ איבערן קאָרידאָר. חוץ דעם האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין פון דער באַלעבאָסטעס העפלעכקייט, וועלכע האָט איליטשן פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן זיינע קרובים און האָט פאַרזיכערט, אַז זי האָט אים געקענט אַלס פיר־יעריקן יינגל, בעת ער איז גאָר געווען אַ שוואַרצינקער.

איליטש האָט געשריבן אַ באַריכט צו די פּעטערבורגער אַרבעטער וועגן דעם פאַראייניקטן צוזאַמענפאָר, אויפקלערנדיק זיי די וויכטיקסטע חלוקי־דעות. „פרייע דיסקוסיע, געמיינזאַמע טעטיקייט — אָט וואָס מיר דאַרפן זיך דערשלאָגן״, — האָט ער געשריבן אין דעמדאָזיקן באַריכט; „...שטיצן די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די פויערים, די קריטיק פון די קליינבירגערלעכע אוטאָפּיעס — דערויף זענען אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איינשטימיק״. „בעת די וואַלן צו דער דומע, מוז זיין פולשטענדיקע אחדות. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן, אַז אַלע אָן אויסנאַם, זאָלן ווילן, ווו נאָר ס׳וועלן פאָרקומען

וואַלן. בעת די וואַלן טאָר נישט אַרויסגעטראָגן ווערן קיין שום קריטיק וועגן דעם אָנטייל אין די וואַלן. די טעטיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין אַן איינהייטלעכע".

דער באַריכט איז דערשינען אינם פאַרלאַג „פּאָרוועטס", אין מאַי.

דעם 9טן מאַי איז וולאַדימיר איליטש צום ערשטן מאָל אָפן אַרויסגעטראָטן אין רוסלאַנד אויף אַ גרויסע מאַסן־פאַר־זאַמלונג אין פּאַנינס הויז, אונטערן צונאָמען קאַרפּאָוו. איך בין געשטאַנען צווישן עולם. איליטש האָט זיך שרעקלעך געקאָכט. אַ בלאַסער, איז ער געשטאַנען אַ רגע און געשוויגן. דאָס גאַנצע בלוט איז אים צוגעפלאָסן צום האַרץ. און מען האָט תּיכּף דערפילט, ווי דעם רעדנערס עמאָציע איז אַריבער אויף דער אוידיטאָריע.

מיטאַמאָל איז דער זאַל פאַרהילכט געוואָרן פון בייפאַלן. די פאַרטיי־חברים האָבן דערקענט איליטשן. כ'געדענק דעם צעטומלטן פּנים פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען זייט ביי זייט מיט מיר. ער האָט געפרעגט: ווער איז עס? קיינער האָט אים נישט געענטפערט. די אוידיטאָריע איז ווי פאַרגלי־ווערט געוואָרן. „איליטשעס רעדע האָט אַלעמען עלעקטריזירט, ס'האָט זיך געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעך דערהייבענע שטימונג. אין יענער רגע האָבן אַלע געטראַכט וועגן קאַמף ביז אַן אָנט־גילטיקן סוף.

די רויטע העמדער האָט מען צעריסן אויף פאַנען און מיט רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, יעדערער אין זיין ראַיאָן.

ס'איז געווען אַ פּרעכטיקע ווייסע פּעטערבורגער מאַי־נאַכט. די פּאָליציי, אויף וועלכער מען האָט געוואַרט, איז נישט געקומען. פון דער פאַרזאַמלונג איז איליטש אַוועק נעכ־טיקן צו דמיטרי איליטש לעשטשענקאָ.

ס'איז איליטשן מער נישט געלונגען אין יענער רעוואָ־לוציע עפנטלעך אַרויסצוטרעטן אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען.

דעם 24טן מאַי איז די „וואָלנאַ" צוגעמאַכט געוואָרן. דעם

26טן מאַי איז זי אַרויס אונטערן נאָמען „ווּפּעריאָד" און עק־זיסטירט ביזן 14טן יוני.

ערשט דעם 22טן יוני איז געלונגען צו גרינדן אַ נייע באָלשעוויסטישע צייטונג „עכאָ", וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן 7 יולי. דעם 8טן יולי איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן די דומע.

סוף יוני איז קיין פּעטערבורג געקומען צופאָרן ראָזאַ לוקסעמבורג, וועלכע איז אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון וואַר־שעווער תּפיסה. מיט איר האָבן זיך באַגעגנט איליטש און די באָלשעוויסטישע אָנפירער. אַ דירה אויף אַ זעונג האָט געגעבן דער הויזווירט „פּאַפּאַ ראָדע", אַ זקן, מיט וועמענס טאָכטער איך האָב צוזאַמען געגעבן לעקציעס הינטער די נעווער ראָ־גאַטקעס און נאָכדעם צוזאַמען געזעסן אין תּפיסה. דער זקן האָט זיך באַמיט אונדז צוצוהעלפן מיט וואָס ער האָט נאָר גע־קענט. אויף אַ פאַרזאַמלונג האָט ער אונדז אָפּגעגעבן אַ גרויסע וווינונג, ווו ער האָט געהייסן פאַרשמירן די פענסטער אויף רויט, צוליב קאָנספּיראַטיווע צוועקן, און דערמיט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט ביי אַלע סטרוזשעס. אויף דערדאָזיקער באַ־ראַטונג האָט מען גערעדט וועגן דער געשאַפענער לאַגע, וועגן דער טאַקטיק, ביי וועלכער מען דאַרף זיך האַלטן. פון פּע־טערבורג איז ראָזאַ אַוועקגעפאָרן קיין פינלאַנד און פון דאָרט ווייטער קיין אויסלאַנד.

אין מאַי, בעת די באַוועגונג איז געוואָקסן, בעת די דומע איז געגאַנגען קעגן די פּויערישע שטימונגען, האָט איליטש אויף איר געלייגט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אין יענע צייטן האָט ער אָנגעשריבן פאָלגנדיקע אַרטיקלען: „די אַרבעטער־גרופּע אין דער דומע", „די פּויערישע אָדער די טרודאָוויקעס־גרופּע און די ר.ס.ד.אַ.פּ.", „די פראַגע וועגן ערד אין דער דו־מע", „נישט קיין ערד און נישט קיין פרייהייט", „גאָרעמיקין־אָנהענגער, אָקטיאַבריסטן, קאַדעטן", „שלעכטע עצות", „קאַדעטן, טרודאָוויקעס־גרופּע און די אַרבעטער־פּאַרטיי". דידאָזיקע אַלע אַרטיקלען האָבן געהאַט איין איינציקן ציל: דעם צוזאַמענשלוס פונם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום, די נייטווענדיקייט אויפצו־

הייבן די פויערים אין קאַמף פאַר ערד און פרייהייט, די נויט-ווענדיקייט נישט צו געבן די קאַדעטן די מעגלעכקייט צו שליסן אָפּמאַכן מיט דער רעגירונג.

איליטש האָט נישט איינמאָל אַרויסגעטראָטן מיט רעפעראַטן וועגן דערדאָזיקער פראַגע.

איליטש איז אַרויסגעטראָטן אין אינזשיניערן-פאַריין מיט אַ רעפעראַט פאַר די פאָרשטייער פון וויבראָרגער ראַיאָן. ס'איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. איין זאַל איז געווען פאַרנומען דורך אַרבעטסלאָזע און אין צווייטן זאַל האָבן זיך אויפגעזאַמלט די וואַלצער, וועמענס אָרגאַניזאַטאָר איז געווען סערגעי מאַלישעוו, וואָס האָט לעצטנס געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אונטערנעמער. אָבער מען האָט זיך דאָסמאָל נישט געקענט צונויפריידן. ערשט, ווען זיי זענען אַוועק, האָט מען געקענט אָנהייבן דעם רעפעראַט.

איך געדענק אויך איליטשעס אַרויסטריט פאַר אַ גרופּע לערער. די לערער זענען דעמאָלט געווען דורכגעדרונגען מיט ס.ר.-שטימונגען, די באָלשעוויקעס האָט מען אויפן לערער-צוזאַמענפאָר נישט אַריינגעלאָזט, נאָר מען האָט אָרגאַניזירט אַ דיסקוסיע מיט עטלעכע צענדליק לערער. די דיסקוסיע איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסער שולע. פון די אָנוועזנדיקע האָב איך פאַרגעדענקט דאָס געשטאַלט פון עפּעס א לערערקע, א ני-דעריקע, מיט אַ הויקער — די לערערקע קאָנדראַטיעוואַ. אויף דערדאָזיקער דיסקוסיע איז ריאַזאַנאָוו אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט וועגן פּראָפ.-פאַריינען. וולאַדימיר איליטש האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער אַגראַר-פראַגע. קעגן אים איז אַרויסגעטראָטן בונאַקאָוו, באַשולדיקנדיק אים אין ווידערשפּרוכן, באַמיענדיק זיך מיט ציטאַטן פון אילינען (איליטשעס ליטעראַרישער פּסעוודאָנים) צו צעקלאַפּן לענינען. וולאַדימיר איליטש האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, געמאַכט נאָטיצן — און נאָכדעם מיט כעס אָפּגעענטפערט אויף דער עסערישער דעמאַגאָגיע.

ווען די ערד-פראגע איז אויסגעוואקסן אין איר גאנצער גרויס, ווען ס'האט זיך בולט אויסגעשניצט, ווי לענין האט זיך אויסגעדריקט, „די פארייניקונג פון די באאמטע און ליבעראלן קעגן די פויערים” האט זיך די וואקלענדיקע טרודאוויקעס-גרופע געשטעלט אויף דער זייט פון די ארבעטער. די רעגירונג האט דערפילט, אז די דומע וועט נישט זיין קיין זיכערער שטיצפונקט פאר דער רעגירונג, איז זי אריבער צום אנגריף: מען האט געשלאגן מענטשן אויף פרידלעכע דעמאנסטראציעס, אונטערגעצונדן הייזער בעת ס'זענען פארגעקומען פאלקס-פארזאמלונגען, געמאכט יידישע פאגראמען. דעם 20-טן יוני האט די רעגירונג ארויסגעלאזט א באריכט וועגן דער אגראר-פראגע, מיט שארפע אנפאלן אויף דער דומע.

ענדלעך, דעם 8-טן יולי איז די דומע פאנאנדערגעלאזט געווארן; מען האט פארמאכט די סאציאל-דעמאקראטישע צייטונג; ס'האבן זיך אנגעהייבן פארשידענע רעפרעסיעס, ארעסטן. אין קראנשטאט און אין סוועאבארג האט אויסגעבראכן an אויפשטאנד. אונדזערע האבן דארט גענומען א גרויסן אקטיוון אנטייל. אינאקענטי (דובראווינסקי) איז קוים ארויס א לעבעדיקער פון קראנשטאט און ארויסגעגליטשט זיך פון די פאליצייישע הענט, מאכנדיק דעם אנשטעל פון א שיכורן. איניקן האט מען ארעסטירט אונדזער מיליטערישע ארגאניזאציע, צווישן וועלכע ס'האט זיך געפונען א פראוואקאטאר. ס'איז געווען פונקט אין דער צייט פונם סוועאבארגער אויפשטאנד.

מען איז געזעסן אין מענזשינסקעס וווינונג. ווערא רודאלפאוונא און ליודמילא רודאלפאוונא מענזשינסקי האבן דעמאלט געוווינט באזונדער, אין א גוטער דירה. צו זיי פלעגן אפט קומען חברים. אפטע געסט פלעגן ביי זיי זיין די חברים: ראזשקאוו, יוזעף, גאלדענבערג. דאסמאל האבן זיך ביי זיי אויך אויפגעקליבן עטלעכע חברים, צווישן וועלכע ס'האט זיך געפונען איליטש. איליטש האט אוועקגעשיקט ווערא רודאלפאוונען צו שליכטערן, כדי אים צו זאגן, ער זאל תיכף ארויספארן קיין סוועאבארג. עמיצער האט זיך דערמאנט, אז אין

דער קאַדעטישער צייטונג „רעטש“ דינט אַלס קאָרעקטאָר דער חבר כאַריק. איך בין אַוועק צו אים, כדי זיך נאָכצופרעגן, צי ס׳זענען נישט אַמאָל אָנגעקומען קיין דעפּעשן. כאַריקן האָב איך נישט געטראָפן, די דעפּעשן האָב איך באַקומען פון אַן אַנדער קאָרעקטאָר, וועלכער האָט מיר געראַטן זיך צונויפצושמועסן מיט כאַריקן, וואָס וווינט נישט ווייט, אין גוסעוו-געסל. ער האָט אפילו זיין אַדרעס אָנגעשריבן אויף די שפּאַלטן פון אַ דעפּעשע. איך בין אַוועק אויף גוסעוו-געסל. לעבן הויז האָבן צוויי פרויען שפּאַצירט געאָרעמט. זיי האָבן מיך אָפּגעשטעלט, וואָרנענדיק: „אויב איר גייט אין דעם און דעם נומער, טאָ גייט נישט, ווייל דאָרט נעמט מען“. איך בין שנעל אַוועק וואָרנען אונדזער עולם. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט דאָרט אַרעסטירט אונדזער מיליטער-אָרגאַניזאַציע און צווישן זיי וויאַטשעסלאַוו רודאָלפאָוויטש מענזשינסקען. די אויפשטאַנדן זענען דערשטיקט געוואָרן. די רעאַקציע האָט אָנגעטאָן מעשים. די באָלשעוויקעס האָבן ווידער אַרויסגעגעבן דעם אומלעגאַלן „פּראָלעטאַריער“ און אַוועק אין אונטערערד. די מענשעוויקעס האָבן אָפּגעטראָטן, אָנגעהייבן צו שרייבן אין דער בורזשואַזער פּרעסע, אַרויסגעלאָזט אַ דעמאַגאָגישן לאָזונג פון אַן אומפּאַרטייאישן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט ביי דעמאָלטיקע באַדינגונגען געהייסן: די ליקווידאַציע פון דער פּאַרטיי. די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט אַן עקסטראַ-צוזאַמענפאָר.

איליטשן איז אויסגעקומען אַריבערצופּעקלען זיך אין דער „נאָענסטער עמיגראַציע“, קיין פינלאַנד. ער האָט זיך דאָרט באַזעצט ביי די לעיטענזענס, אויף דער סטאַנציע קואָקאַלאַ, נישט ווייט פונם וואָזאַל. די אומבאַקוועמע דאַטשע „וואַזאַ“ איז שוין פון לאַנג אָן געווען אַ מקום-מקלט פאַר רעוואָלוציאָנערן. פאַרן דעם האָבן דאָרט געוווינט עס-ערן, וועלכע האָבן פאַבריצירט באָמבעס, נאָכדעם האָט זיך דאָרט באַזעצט דער באָלשעוויק לעיטענזען (לינדאָוו) מיט דער פאַמיליע. איליטשן האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער אין אַ זייט, וווּ ער האָט געשריב-

זיינע אַרטיקלען און בראָשורן און וווהין מען איז צו אים געקומען צופאָרן פון דער פּראָווינץ. געקומען צו אים איז מען אויך פון צ. ק. זיצנדיק אין קואָקאַלע האָט איליטש פּאַקטיש אָנגעפירט מיט דער גאַנצער ארבעט פון די באָלשעוויקעס. אין אַ צייט ארום האָב איך זיך אויך דאָרט באַזעצט; איך פלעג אַרויספאָרן גאַנץ פרי קיין פעטערבורג און קומען צוריק שפּעט ביינאַכט. נאָכדעם זענען די לעיטענזענס אַרויסגעפאָרן און מיר האָבן פאַרנומען דעם גאנצן פארטער. צו מיר איז געקומען צופאָרן מיין מוטער, און מאַריאַ איליניטשנאַ האָט נאָכדעם ביי אונדז אַ צייט געוווינט. אינדערהויך האָבן זיך באַזעצט די באָגדאַנאָווס, און אין 1907 — דובראָווינסקי (אינאָקענטי). אין יענע צייטן האָט די רוסישע פּאָליציי נישט געוואָלט רוקן די נאָז אין פינלאַנד, האָבן מיר דאָרט געלעבט אַ פריי לעבן. די טיר פון דער זומער־ווױנונג האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעמאַכט, אין עס־שטוב פלעגט מען אויף דער נאַכט אַרויסשטעלן אַ טאָפּ מילך און ברויט און דעם דיוואַן פלעגט מען אויף דער נאַכט אויסבעטן, כּדי אַז עמעצער וועט אָנקומען מיטן נאַכט־צוג, זאָל ער קענען עפּעס אָפּעסן, נישט וועקנדיק קיינעם, און גיין שלאָפן. אַ סך מאָל פלעגן מיר אין עס־שטוב טרעפן חברים, וואָס זענען אָנגעקומען ביינאַכט.

צו איליטשן פלעגט טאָג־טעגלעך קומען צופאָרן אַ ספּעציעלער מענטש מיט מאַטעריאַלן, צייטונגען און בריוו. איליטש פלעגט באטראכטן דאָס צוגעשיקטע, זיך תּיכּף זעצן שרייבן אַן אַרטיקל און אָוועקשיקן עס מיטן זעלבן שליח. כּמעט יעדן טאָג פלעגט אויף דער זומער־ווױנונג קומען צופאָרן לעשטשענקאָ, איך פלעג יעדן אָוונט ברענגען צופירן פעטערבורגער נייס און פאַרשידענע שליחותן.

איליטש האָט זיך געריסן קיין פעטערבורג, נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט זיך באַמיט צו שטיין מיט אים אין די נאָענטסטע פאַרבינדונגען. אַן אנדערש מאָל איז מען אַריינגעפאַלן אין אַ שטימונג, אז עס פלעגט זיך וועלן געבן אַן אַנדער ריכטונג די געדאַנקען. ס׳פלעגט, אַלזאָ, פּאַסירן, אַז אַלע

איינוווינער פון דער זומער-וווינונג „וואַזאַ", פלעגן זיך זעצן שפילן אין קאָרטן, אין „דוראַקעס". באָגדאַנאָוו פלעגט שפילן אויסגערעכנט; אויסגערעכנט און מיט אַזאַרט האָט געשפילט איליטש; לעיטענזען פלעגט זיך אָפּגעבן דער שפיל מיט לייב און לעבן. ס'פלעגט טרעפן, אַז פונקט דעמאָלט פלעגט עמעצער אָנקומען מיט אַ שליחות, עפּעס אַ ראַיאָן-חבר, וועלכער פלעגט שטוינען און זאָגן: די צעקיסטן שפילן מיט גרויס אַזאַרט אין „דוראַקעס". אגב, איז עס בלויז געווען אַזאַ איבערגאַנגס-צייט.

אין יענעם פּעריאָד האָב איך זעלטן געזען איליטשן, ווייל איך האָב גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין פּעטערבורג. איך פלעג קומען שפּעט, און תמיד טרעפנדיק איליטשן, אַ פאַרטראַכטן, פלעג איך גאָרנישט פרעגן, נאָר אים דערציילן, וואָס איך האָב געזען און געהערט.

אין יענעם ווינטער פלעג איך מיט וועראַ רודאָלפאָוונאַ זיך כסדר באַגעגענען אין עס-צימער פונם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ס'איז געווען זייער באַקוועם, ווייל איבערן טאָג פלעגן זיך דאָרט דורכוואַרפן אַ סך מענטשן. קיינער האָט אויף אונדז קיין אַכט נישט געלייגט. בלויז איינמאָל איז אויף אַ זעונג געקומען קאַמאָ, אויסגעפּוצט אין אַ פיינעם קאַווקאַזישן בגד, האָט ער אין אַ ווייסער סערוועטקע געטראָגן עפּעס אַ קיילעכדיקע זאַך. אַלע האָבן אויפגעהערט עסן און אָנגעהייבן באַטראַכטן דעם אויסטערלישן באַזוכער. „ער האָט געוויס אַ באָמבע געבראַכט" — איז ביי אַ סך מענטשן, קענטיק, אַריינגעפאַלן דער געדאַנק. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט קיין באָמבע, נאָר אַן אַרבוז. קאַמאָ האָט פאַר אונדז און איליטשן געבראַכט אַן אַרבוז און געצוקערטע ניס. „די מומע האָט צוגעשיקט" — האָט קאַמאָ שעמעוודיק דערקלערט. דערדאָזיקער קאַמאָ, אַ מענטש פון אַנטשלאָסענער דרייסטקייט, אומבויגעוודיקן פעסט, ווילן און דערצו אַ העלדישער קעמפער, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער גאַנצער טיפּ, עטוואָס נאַיוו און אַ גוטער חבר. ער איז געווען ליידנשאַפטלעך צוגעבונדן

צו איליטשן, קראַסינען, באָגדאַנאָוון. ער איז געווען ביי אונדז אין קואָקאַלע. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט מיין מוטער, האָט איר דערציילט וועגן זיין מומען, וועגן זיינע שוועסטער. קאַמאָ פלעגט אָפט פאָרן פון פינלאַנד קיין פעטערבורג, פלעגט תמיד מיט זיך פירן געווער, און זיין מאַמע פלעגט יעדעס מאָל אים זאָרגזאַם פאַרבינדן דעם רעוואָלווער אויף דער פּלייצע.

האַרבסט-צייט, האָט אין וויבאָרג אָנגעהייבן צו דערשיינען דער אומלעגאַלער „פּראָלעטאַריער“ *), וועמען איליטש האָט אָפּגעגעבן אַ סך צייט און אַ סך אויפמערקזאַמקייט. די אונטערהאַנדלונגען זענען געפירט געוואָרן דורכן חבר שליכטער. דעם אומלעגאַלן „פּראָלעטאַריער“ פלעגט מען ברענגען קיין פעטערבורג און דאָרט האָט מען אים פאַרשפּרייט איבער די ראַיאָנען. מיטן טראַנספּאָרט האָט זיך באַשעפטיקט די חברטע אירינאַ (לידיאַ גאָבי). הגם דער טראַנספּאָרט און די פאַנאַנדערטיילונג זענען געשטאַנען אויף אַ געהעריקער הויך, ווייל די אומלעגאַלע ליטעראַטור איז געגאַנגען, דורך דער באָלשעוויסטישער לעגאַלער דרוקעריי „דיעלאָ“, דאָך האָט מען געדאַרפט באַקומען אַדרעסן, וווהין איבערצושיקן די ליטעראַטור. איך און ווערא רודאָלפאָוונאַ האָבן מיר זיך געניייטיקט אין אַ מיטהעלפערין. איינער פון די ראַיאָן-חברים, קאָמיסאַראָוו, האָט פאָרגעלייגט צו דעם צוועק זיין ווייב קאַטיאַ. ס'איז געקומען אַ באַשיידענע אָפּגעשוירענע פרוי. עפעס אַ מאָדנער געפיל האָט זיך אין דער רגע אין מיר דערוועקט, עפעס אַ מין געפיל פון אומצוטרוי — פאַרוואָס ווייס איך אַליין נישט. אינגיכן איז אָבער דאָסדאָזיקע געפיל פאַרשוווּנדן געוואָרן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַטיאַ איז זייער אַ טיכטיקע פרוי, האָט אַלץ געטאָן ווי געהעריק, קאָנספּיראַטיוו, שנעל, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגעריקייט, האָט קיין שאלות

*) דער ערשטער נומער „פּראָלעטאַריער“ איז דערשינען דעם 26 אויגוסט 1906 (רעד).

נישט געשטעלט. עפּעס איינמאָל, געדענק איך, האָב איך זי אַ פרעג געטאָן, וווהין זי פאָרט אַרויס אויף זומער. זי האָט אַ ציטער געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט בייזע אויגן. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַטיאַ און איר מאַן זענען פּראָוואָקאַטאָרן. קאַטיאַ, באַקומענדיק געווער אין פּעטערבורג, פלעגט זי עס אַוועקפירן אויפן אוראַל, אָבער דאָרט פלעגט תיכּף אָנקומען פּאָליציי, צונעמען דאָס געווער און אַלעמען אַרעסטירן. דערפון האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אין אַ צייט אַרום. איר מאַן, קאָמיסאַראָוו, איז געוואָרן סימאָנאָווס אָנפירער — דער אייגנטימער פונם הויז № 9, זאַגאָראָדנער־פּראָספּעקט. סימאָנאָוו האָט צוגעהאָלפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַ געוויסע צייט האָט ביי אים געוווינט וולאַדימיר איליטש, נאָכדעם האָט מען דאָרט איינגעאָרדנט אַ באָלשעוויסטישן קלוב, שפּעטער האָט זיך דאָרט באַזעצט אַלעקסינסקי. אין די ווייטערדיקע יאָרן, אין די רעאַקציע־יאָרן, האָט קאָמיסאַראָוו אין דעמדאָזיקן הויז איינגעאָרדנט פאַרשידענע אומלעגאַלע מענטשן, באַקומען פאַר זיי פּאַספּאָרטן; אָבער שפּעטער פלעגט אַזוי פּאַסירן, אַז דידאָזיקע אומלעגאַלע לייט פלעגן „צופעליק" אַריינפאַלן אויף דער גרעניץ. אין דערדאָזיקער נעץ איז, למשל, אַריינגעפאַלן אינאָקענטי, וועלכער איז געקומען פון אויסלאַנד אויף אַרבעט קיין רוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז שווער געווען פעסטצושטעלן דעם מאָמענט, ווען קאָמיסאַראָוו און זיין ווייב זענען געוואָרן פּראָוואָקאַטאָרן. אַלנפאַלס, האָט די פּאָליציי פון אַ סך זאַכן נישט געוווּסט. זי האָט, למשל, נישט געוווּסט, וווּ וולאַדימיר איליטש וווינט. אין די יאָרן 1905 און 1906 איז נאָך דער פּאָליציייִשער אַפּאַראַט געווען גענוג דעזאָרגאַניזירט. דער צונויפרוף פון דער צווייטער דומע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 20טן פעברואַר 1907.

נאָך אויף דער נאָוועמבער־קאָנפערענץ פון 14 דעלעגאַטן, צווישן זיי די דעלעגאַטן פון פוילן און ליטע, מיט וולאַדימיר איליטשן בראָש, האָט מען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען זאָל דורכאויס גיין צו די וואַלן אין דער דומע, אָבער

אָן פאַרשידענע בלאָקן מיט די קאַדעטן. די מענשעוויקעס זע-נען געווען פאַר אַ בלאָק. אונטער אזא לאָזונג איז פאָרגעקו-מען די באָלשעוויסטישע וואַל-אַגיטאַציע. די קאַדעטן האָבן ביי די וואַלן געליטן אַ מפּלה. אין דער צווייטער דומע איז פון זיי אַדורך בלויז אַ העלפט דעפּוטאַטן פון דער צאָל, וואָס ס׳איז אַריבער אין דער ערשטער. די וואַלן זענען פאָרגעקומען מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג. אָנהייב 1907 האָט איליטש גע-שריבן:

„ווי נישטיק ס׳זענען מיטאַמאָל געוואָרן אונדזערע פרי-ערדיקע „טעאָרעטישע" מחלוקת, וואָס זענען איצט באַלויכטן געוואָרן מיט אַ העלן שטראַל פון דער אויפגייענדיקער רעוואָ-לוציאָנערער זון!"

די דעפּוטאַטן פון דער 2טער דומע זענען אָפט געקומען צופאָרן קיין קואָקאַלע, כּדי צו כאַפּן אַ שמועס מיט איליטשן. מיט דער אַרבעט פון די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן האָט אומ-מיטלבאַר אָנגעפירט באָגדאַנאָוו, וועלכער האָט געוווינט אין דערזעלבער זומער-וווינונג „וואַזאַ", וואָס מיר האָבן געוווינט און פלעגט זיך וועגן אַלץ דורכשמועסן מיט איליטשן.

כ׳געדענק, ווי איינמאָל, צוריקקערנדיק זיך שפּעט אַהיים פון פּעטערבורג קיין קואָקאַלאַ, האָב איך אין וואַגאָן באַגעגנט פּאַוועל באַריסאָוויטש אַקסעלראָדן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן, הויפּטזעכלעך אַלעקסינסקי, טרעטן גאָר נישט שלעכט ארויס אין דער דומע. ער האָט זיך פאַ-באַנדערגערעדט וועגן אַן אַרבעטער-צוזאַמענפאָר. די מענשעווי-קעס האָבן געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אַן ארבעטער-צוזאַמענפאָר, האָפנדיק, אַז אַ גרויסער ארבעטער-צוזאמענפאָר וועט אָפּשטעלן דעם כּסדר-וואַקסנדיקן איינפלוס פון די באָל-שעוויקעס. די באָלשעוויקעס זענען אָנגעשטאַנען, מען זאָל וואָס גיכער צונויפרופן אַ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר איז ענדלעך באַשטימט געוואָרן אויף אַפּריל. אַ סך מענטשן זענען זיך אָנגעפאָרן. מתנותוויז זענען געפאָרן די דעלעגאַטן, רייענ-

הייז איז מען געקומען אויף זעונגען. אַלס פאָרשטייער פון די באַלשעוויקעס בין איך געווען און מיכאַיל סערגעעוויטש און פון די מענשעוויקעס קראָכמאַל, כינטשוקס ווייב און מ. שיק. די פאָליציי האָט נאָכגעשפירט. אויפן פינלענדישן וואָקזאַל האָט מען אַרעסטירט מאַראַטן און נאָך עטלעכע דעלעגאַטן. ס׳איז אויסגעקומען צו פארשטארקן די פאָרזיכטיקייט. איליטש און באָגדאַנאָוו זענען שוין אַוועקגעפאָרן אויפן צוזאַמענפאָר. קיין קואָקאַלאַ האָב איך זיך נישט געיאָגט. ערשט זונטיק אינאָוונט בין איך אַהין געקומען צופאָרן, אָבער וואָס האָבן מיינע אויגן דערזען? עס זיצן ביי אונדז 17 דעלעגאַטן דערפרוירענע, הונגעריקע, דורשטיקע! די שטוב־אַרבעטאָרערין, וועלכע האָט ביי אונדז געוווינט, איז געווען אַ פינקע, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע. זונטיק פלעגט זי אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג, ווייל זי האָט אָנטיילגענומען אין די פאָרשטעלונגען אין פאָלקס־הויז א. אַז. וו. איידער איך האָב די דעלעגאַטן געגעבן צו עסן און צו טרינקען איז נישט קנאַפּ צייט אַוועק. אַליין בין איך אויפן צוזאַמענפאָר נישט געווען. ס׳איז נישט געווען וועמען איבערצוגעבן די סעקרעטאַרישע אַרבעט, און די צייט איז געווען אַ שווערע. די פאָליציי האָט געווילדעוועט, און דער עולם האָט מורא געהאַט אַריינצולאָזן די באָלשעוויקעס אויף נאכטלעג, אויף זעונגען. אָפטמאָל פלעג איך זיך באַגעגעגענען מיטן עולם אין דער רעדאקציע „וועסטניק זשיזני”. פיאָטר פעטראָוויטש רומיאנצעוו האָט זיך געשעמט מיר אַליין צו זאָגן, איך זאָל נישט איינאָרדענען קיין זעונגען אין דער רעדאַקציע „וועסטניק זשיזני”, און האָט אָנגעשיקט אויף מיר דעם סטרוזש — אַן ארבעטער, מיט וועלכן מיר האָבן אָפטמאָל געכאַפּט אַ שמועס וועגן לויפנדיקע ענינים. ס׳האָט מיר פאַרדראָסן, פארוואָס ער האָט אַליין וועגן דעם נישט געזאָגט.

פון צוזאמענפאָר איז איליטש געקומען שפּעטער פון אַלע. ער האָט געהאַט אַן אויסטערלישן אויסזען: די וואָנסעס צוגעשוירן, די באָרד אָפּגעראַזירט און אויפן קאָפּ אַ גרויסער

שטרויענער הוט*). דעם 3טן יוני האָט מען פאַנאַנדערגעטריבן די צווייטע דומע. די גאַנצע באָלשעוויסטישע פראַקציע איז שפּעט אינאָוונט געקומען צופאָרן קיין קואָקאַלאַ, אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט און געשמועסט וועגן דער געשאַפענער לאַגע. דער צוזאַמענפאָר האָט שטאַרק אָפּגעמאַטערט איליטשן. ער איז געווען שטאַרק נערוועז, האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. איך האָב אים שנעל אַוועקגעשיקט קיין סטירסודען, טיף אין פינלאַנד, ווו ס'האָט געוווינט „דיאַדענקעס" פאַמיליע, און אַליין אָנגעהייבן צו ליקווידירן די געשעפטן. ווען איך בין געקומען קיין סטירסודען, איז שוין איליטש געקומען אַביסל צו זיך. וועגן אים האָט מען אַזוי דערציילט: די ערשטע טעג פלעגט ער יעדע רגע אַנטשלאָפן ווערן — ער פלעגט זיך אַנידערזעצן אונטער אַ יעגלינע און אין אַ מינוט ארום איז ער שוין געשלאָפן. די קינדער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „פּעפּער". אין סטירסודען האָבן מיר זעלטן גוט פאַרבראַכט די צייט: אין וואַלד, ביים ים. די נאַטור איז דאָרט געווען ווילדער פון ווילד, בלויז נישט ווייט פון אונדזער ווילע איז געשטאַנען דעם אינזשיניר זאַביצקעס אַ גרויסע דאַטשע, ווו ס'האָבן געוווינט לעשטשענקאָ מיטן ווייב און אַלעקסינסקי. איליטש האָט זיך באַמיט נישט צו שמועסן מיט אַלעקסינסקין — ס'האָט זיך געוואָלט אויסרוען. אָבער יענער פלעגט זיך שטאַרק באַליידיקן. צייטנווייז פלעגט מען זיך אויפקלייבן ביי לעשטשענקאָן — צו הערן אַביסל מוזיק. קסעניאַ איוואַנאָוונאַ, קניפּאָוויטשעס אַ קרובה, האָט געהאַט אַ זעלטענע שטים, זי איז געווען אַ זינגערין, און איליטש האָט געכאַפּט התפעלות פון איר זינגען. ס'רוב צייט פלעג איך מיט וולאַדימיר איליטש פאַרברענגען ביים ים, אָדער פאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד. די וועלאָסיפּעדן זענען געווען אַלט און ס'פלעגט זיי אָפט אויסקומען צו פאַרריכטן,

---

*) באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר איז איליטש אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַריכט אין טעריאָקי, אין האָטעל פונם פין קאַקאָ (דער האָטעל איז נאָכדעם פאַרברענט געוואָרן), פאַר אַ גרויסן עולם אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען פון פּעטערבורג.

דאָ מיט לעשטשענקאָס הילף, דאָ אָן זיין הילף; מען האָט פאַרריכט מיט אַלטע קאַלאָשן, און, ס'דאַכט זיך מיר, אַז מען האָט מער פאַרריכט ווי געפאָרן. אָבער פאָרנדיק האָבן מיר זיך זייער גוט געפילט. „דיאַדענקאַ" האָט געשטאָפּט איליטשן מיט פיינקוכנס און מיט הירשן-פעטס. איליטש האָט אָפּגערוט, אויסגעבעסערט זיין געזונט, געקומען צו זיך.

פון סטירסודען זענען מיר אוועקגעפאָרן אויף אַ קאָנפערענץ קיין טעריאָקי. באַטראַכטנדיק גוט די לאַגע, איז איליטש אויף דער קאָנפערענץ אַרויסגעטראָטן קעגן דעם באָיקאָט פון דער 3טער דומע. ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ מלחמה אויף אַ נייעם פראָנט, אַ מלחמה מיט די באָיקאָטירער, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט דער ביטערער ווירקלעכקייט און האָבן זיך פאַרשיכורט מיט קלינגענדיקע פראַזן. אויף דער קליינער „דאַטשע" האָט איליטש העפטיק פאַרטיידיקט זיין פּאָזיציע. קראַסין פלעגט קומען צופאָרן אויף אַ וועליסאָפּעד און, שטייענדיק ביים פענסטער, האָט ער אויפמערקזאַם אויסגעהאָרכט איליטשן. נאָכדעם פלעגט ער אין צימער נישט אַריינגיין און אַ פאַרטראַכטער אוועקפאָרן... יאָ, ס'איז געווען איבער וואָס צו טראַכטן.

ס'האָט זיך אָנגערוקט דער שטוטגאַרדער קאָנגרעס *). איליטש איז מיט אים געווען שטאַרק צופרידן. ער איז געווען צופרידן מיט די רעזאָלוציעס וועגן די פראָפ. פאַריינען און מיט דער באַציונג צו מלחמה.

*) דער שטוטגאַרדער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען פון 18טן ביז 24 אויגוסט 1907 (רעד.).

פון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד

(סוף 1907)

אילִיטשן איז אויסגעקומען אַריבערצוקלייבן זיך טיף אין פינלאַנד. אויף דער זומערוווינונג „וואַזאַ" (אין קואָקאַלאַ) זענען נאָך פאַרבליבן די באָגדאַנאָווס, אינאָקענטי (דובראָווינסקי) און איך. אין טעריאָקי זענען שוין פאָרגעקומען רעוויזיעס, האָט מען זיך אויף זיי אויך געריכט אין קואָקאַלע. איך מיט נאַטאַליע באָגדאַנאָווען האָבן מיר זיך „אָפּגערייניקט", פאַנאַנדערגעקליבן פאַרשידענע אַרכיוון, צוגענומען די ווערטפולע זאַכן, אָפּגעגעבן עס די פינישע חברים צו פאַרבאַהאַלטן און דאָס איבעריקע געברענט. מיר האָבן געברענט מיט אַזאַ התמדה, אַז איינמאָל האָב איך מיט שטוינונג באַמערקט, ווי דער שניי אַרום אונדזער „וואַזע" איז באדעקט מיט אַש. אגב, ווען די זשאַנדאַרמען וואָלטן אָנגעקומען, וואָלטן זיי געוויס עפּעס געפּאַקט: אַזויפיל שטאָף האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער „וואַזע". ס'איז אויסגעקומען אָנצונעמען ספּעציעלע פאָרזיכטס־מיטלען. איינמאָל אינדערפרי איז געקומען צולויפן די באַלעבאָסטע פון דער זומערוווינונג און דערציילט, אַז זשאַנדארמען זענען אָנגעקומען קיין קואָקאַלאַ. זי האָט געזומען, וויפל זי האָט געקענט, אומלעגאַלע ליטעראַטור, כדי ביי זיך צו פאַרבאַהאַלטן. אַלעקסאַנדער אַלעקסאנדראָוויטש באָגדאַנאָוון און אינאָקענטין האָבן מיר אַוועקגעשיקט אין וואַלד שפּאַצירן און אַליין האָבן מיר זיך

געשטעלט ווארטן אויף דער רעוויזיע. דאַסמאָל זענען זיי נישט געקומען מאַכן קיין רעוויזיע אויף דער „וואַזע", זיי האָבן גאָר געזוכט באַיעוויקעס (קעמפער).

איליטשן האָבן די חברים אָוועקגעשיקט טיף קיין פינ־לאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין אָגלבי, — אַ קליינע סטאַנציע לעבן העלסינגפאָרס, — ביי צוויי פינישע שוועסטער. ווי אַ פרעמדער האָט זיך איליטש געפילט אין דעם אויסטערליש־ריי־ניקן קאַלטן באַקוועמען פינישן צימערל, אינם צימערל מיט געשפּיצטע פאַרהענגלעך, וווּ אַלץ איז געשטאַנען אויפן אָרט, וווּ הינטער דער וואַנט האָט מען געהאַלטן אין איין לאַכן, געשפילט פּיאַנע און געפּלוידערט אויף פיניש. איליטש האָט גאַנצע טעג געאַרבעט איבער דער אַגראַר־פראַגע, באַטראַכטנ־דיק אויספירלעך די דערפאַרונגען פון דער איבערגעלעבטער רעוואָלוציע. שטהנלאַנג האָט ער אַרומגעשפרייזט פון איין ווינקל אין צווייטן, אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט צו שטערן זיינע באַלעבאָסטעס. איך בין פאַרפאָרן צו אים קיין אָגלבי.

די פּאָליציי האָט שוין איליטשן אַרומגעזוכט איבער גאַנץ פינלאַנד. ער האָט געמוזט אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. ס'איז געווען קלאָר, אַז די רעאַקציע וועט זיך פאַרציען אויף יאָרן. מען האָט געדאַרפט ווידער זיך אָפּטראָגן אין דער שווייץ. עס האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט, אָבער ס'איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. מען האָט געמוזט תיכּף אָנהייבן אַרויס־צוגעבן אין אויסלאַנד דעם „פּראָלעטאַריער", היות אין פינלאַנד איז געוואָרן אוממעגלעך אים אַרויסצוגעבן. איליטש האָט גע־מוזט ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט אַוועקפאָרן קיין שטאָקהאָלם און דאָרט וואַרטן אויף מיר. מיר, ווידער, איז נאָך אויסגעקומען צו פאַרבלייבן אין פּעטערבורג, כדי דאָרט איינצואָר־דענען מיין אַלטע קראַנקע מוטער, פאַרענדיקן אַ רייע ענינים, אויפ־רעדן זיך וועגן די פאַרבינדונגען און נאָכדעם אַרויספאָרן צו איליטשן.

בעת איך האָב זיך געפּאָרעט אין פּעטערבורג, איז איליטש שיער נישט אומגעקומען אויף דער נסיעה קיין שטאָקהאָלם. ס'האָט זיך געהאַנדלט אַט אין וואָס: מען האָט אים אַזוי גוט

אויסגעשפּירט, אַז פאָרן מיטן געוויינלעכן וועג אויף אַ דאַמפער פון אַבאָ, וואָלט געהייסן אַריינפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען *). עס זענען שוין געווען פאַלן פון אַרעסטן ביים אַרויפשטייגן אויף דער שיף. עמעצער פון די פינער חברים האָט געראַטן, ער זאָל זיך אַרויפזעצן אויף דער שיף פון דעם באָטניסטן אינדזל, ווייל דאָרט האָט די רוסישע פּאָליציי נישט געהאַט קיין רעכט צו אַרעסטירן. אָבער ביז צו דער אינדזל האָט מען געדאַרפט גיין צופוס אַ דריי וויאָרסט איבערן אייז, און דאָס אייז, נישט געקוקט אויפן דעצעמבער-חודש, איז נישט אומעטום געווען גוט פאַרפרוירן. ס'זענען נישט געווען קיין אַמאַטאָרן איינצושטעלן דאָס לעבן, ס'האָבן זיך נישט געפונען קיין פירער. ענדלעך, האָבן זיך אילייטשן אונטערגענומען דורכצופירן צוויי בגילופנדיקע פינישע פויערים. זיי האָבן זיך געלאָזט ביינאַכט איבערן אייז און זענען שיער־שיער מיט אילייטשן נישט אומגעקומען: אין איין אָרט האָט דאָס אייז אָנגעהייבן אַוועקצוגיין פון אונטער זייערע פיס. זיי זענען קוים אַרויס לעבעדיקערייט.

דער פינפטער חבר באָרגאָ, וועלכער האָט מיר געהאָלפן אַריבערצוקלייבן זיך קיין שטאָקהאָלם און וועלכער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך דער ווייסער-גוואַרדיע, האָט מיר דערציילט, ווי געפערלעך ס'איז געווען דער אויסגעקליבענער וועג און נאָר דורך אַ צופאַל איז אילייטש געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. און אילייטש האָט דערציילט, אַז בעת דאָס אייז האָט אָנגעהייבן אַוועקצוגיין פון אונטער זיינע פיס, האָט ער געטראַכט: „ס'אַראַ נאַרישער טויט". רוסן—באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, עס-ערן זענען ווידער געפלויגן קיין אויסלאַנד. צוזאַמען מיט מיר, אויף דער שיף וואָס איז געגאַנגען קיין שוועדן, זענען געפאָרן: דאַן, לידיאַ אָסיפּאָווגאַ צעדערבוים און עטלעכע עס-ערן.

*) פון פינלאנד קיין שוועדן פלעגן די שיפן קורסירן אפילו ווינטער, צעשניידנדיק דאָס אייז מיט אייז-שניידער.

פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין שטאָקהאָלם, האָב איך מיט איליטשן זיך געלאָזט קיין זשענעווע דורך בערלין. ערב אונדזער אָנקומען זענען אין בערלין פאָרגעקומען רעוויזיעס און אַרעסטן ביי רוסישע בירגער; און דער מיטגליד פון דער בערלינער גרופע, דער חבר אַווראַמאָוו, וועלכער האָט אונדז באַגעגנט, האָט אונדז נישט געלאָזט גיין צו עמיצן אין ווינונג, נאָר האָט אונדז אַרומגעפירט אַ גאַנצן טאָג פון איין צוקערניע אין דער צווייטער. אַ גאַנצן אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט ביי ראָזאַ לוקסענבורג. וולאַדימיר איליטשן און ראָזאַ לוקסענבורגן האָט שטאַרק דערנעענטערט דער שטוטגאַרדער קאָנגרעס, אויף וועלכן זיי האָבן ביידע אַרויסגעטראָטן, סאָלידאַריזירנדיק זיך בנוגע דער מלחמה-פראַגע. דאָס איז נאָך פאָרגעקומען אין 1907 יאָר, און אויפן קאָנגרעס האָבן זיי שוין גערעדט דערפון, אַז אין קאַמף קעגן מלחמה דאַרף מען קעמפן נישט בלויז פאַר שלום, נאָר מען דאַרף אויך קעמפן צו פאַרבייטן דעם קאַפּיטאַליזם אויף סאָציאַליזם. דעם קריזיס, וואָס איז אַ פועל-יוצא פון דער מלחמה, דאַרף מען אויסנוצן אויף אַראָפּצוּוואַרפן די בורזשואַזיע. כאַראַקטעריזירנדיק דעם שטוטגאַרדער צוזאַמענפאָר, האָט איליטש אַזוי געשריבן: „דורך אַ גאַנצע רייע וויכטיקע פראַגן האָט דער שטוטגאַרדער צוזאַמענפאָר בולט אויסגעשניצט דעם אָפּאָרטוניסטישן און דעם רעוואָלוציאָנערן פליגל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און האָט געלייזט דידאָזיקע פראַגן אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם“. אויפן שטוטגאַרדער קאָנגרעס איז ראָזאַ לוקסענבורג און איליטש געגאַנגען האַנט ביי האַנט. און דעריבער האָט זייער שמועס אין יענעם אָוונט געטראָגן אַ באַזונדער פריינטלעכן כאַראַקטער.

אין האָטעל, וווּ מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זענען מיר אינאָוונט געקומען קראַנקע. פון אונדזערע ביידנס מיילער איז געגאַנגען אַ ווייסער שוים, מיר האָבן געפילט, אַז די כּוחות זענען ביי אונדז אויסגעגאַנגען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעת די וואַנדערונגען פון איין רעסטאָראַן אין צווייטן,

האָבן מיר זיך ערגעץ אָפּגעסמט מיט פיש. מיר האָבן בייגאַכט געמוזט אַרויסרופן אַ דאָקטאָר. וולאַדימיר איליטש איז געווען געמאָלדן אַלס פינישער קוכער און איך — אַלס אַמעריקאַנער בירגערין, דעריבער האָט דער דינער צו אונדז פאַרבעטן אַן אַמעריקאַנישן דאָקטאָר. באַטראַכטנדיק וולאַדימיר איליטשן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז ס'איז אַן ערנסטע זאַך; נאָכדעם האָט ער מיר באַטראַכט און געזאָגט: „ס'וועט אייך גאָרנישט זיין, איר וועט לעבן!" ער האָט אונדז פאַרשריבן אַ סך רפואות און פאַרן וויזיט גענומען אַ נישקשהדיקן פּרייז. עטלעכע טעג האָבן מיר זיך אָפּגעוואַלגערט אין האָטעל און נאָכדעם, נישט טויט און נישט לעבעדיק, האָבן מיר זיך אַוועקגעשלעפּט קיין זשענעווע, וווהין מיר זענען אָנגעקומען דעם 7טן יאַנואַר 1908. איליטש האָט נאָכדעם געשריבן גאָרקין, אַז מיר האָבן זיך אויפן וועג „פאַרקילט".

זשענעווע האָט געמאַכט אַ העסלעכן איינדרוק. קיין שנייעלע האָט מען נישט אָנגעזען, נאָר ס'האָט געבלאָזן אַ העפּטיקער קאַלטער ווינט. מען האָט פאַרקויפט קאַרטן מיט בילדער, ווי דאָס וואַסער ווערט אין פלוג פאַרפרוירן אויפן ברעג פון דער זשענעווער אָזיערע. די שטאָט האָט געהאַט אַ טויטן, וויסטן אויסזען. פון די חברים האָבן צו יענער צייט געוווינט: מיכאַ צכאַקאַיאַ, וו. ק. קאַרפּינסקי און אָלגאַ ראַוויטש. מיכאַיל צכאַקאַיאַ האָט געלעבט אין אַ קליין צימערל און ווען מיר זענען אָנגעקומען האָט ער זיך קוים אויפגעהייבן פון בעט. ס'האָט זיך עפּעס נישט גערעדט. די קאַרפּינסקעס האָבן דע־מאָלט געוווינט אין דער רוסישער ביבליאָטעק, וואָס האָט פריער באַלאַנגט צו קוקלינען און מיט וועלכער עס האָט איצט אָנגע־פירט קאַרפּינסקי. ווען מיר זענען געקומען האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. ער האָט פון ווייטיק געפינטלט מיט די אויגן. די לאָדנס זענען געווען צוגעמאַכט, וויל דאָס ליכט האָט אים אויפגערעגט. ווען מיר זענען פון קאַרפּינסקין גע־גאַנגען איבער די וויסטע זשענעווער גאַסן, וועלכע זענען אונדז איצט געווען אַזוי פרעמד, האָט איליטש אַ זאָג געטאָן: „כ'האָב

דאָס געפיל, גלייך איך וואָלט אַהער געקומען זיך לייגן אין קבר אַריין.

ס'האָט זיך אָנגעהייבן אונדזער צווייטע עמיגראַציע. זי איז געווען פיל שווערער פון דער ערשטער.

צוגאבן

װעגן דעם מעטאָד פֿון לעבינס װיסנשאַפֿטלעכער אַרבעט

צו װאָסער אַרבעט איליטש פֿלעגט זיך נישט נעמען, האָט ער זי ליב געהאַט אָפּצוטאָן װי געהעריק. ער האָט אַליין אָפּגעטאָן אַ מאַסע שװאַרצע אַרבעטן.

װאָס מער באַדײַטונג ער האָט צוגעגעבן דער אָדער יענער אַרבעט, אַלץ מער האָט ער אַרײַנגעדרונגען אין אירע פּרטים.

צום סוף פֿון די 90ער יאָרן האָט װלאַדימיר איליטש געפֿילט, אַז ס'איז נײטװענדיק אין רוסלאַנד אַרויסצוגעבן אַ רעגלמעסיקע אומלעגאַלע צײַטונג, װײַל אַזאַ מין צײַטונג װאָלט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג אין זין פֿון אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, זי װאָלט באַלויכטן פֿון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט אַלע געשעענישן, אַלע פֿאַקטן פֿון דער רוסישער װירקלעכקייט, די אַרבעטער־באַװעגונג, װאָס האָט זיך אָנגעהייבן אַלץ ברייטער און ברייטער צו אַנטװיקלען. אָבער זעענדיק, אַז ס'איז שװער אין רוסלאַנד אַרויסצוגעבן אַזאַ צײַטונג, האָט ער אויפּגעקליבן אַ גרופּע חברים, באַשלאָסן מיט זיי אַװעקצופֿאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט אַרויסגעבן אַזאַ צײַטונג. די „איסקראַ" איז געװען זײַנער אַן אײנפֿאַל און ער האָט זי אָרגאַניזירט. יעדן נומער האָט ער פּשוט „אויסגעטראָגן". אויף יעדעס װאָרט האָט מען געטראַכט. אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט: װלאַדימיר איליטש

האָט אַליין געמאַכט די קאָרעקטע פון דער גאַנצער ציַיטונג. דאָס האָט ער געטאָן נישט דערפאַר, ווייל ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל מאַכן די קאָרעקטע (איך אַליין האָב זיך גיך צוגעוווינט דערצו), נאָר ווייל ער האָט מורא געהאַט, ס'זאָלן נישט פאַרבלייבן קיין גרייזן. צוערשט האָט ער אַליין געלייענט די קאָרעקטע, נאָכדעם האָט ער זי מיר געגעבן, שפּעטער ווי־דעראַמאָל אַליין איבערגעקוקט.

און אין אַלץ אַזוי. ער האָט אַ סך געאַרבעט איבער לאַנדווירטשאַפטלעכער סטאַטיסטיק. אין זיינע העפטן האָט מען געפונען איבערגעשריבענע טאַבעלעס. ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן ציפערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, פלעגט ער אַליין נאָכשטימען די געדרוקטע טאַבעלעס. די אויספירלע־כע נאָכשטימונג פון יעדן פאַקט, פון יעדער ציפער — זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר איליטשן. זיינע אויספירן בויט ער אויף פאַקטן.

די שטרעבונג צו באַגרינדן יעדן אויספיר מיט פאַקטן, טרעט בולט אַרויס אין זיינע ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע בראָ־שורן: „וועגן שטראָפן", „וועגן שטרייקן", „דער נייער פאַבריק־געזעץ". ער וויל דעם אַרבעטער נישט איינרעדן, ער באַווייזט אים אַלץ מיט פאַקטן. אייניקע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיינע בראָשורן זענען צעצויגן. אָבער אויף די אַרבעטער האָבן זיי געהאַט אַן איבערציַיגנדיקע ווירקונג. לענינס גרינטלעכע אַרבעט, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין תּפיסה — „די אַנט־וויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד" — איז באַזירט אויף אומגעהויערע פאַקטישע מאַטעריאַלן. אַזוי ווי דאָס לייענען מאַרקס „קאַפּיטאַל" האָט אין לענינס לעבן געשפּילט אַ קאָלאָ־סאַלע ראָל, האָט ער דעריבער גוט געדענקט אויף וואָסערע פאַקטישע מאַטעריאַלן מאַרקס האָט באַגרינדעט זיינע אויספירן.

לענין האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיין זכרון, הגם ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון. ער האָט קיינמאָל נישט גע־בראַכט קיין פאַקטן פון זכרון; „אומגעפער" פלעגט ער זיי אַלע ברענגען מיט דער העכסטער פינקטלעכקייט. ער פלעגט

איבערקוקן גאַנצע חמרים מאַטעריאַלן (האָט געלייענט און גע־שריבן זייער שנעל), נאָר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַר־געדענקען, האָט ער פאַרצייכנט אין אַ העפט. אין זיינע העפטן זענען פאַרבליבן אַ מאַסע נאָטיצן. איבערקוקנדיק איינמאָל מיינע אַ בראָשורקע „די אָרגאַניזאַציע פון זעלבסטבילדונג", האָט ער געזאָגט, אַז איך בין נישט גערעכט, בעת איך זאָג, אַז מען דאַרף פאַרצייכענען בלויז דאָס נייטיקסטע. לויט זיין דערפאַ־רונג האָט מען קלענערע פּרטים אויך געדאַרפט פאַרצייכענען. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער נאָכדעם נישט איינמאָל איבער־געקוקט, וועגן וואָס עס זאָגן עדות זיינע באַמערקונגען א. אַז. וו.

אויב דאָס בוך האָט צו אים געהערט, פלעגט ער אונ־טערשטרייכן פאַרשידענע שטעלן, מאַכן באַמערקונגען אויף די מאַרגינעזן און אויף דער הילע פאַרצייכענען בלויז דאָס זייטל, אונטערשטרייכנדיק דעם פאַרצייכנטן נומער מיט איינע אָדער עטלעכע ליניעס, לויט דער וויכטיקייט פונם אָפּגעצייכנטן אָרט. ער פלעגט אויך איבערלייענען זיינע אַרטיקלען, געמאַכט אויף זיי באַמערקונגען. די שטעלן, וועלכע פלעגן אים אַרויפפירן אויף אַ נייעם געדאַנק, האָט ער אויך אונטערגעשטראָכן און דאָס זייטל פאַרנאָטירט אויף דער הילע. אַזוי האָט איליטש אָרגאַניזירט זיין זכרון. ער האָט תמיד גוט געדענקט, וואָס ער האָט געזאָגט, ביי וועלכע באַדינגונגען, ביי וועלכער פּאָלעמיק. און אין זיינע ווערק, רעדעס און אַרטיקלען באַגעגענען מיר קנאַפּ איבערחזרונגען. אמת טאַקי, אַז אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן באַגעגענען מיר אין איליטשעס אַרטיקלען און רעדעס דיזעלבע גרונט־געדאַנקען. דעריבער ליגט אויף זיינע אַרויסגעזאָגטע זאַכן דער שטעמפּל פון ספּעציעלער גאַנצקייט און שטאַנדהאַפ־טיקייט. אָבער דאָך זעען מיר נישט קיין פּשוטע איבערחזרונג אין די געדאַנקען, וואָס ער האָט שוין פריער געהאַט געזאָגט. דעמזעלבן געדאַנק פאַרווענדעט ער צו נייע באַדינגונגען, אין אַן אַנדער קאָנקרעטער פאָרם, באַלייכט די פראַגע פון אַן אַנדער זייט. איך געדענק אַ שמועס מיט איליטשן. ער איז

שוין דעמאָלט קראַנק געווען. מען האָט גערעדט וועגן זיינע נאָר-וואָס דערשינענע ווערק, וועגן דעם, ווי ס'האָט זיך אויף זיי אָפּגערופן די דערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי וויכטיק ס'איז צו מאַכן דידאַקטיק דערפאַרונג צוטריטלעך פאַר די אויסלענדישע חברים; מען האָט גערעדט דערפון, אַז מען דאַרף אויסנוצן די דערשינענע בענדער, כּדי צו באַווייזן, ווי זיין גרונט-אידעע ווערט אויסגעטייטשט אויף פאַרשידענע אופנים, אָפּהענגיק פון די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס בייטן זיך. איליטש האָט מיר געהייסן אויפזוכן אַ חבר, וועלכער וואָלט אויסגעפירט דידאַקטיקע אַרבעט.

דאָס איז נאָך אָבער ביז איצט נישט געטאָן געוואָרן.

לענין האָט גרינטלעך דורכגעשטודירט די דערפאַרונג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון וועלט-פּראָלעטאַריאַט. דידאַקטיקע דערפאַרונג איז זייער גוט באַלויכטן ביי מאַרקסן און ענגעלסן. לענין פלעגט דאָסדאָזיקע ווערק כּסדר לייענען, ער האָט זיי גע-לייענט אויף יעדן נייעם עטאַפּ פון אונדזער רעוואָלוציע. אַלע ווייסן, ס'איז אַ גרויסע השפּעה מאַרקס און ענגעלס האָבן גע-האַט אויף לענינען. ס'וואָלט אָבער וויכטיק געווען אַ קוק צו טאָן מיט וואָס און אויף וואָסער אופן זייערע ווערק האָבן צו-געהאָלפן לענינען ביי דער אָפּשאַצונג פונם לויפנדיקן מאָמענט און ביי דער אָפּשאַצונג פון די אַנטוויקלונגס-פּערספּעקטיוון אויף יעדן עטאַפּ פון אונדזער רעוואָלוציע. אַזאַ אויספאָרשונגס-אַרבעט איז נאָך נישט אָנגעשריבן געוואָרן און דאָך וואָלט זי בולט אויפגעוויזן, אויף וויפל די דערפאַרונג פון דער וועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט געהאָלפן לענינען אין זיינע פאָרויסזעונגען. די וועלכע עס אינטערעסירט, וויאַזוי לענין האָט געאַרבעט, וויאַזוי ער האָט געלייענט מאַרקסן און ענגעלסן, וואָס ער האָט פון זיי גענומען צו דער אָפּשאַצונג פון אונדזער קאַמף — אַט דידאַקטיקע וואָלט אַזאַ אַרבעט זייער פיל געגעבן. זי וואָלט באַוויזן, וואָסער גרויסע ווירקונג אויף אונדזער רע-וואָלוציע, אויף אונדזער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט געהאַט די דערפאַרונג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון

אַרבעטער-קלאַס אין די לענדער, וועלכע זענען אינדוסטריעל מער אַנטוויקלט. אזא מין ארבעט וואָלט בעסער געגעבן צו דערפילן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע, אונדזער גאַנצער קאַמף, אונדזער גאַנצע אויפבוי־ארבעט — איז אַ טייל פונם קאַמף פון וועלטלעכן פראָלעטאריאַט. אזא מין ארבעט וואָלט באַוויזן וויאזוי און וואָס לענין האָט גענומען פון דער דערפאַרונג פונם קאַמף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאריאַט און וויאַזוי ער האָט דידאַקטיש דערפאַרונג פאַרווענדעט.

די דערפאַרונג פון קאַמף פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאריאַט האָט לענין שטודירט מיט אַ ספּעציעלער ליידנשאַפט. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ מער „אַנטימוזעישן" מענטשן, ווי לענין איז געווען. די פּילפּארביקייט, דער מיש-מאַש פון די מוזיי־מאַטעריאַלן האָבן אויף לענינען געמאַכט דעם שווערסטן איינדרוק: אין צען מינוט אַרום פלעגט ער שוין אויסקוקן שטאַרק אָפּגעמאַטערט. ס'איז מיר פאַרבליבן אין זכרון איין באַזוך אויף אַן אויסשטעלונג. אין פּאַריזער ארבעטער־קוואַרטאַל, ווו ס'זענען פאַרגעקומען די בארימטע היסטאָרישע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, איז אין צוויי צימערלעך איינגעאָרדנט געוואָרן די אויסשטעלונג פון דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר. מען האָט זיך געדאַרפט צוקוקן, מיט וואָסער טיפן אינטערעס וולאַדימיר איליטש האָט זיך איינגעגעסן אין יעדער קלייניקייט. פאַר אים איז עס געווען אַ טייל פון לעבעדיקן קאַמף. ווען איך בין געווען אין אונדזער „רעוואָלוציע מוזיי", פלעגט פאַר מיינע אויגן אויסוואַקסן וולאַדימיר, וואָס עסט זיך איין מיט די אויגן אין יעדער קלייניקייט.

וויאַזוי מען דאַרף אויסנוצן די דערפאַרונג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, האָט דערפון נישט איינמאָל איליטש אַליין געשריבן. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן אַ פאַקט, אין צוזאַמענהאַנג מיט קאַוטסקיס אַ בראָשור. קאַוטסקי האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר: „די באַוועגלעכע כוחות און די פּערספּעקטיוון פון דער רוסישער רעוואָלוציע". די בראָשור

איז איליטשן שטארק געפעלן געוואָרן. ער האָט זי תיכף גע־הייסן איבערזעצן, האָט קאָריגירט יעדע פראַזע פון דער אי־בערזעצונג, אָנגעשריבן צו איר אַ הייסע פאָררעדע, האָט גע־הייסן מען זאָל זי שנעל אַרויסגעבן און איך אַליין זאָל איבער־קוקן די קאָרעקטורן. איך געדענק, ווי אונדזער גרויסע לעגאַלע דרוקעריי האָט דריי טעג נאָכאַנאַנד נישט געקענט אויסזעצן דידאָזיקע קליינע בראָשור, דריי טעג איז אויסגעקומען צו זיצן אין דרוקעריי, שעהנווייז וואַרטן אויף דער קאָרעקטע. איליטש האָט געקענט אָנשטעקן אַלעמען מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך. נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע אַלע גע־דאנקען אין שייכות מיט קאַוטסקיס בראָשור, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן די פאָררעדע — האָט מען גע־דאַרפט אַוועקוואַרפן אַלע ארבעטן און אָפּזיצן אין דער דרו־קעריי, ביז די בראָשור וועט נישט דערשיינען. און איצט, מער ווי אין צוואַנציק יאָר אַרום, פלאַנטערט זיך ביי מיר אין זכרון די גראָע הילע, דער שריפט און די דרוק-פעלערן פון דער בראָשור, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די שרעקלעכע יסורים פון אונדזער דעמאָלטיקער רוסישער מעכנישער אומגעלומפערט־קייט, מיט איליטשעס ליידנשאַפטלעכע רעדעס און די שלוס־ווערטער פון זיין פאָררעדע צו דערדאָזיקער בראָשור. ער האָט אַזוי געשריבן: „צום שלוס עטלעכע ווערטער וועגן „אויטאָרי־טעטן". מאַרקסיסטן קענען נישט שטיין אויפן געוויינלעכן שטאנדפונקט פון אַ ראדיקאַל־אינטעליגענט, מיט זיין פּלומרש־טער רעוואָלוציאָנערער אַבסטראַקציע: „קיין שום אויטאָריטעטן". ניין, דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס פירט אויף דער גאָרער וועלט אַ שווערן, האַרטנעקיקן קאַמף פאַר פולשטענדיקער באַפרייונג, מוז האָבן אויטאָריטעטן, אָבער, פארשטייט זיך, אַזעלכע אויטאָ־ריטעטן אין וועלכע דער יונגער אַרבעטער זאָל זיך נייטיקן. זיי נייטיקן זיך אין אַלטע קעמפער קעגן אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטאָרן, — קעמפער, וואָס האָבן דורכגעפירט אַ סך שטרייקן, וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין אַ רייע רעוואָלו־ציעס, רייך מיט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און מיט אַ ברייטן

פּאָליטישן בליק, אַן אויטאָריטעט פונם אַלוועלטלעכן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט דאַרפן מיר האָבן אויפצוקלערן דאָס פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי. אָבער דערדאָזיקער אויטאָריטעט האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט צו זאָגן מיט די סקאַרבאָווע אויטאָריטעטן פון דער בורזשואַזער לערע און פון דער פּאָליצייאישער פּאָליטיק. דערדאָזיקער אויטאָריטעט איז אַן אויטאָריטעט פון אַ פילזייטיקערן קאַמף אין דיזעלבע רייען פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער אַרמיי".

אין זיין פאָררעדע צו „די באַוועגלעכע כּוחות פון דער רוסישער רעוואָלוציע", האָט איליטש געשריבן וועגן קאַוטסקיס צוגאַנג צו דער רוסישער רעוואָלוציע, זאָגנדיק: „מיר וועלן גוט האנדלען, אויב מיר וועלן זיך פאַרייגענען דעם געדאַנק, אַז מיר שטייען פאַר נייע סיטואַציעס און נייע פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו קיין שום אַלטן שאַבלאָן". אין זיין פאָררעדע קעמפט איליטש הייס קעגן פאַרוועגדן שאַבלאָנען צו נייע סיטואַציעס. מיר ווייסן, אַז אָפּשאַצנדיק די רעוואָלוציע פון 1917, האָט קאַוטסקי נישט געקענט באַגרייפן די נייע סיטואַציע און די נייע פּראָבלעמען, איז ער דעריבער געוואָרן אַ רענעגאַט.

קענען שטודירן נייע סיטואַציעס און פּראָבלעמען, שטיצנדיק זיך אויף דער דערפאַרונג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון וועלט-פּראָלעטאַריאַט, קענען צופּאַסן דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד צום אַנאַליז פון נייע קאָנקרעטע סיטואַציעס, — דערין דריקט זיך הויפּטזעכלעך אויס דער לעניניזם. ליידער, איז די־דאָזיקע זייט פון דער זאַך נאָך נישט גענוג באַלויכטן מיט קאָנקרעטע פאַקטן, הגם וועגן דעם האָט מען שוין נישט קנאַפּ געשריבן.

נאָך ווייניקער איז אין געדרוקטן וואָרט באַלויכטן איין זייט פון לענינישן צוגאַנג בנוגע דער אָפּשאַצונג פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן: קענען זען די קאָנקרעטע ווירקלעכקייט און ברענגען צום אויסדרוק די קאָלעקטיווע מיינונג פון

די קעמפנדיקע מאַסן, וואָס שפּילן, לויט לענינס מיינונג וזע די פאָרהעדע צו די „באַוועגלעכע כוחות״) אַ דעצידירנדיקע ראָל אין די פּראַקטישע און קאָנקרעטע פראַגן פון דער נאַ־ענטער פּאָליטיק.

לענין חעגן קענען שרייבן פאַר אַרבעטער און פויערים-מאַסן

„איך וואָלט קיין שום זאַך אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט, וועגן קיין שום זאַך האָב איך אַזוי שטאַרק נישט געטרוימט, ווי צו קענען שרייבן פאַר אַרבעטער" — האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן פון סיביר קיין אויסלאַנד צו פּאַוועל באָריסאָוויטש אַקסעלראָדן (בריוו פון 16טן יולי 1897).

שוין אין 1897 יאָר האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן פאַר אַרבעטער.

אין 1895 יאָר האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ בראָשור פאַר אַרבעטער: „דערקלערונג וועגן דעם געזעץ פון שטראָפן, וואָס עס ווערט גענומען פון אַרבעטער אויף די פאַבריקן".

די דאָזיקע בראָשור איז אומלעגאַל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1896, אין לאַכטינער דרוקעריי.

אַ גרופּע פּעטערבורגער סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וועלכע איז געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען „דער פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייונג פונם אַרבעטער-קלאַס", וווּהין ס'זענען אַריין לענין, קזשיזשאַנאָווסקי, סטאַרקאָוו, ראַדטשענקאָ, וואַנעעוו, סילווין, יאַקובאָוו און אַנדערע, האָבן זיך אין 1895 אָוועקגעשטעלט פאַר אַ ציל — אַרויסצוגעבן אַן אומלעגאַלן זשורנאַל „די אַרבעטער-זאַך". ווען דער ערשטער נומער איז שוין געווען גרייט, זענען פאָרגעקומען אַרעסטן. ביי וואַנעעוון האָט מען צוגענומען

דעם כתב־יד פונם נייעם נומער, וועלכן ס'איז נישט באַשערט געווען אָנצוזען די ליכטיקע וועלט. צו דעמדאָזיקן נומער האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעשריבן אַן ארטיקל: „וועגן וואָס טראַכטן אונדזערע מיניסטאָרן".

פון תפיסה האָט וולאַדימיר איליטש אין אַ בוך איבער־געשיקט צוויי פראָקלאַמאַציעס צו די אַרבעטער: „דער אַרבע־טער יום־טוב פון 1טן מאַי" און „צו דער צאַרישער רעגירונג".

אַקסעלראָד און פּלעכאַנאָוו האָבן זיך זייער גוט אָפּגע־רופן וועגן איליטשעס בראָשור: „דערקלערונג פונם געזעץ וועגן שטראָפן".

אינם זעלבן בריוו צו אַקסעלראָדן פון 16טן אויגוסט 1897, האָט איליטש געשריבן: „אייערע און זיינע (פּלעכאַנאָווס) מיינונגען וועגן מיינע ליטעראַרישע פּרוּוון האָבן מיר צוגע־געבן מוט".

יונגע שרייבער, וואָס ווילן זיך אויסלערנען שרייבן אַזוי, אַז די ברייטע מאַסן זאָלן זיי פאַרשטיין, דאַרפן אויפמערקזאַם שטודירן דידאָזיקע איליטשעס אַרבעטן.

אויב מיר וועלן אַ קוק טאָן אין דער בראָשור „דער־קלערונג וועגן שטראָפן־געזעץ", וועלן מיר זען, אַז די בראָשור איז אָנגעשריבן מיט זייער אַ פּשוטער שפּראַך, אָבער גלייכ־צייטיק וועלן מיר אויך זען, אַז זי איז ווייט פון דער אוי־בערפלעכלעכער אַגיטאַציע־ליטעראַטור, וואָס ווערט אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין אונדזער צייט. אין דער בראָשור זענען נישטאָ קיין שום אַגיטאַציע־פראַזן, קיין שום רופן. אָבער דער אויס־וואַל פון דער טעמע איז זייער כאַראַקטעריסטיש. דידאָזיקע טעמע האָט שטאַרק אָנגערעגט די אַרבעטער, איז געשטאַנען נאָענט צו די אַרבעטער. די בראָשור איז באַזירט אויף פאַקטן, וועלכע זענען גוט באַקאַנט דעם אַרבעטער, אויף פאַקטן, צו־נויפגעקליבן פון פאַרשידענע קוואַלן און פּאָפּולער אָנגעשריבן. אין דער בראָשור ריידן און איבערצייגן נישט ווערטער, נאָר מעשים און פאַקטן. זיי ריידן און איבערצייגן אַזוי שטאַרק, אַז די אַרבעטער מאַכן נאָכדעם אַליין אויספירן. דער פּלאַן פון

דער בראָשור איז אויך זאָרגזאַם דורכגעטראַכט און באהאנדלט אויך פּילזייטיק די פּראַגע. דער פּלאַן ברענגט צו דידאַזיקע אויס־פירן: 1) וואָס זענען שטראָפן, 2) וויאַזוי האָט מען פריער אַרויפגעלייגט שטראָפן און דורך וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן די נייע געזעצן וועגן שטראָפן, 3) צוליב וואָסערע סיבות האָט דער פאבריקאנט רעכט צו באשטראָפן, 4) ווי גרויס קענען זיין די שטראָפן, 5) די אָרדענונג פון די אַרויפגעלייגטע שטראָפן, 6) וווהין דארפן לויטן געזעץ גיין די שטראָף־געלטער, 7) צי אויף אלע אַרבעטער זענען חל די שטראָף־געזעצן, 8) שלוס־וואָרט.

דאָס שלוס־וואָרט פאָרמולירט קורץ די אויספירן, וואָס דער אַרבעטער האָט שוין אַליין געמאַכט פון די פאַקטן פון די פריערדיקע קאַפּיטלען און העלפט אים בלויז אַנטגילטיק צו פאָרמולירן דידאַזיקע אויספירן. די אויספירן זענען פשוטע, גאָר האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין אַ קליין אַרטיקעלע „וועגן וואָס קלערן אונדזערע מיניסטאָרן", האָט לענין דעמזעלבן צוגאַנג צום לעזער, ווי אין דער בראָשור „דערקלערונג פונם געזעץ וועגן שטראָפן". ער נעמט דעם בריוו פונם אינערן־מיניסטער דורנאָוואָ צום אָבער־פּראָקוראָר פון הייליקן סינאָד פּאָבעדאָנאָסצעוו, אַנאַליזירט עס און דערלאַנגט דעם אַרבעטער אַזאַ מין אויס־פיר:

„אַרבעטער, איר זעט ווי עס שרעקן זיך אונדזערע מיניסטאָרן, בעת דער אַרבעטער באַקומט וויסן. באַווייזט אַלעמען, אַז קיין שום קראַפט קען נישט אָפּנעמען דאָס באַוווסטזיין ביי די אַרבעטער. אָן וויסן זענען די אַרבעטער אומבאַהאָלפן, מיט באַוווסטזיין זענען זיי אַ קראַפט".

די פּראָקלאַמאַציע „דער אַרבעטער יום־טוב פון 1טן מאַי" איז געשריבן פון תּפיסה און באַציט זיך צום 1896 יאָר. אָבער ווען מיר וואָלטן נישט געוווסט אין וואָסער יאָר זי איז אָנגעשריבן, וואָלט מען עס לייכט געקענט פעסטשטעלן לויטן כאַראַקטער פון דער פּראָקלאַמאַציע אַליין. אין איר האָט זיך

גערעדט וועגן אינטערנאַציאָנאַלן יום־טוב פון די אַרבעטער, וועגן אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פון די אַרבעטער. די פּראָקלאַמאַציע האָט פעסטגעשטעלט די פּערספּעקטיוון פון דעמדאָזיקן קאַמף און האָט גערופן צו אַ שטרייק־קאַמף.

די פּראָקלאַמאַציע איז דערשינען דעם 1טן מאַי 1896, און אין יוני האָבן שוין אין פּעטערבורג געשטרייקט 30 טויזנט טעקסטיל־אַרבעטער.

די צווייטע פּראָקלאַמאַציע צו דער „צאַרישער רעגירונג", האָט געמאַכט דעם סך־הכּל פון דעם שטרייק און גערופן צו אַ ווייטערן, מער פאַרשאַרפטן שטרייק. די פּראָקלאַמאַציעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער: די שטרייקן פון 1895-6 זענען אומזיסט נישט אַדורך. זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַרן רוסישן אַרבעטער. זיי האָבן באַוויזן, וויאַזוי מען דאַרף פירן אַ קאַמף צו פאַרטיידיקן די אייגענע אינטערעסן. זיי האָבן אויסגעלערנט דעם אַרבעטער צו פאַרשטיין די פּאָליטישע לאַגע און די פּאָליטישע נייטבאַדערפעניש פון אַרבעטער־קלאַס.

האַרבסט 1897 אַרבעט וו[illegible]אַדימיר איליטש איבער אַ צווייטע בראָשור פאַר די אַרבעטער, אָנגעשריבן לויטן זעלבן נוסח, וואָס די ערשטע. די בראָשור הייסט: „דאָס נייע פאַבריק־געזעץ". אין 1899 האָט ער אָנגעשריבן צוויי בראָשורן: „וועגן אינדוסטריעלע הלוואות" און „וועגן שטרייקן".

די אַרבעט איבער דידאָזיקע בראָשורן האָט אויסגעלערנט לענינען נאָך בעסער צו שרייבן און צו רעדן אַזוי, אַז זיינע רעדעס און אַרטיקלען זענען געוואָרן זייער נאָענט און פאַרשטענדלעך די מאַסן.

ביי וועמען האָט זיך לענין געלערנט פּאָפּולער צו רעדן און צו שרייבן? ער האָט זיך געלערנט ביי פּיסאַרעוון, וועלכן ער האָט אַ סך געלייענט, ער האָט זיך געלערנט ביי טשערנישעווסקין, אָבער ס'רוב האָט ער זיך געלערנט ביי אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט שעהנווייז גערעדט, אויספרעגנדיק ביי זיי יעדן פּרט פון זייער לעבן אויף דער פאַבריק, לייגנדיק

גרויס אַכט אויף זייערע צופעליקע באַמערקונגען, אויף זייערע שאלות, צוקוקנדיק זיך צו דער מדרגה פון זייער וויסן, פאַרוואָס און פאַרוועלן זיי פאַרשטייען נישט די אָדער יענע פראַגע. וועגן דידאָזיקע שמועסן דערציילן די אַרבעטער אין זייערע זכרונות וועגן לענינען.

אָבער אַרבעטנדיק אַ סך דערויף, ער זאָל די אַרבעטער בעסער און קלערער איבערגעבן זיין געדאַנק, האָט איליטש אין דערזעלבער צייט אויפגערעגט יעדע וווּלגאַריזירונג, יעדע שטרעבונג צו פאַרשמעלערן אָדער פאַראיינפאַכן פאַרן אַרבעטער וועלכע עס איז פראַגע. איליטש האָט געשריבן אין „וואָס טוט מען" (אין 1901—1902):

„די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דאַרף זיין אָנגעווענדעט דערויף, אַז מען זאָל דערהייבן די אַרבעטער ביז צו דער מדרגה פון רעוואָלוציאָנערן און נישט אַראָפּלאָזן זיך אַליין צו די אַרבעטער-מאַסן, ווי עס פאַרלאַנגען דורכויס די עקאָנאָמיסטן, צו די מיטעלע אַרבעטער-מאַסן, ווי עס וויל די „סוואָבאָדאַ" (וואָס הייבט זיך אויף אין דעם הינזיכט אויפן צווייטן שטאַפל פון עקאָנאָמישער „פעדאַגאָגיע"). איך בין ווייט פונם געדאַנק אָפּצולייקענען די נייטווענדיקייט פון פאָפולערער ליטעראַטור פאַר אַרבעטער און ספעציעל-פאָפולערע ליטעראַטור (אָבער נישט קיין שונד-ליטעראַטור) פאַר ספעציעל-אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער. באָר עס רעגט מיך תמיד אויף דאָס, וואָס מען פלאָנטערט אַריין פעדאַגאָגיע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. ווייל, איר, הערן קעמפער פונם „מיטל-אַרבעטער", איר באַליידיקט אים בעצם מיט אייער חשק זיך איינצובויגן, אָנשטאָט צו ריידן וועגן אַרבעטער-פּאָליטיק, אָדער וועגן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. רעדטזשע בעסער וועגן ערנסטע זאַכן אויסגעגלייכטערייט און לאָזט איבער די פעדאַגאָגיע פאַר פעדאַגאָגן, אָבער נישט פאַר פּאָליטיקער און אָרגאַניזאַטאָרן". (לענינס געז. ווערק באַנד IV זייט 2—461).

איליטש איז געווען שטאַרק בייז אויף די, וואָס האָבן געפּאָנפעט צו די אַרבעטער און אָנשטאָט ערנסט צו באַהאַנדלען

פראַגן ברענגען זיי משלים און קלינגענדיקע פראַזן". (אין זעלבן אָרט).

אין איליטשעס רעדעס און אַרטיקלען האָבן די אַרבעטער תמיד געזען, אַז איליטש איז מיט זיי ערנסט.

אין דריי יאָר אַרום (אין יוני 1905) קערט זיך אום וולאַדימיר איליטש צו דער פראַגע, וואָס איז דורך אים באַרירט געוואָרן אין „וואָס טוט מען" און שרייבט:

„אין דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז תמיד דאָ און עס וועט זיין אַ געוויסער עלעמענט פון פּעדאַגאָגיע. מען דאַרף דערציען דעם גאַנצן קלאַס פון געדונגענע אַרבעטער אין דער ראָל פון קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון דער גאַנצער מענטשהייט פון יעדער אונטערדריקונג, מען דאַרף כסדר אונטערריכטן נייע שיכטן פון דעמדאָזיקן קלאַס, מען דאַרף קענען צוגיין צו די סאַמע גרויע, אומאַנטוויקלטע פאָרשטייער פון דעמדאָזיקן קלאַס, צו די פּאָרשטייער, וועלכע זענען קנאַפּ דורכגעדרונגען מיט אונדזער לערע און מיט דער לעבנס-לערע, מען דאַרף קענען ריידן מיט זיי, זיך דערנענטערן צו זיי, מען דאַרף קענען אויסגעהאַלטן, געדולדיק זיי דערהייבן צום סאָציאַל-דעמאָקראַטישן באַוווסטזיין, נישט פאַרוואַנדלענדיק אונדזער לערע אין אַ טרוקענע דאָגמע, לערנענדיק נישט בלויז פון אַ ספר, נאָר אויך אָנטייל נעמען אינם טעגלעכן לעבנס-קאַמף פון דידאָזיקע גרויע אומאַנטוויקלטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט. אין דערדאָזיקער טעטיקייט, חזרן מיר איבער, געפינט זיך אַן עלעמענט פון פּעדאַגאָגיע. אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, וועלכער וואָלט פאַרגעסן פון דערדאָזיקער טעטיקייט, וואָלט אויפגעהערט צו זיין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. דאָס איז אַ פאַקט. נאָר ביי אונדז פאַרגעסט מען איצט גאַנץ אָפט, אַז דער סאָציאַל-דעמאָקראַט, וואָס מישט צונויף די פּאָליטישע אויפגאַבן מיט פּעדאַגאָגיע, הערט אויך אויף — הגם צוליב אַן אַנדער סיבה, — צו זיין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט. וועמען ס'וואָלט אַריין אין זינען צו מאַכן פון דערדאָזיקער „פּעדאַגאָגיע" אַ באַזונדער לאָזונג, זי ק ע ג נ ש ט ע ל ן דער „פּאָליטיק",

בויען אויף דערדאָזיקער קעגנשטעלונג אַ באַזונדער ריכטונג, אפּעלירן צו די מאַסן אין נאָמען פון דעמדאָזיקן לאָזונג, קעגן די „פּאָליטיקער" פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, — דער וואָלט תּיכּף אָראָפּגעגנידערט צו דעמאַגאָגיע (באַנד VII, זייט 9—308).

דאָס איז בלויז אַ דערקלערונג דערפון, וואָס ס'איז פריער געזאָגט געוואָרן און דאָס קלערן אויף איליטשעס פאָדערונגען צו דער פּאָפּולערער ליטעראַטור.

אין 1903 האָבן זיך אָנגעהייבן סטיכישע פּויערישע אויפשטאַנדן. איליטש שרייבט אַ פּאָפּולערע בראָשור „צו דער דאָרפישער אָרעמקייט", ווו ער קלערט אויף דער אָרעמקייט, פאַרוואָס עס קעמפן די אַרבעטער און פאַרוואָס די דאָרפישע אָרעמקייט דאַרף גיין מיט די אַרבעטער.

אין יולי 1905 גיט אַרויס איליטש זיין באַרימט בלעטל, אונטערן נאָמען: „דריי קאָנסטיטוציעס, אָדער דריי אָרדענונגען פון אַ מלוכה-אַפּאַראַט" (באַנד 7, זייט 78—877). אינם בלעטל ווערט פאַרגלייכט די זעלבסטהערשנדיקע מאָנאַרכיע, קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע און די דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין פאָרם, אינהאַלט און ציל. דאָס בלעטל איז אַ מוסטער פון פּאָפּולערקייט און גלייכצייטיק אַ מוסטער פון ערנסטער פראַגע-באַהאַנדלונג, אַ מוסטער פון ערנסטן שמועס.

אין שווערע מאָמענטן פון איבערברוך זענען די קאָמוניסטן, לויט לענינס מיינונג, הויפּטזעכלעך מחויב פּאָפּולער צו שרייבן און רעדן. אויף דער אַפּריל-קאָנפערענץ פון 1917 יאָר האָט וולאַדימיר איליטש געזאָגט:

„אַ סך מענטשן, און אין דער צאָל מיר אַליין, איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן פאַר זעלנער, און איך מיין, אַז אויב מען וועט אַלץ אויפקלערן פון קלאַסן-שטאַנדפּונקט, איז פאַר זיי מער פון אַלץ אומקלאָר אין אונדזער פּאָזיציע, וויאַזוי מיר ווילן פאַרענדיקן די מלחמה, וויאַזוי מיר טראַכטן זי צו פאַרענדיקן. אין די ברייטע מאַסן זענען פאַראַן חמרים מיספאַרשטענדענישן בנוגע אונדזער שטעלונג, און דעריבער דאַרפן מיר זיין באַזונדער פּאָפּולער" (באַנד XIV, טייל II, ז. 416, צווייטע אויפלאַגע).

אין דערזעלבער רעדע האָט לענין געזאָגט: „אַרויסטרעטנ־דיק פאַר די מאַסן, דאַרף מען געבן קאָנקרעטע תשובות". ס'פאָ־דערט זיך קלאָרקייט פון פּאָליטישן געדאַנק, ריידנדיק וועגן דעם, אַז כדי דורכצופירן די פאַרגעלייגטע שלום-באַדינגונגען מוז מען אַרונטערררייסן די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן, האָט לענין געפאָדערט, מען זאָל דעמדאָזיקן געדאַנק מאַכן קלערער פאַר די מאַסן:

„נאָכאַמאָל חזר איך איבער, אַז דעמדאָזיקן אמת דאַרף מען אויפקלערן די אומאַנטוויקלטע פאָלקס-מאַסן. דער גאַנצער פעלער און דער גאַנצער שקר פון דער פּאָפּולערער מלחמה-ליטעראַטור באַשטייט דערין, וואָס דידאָזיקע פראַגע גייט מען אַרום, מען שווייגט, שילדערנדיק די זאַך אַזוי, אַז ס'האָט נישט עקזיסטירט קיין שום קלאַסן-קאַמף, נאָר אַז צוויי לענדער האָבן צווישן זיך געלעבט בשלום און בעת איינע איז אויף דער צווייטער אָנגע־פאַלן, האָט עס זיך פאַרטיידיקט. דאָס איז אַ באַנאַלער געשפּרעך, אין וועלכן ס'געפינט זיך נישט קיין בראָק אָביעקטיווקייט. דאָס איז אַ באַוווסטזיניקער שקר פון געבילדעטע מענטשן, כדי צו באַשווינדלען דאָס פאָלק".

לאָמיר מאַכן אַ סך-הכל. לענין האָט שטאַרק געהאַלטן פון ריידן און שרייבן פּאָפּולער. דאָס איז נייטווענדיק, כדי צו זיין צוטריטלעכער פאַר די ברייטע מאַסן. אַ פּאָפּולערע רעדע, אַ פּאָפּולערע בראָשור דאַרף האָבן אַ קאָנקרעטן ציל, אַ ציל, וואָס רופט אַרויס געוויסע מעשים. אַ פּאָליטישער געדאַנק, וואָס מען אַנטוויקלט אין אַ פּאָפּולערע רעדע, דאַרף זיין דייטלעך און קלאָר. ס'איז נישט דערלאָזבאַר קיין שום וואולגאַריזאַציע, קיין שום אָפּ־טרעט פון אָביעקטיוויטעט. די דערקלערונגען דאַרפן זיין דייט־לעך, לויט אַ געוויסן פּלאַן, מען דאַרף זען דער לעזער אָדער דער צוהערער זאָל אַליין מאַכן אויספירן און בלויז זיי צוהעלפן פאָרמולירן דידאָזיקע אויספירן.

מען דאַרף נישט אָנהייבן פון קיין אַבסטראַקטע שמועסן, נאָר ברענגען פאַקטן, וואָס זאָלן זיין נאָענט דעם לעזער אָדער דעם צוהערער, וואָס רעגן אים אָן, און כסדר, טריט ביי טריט

אים אויפקלערן די פאַרבינדונג פון דידאַזיקע פאַקטן מיט די װיכטיקסטע פראַגן פון סאָציאַליסטישער אויפבויאונג.

אַזוי האָט געלערנט לענין פּאָפּולער שרייבן און לעזן.

אין דער איצטיקער רגע נייטיקט מען זיך שטאַרק אין פּאָפּולערע ליטעראַטור. די פאַרשאַרפונג פון קלאַסן-קאַמף פאָדערט, אַז די מאַסן זאָלן װי צום בעסטן באַגרייפן די סיטואַציע, זאָלן זיך אויסלערנען פאַרשטיין די פאַרבינדונג פון די טאָג-טעגלעכע פאַקטן, װאָס אינטערעסירן זיי, מיט די יסוד-פראַגן פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם. אַזאַ ליטעראַטור האָבן מיר זייער װייניק. מען דאַרף זי שאַפן. מען דאַרף זיך לערנען ביי לענינען, ביי די מאַסן, װי-אַזוי פּאָפּולער צו שרייבן. כּדי צו קענען שרייבן פּאָפּולער דאַרף מען זיך לערנען, מען דאַרף קאָלעקטיװ אַרבעטן און נאָכשטימען איף דער פּראַקטיק די דערגרייכטע דערפאָלגן.

לענין און טשערנישעווסקי

איך וויל אייך איצט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם איינפלוס, וואָס טשערנישעווסקי האָט געהאַט אויף וולאַדימיר איליטשן. אין זיינע אַרטיקלען און ביכער האָט וולאַדימיר איליטש קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעמדאָזיקן איינפלוס, אָבער יעדעס מאָל ווען ער האָט גערעדט וועגן טשערנישעווסקין, פלעגט ער זיך צעהיצן. בעת דו לייענסט וולאַדימיר איליטשעס ווערק, זעסטו, אַז די ווערטער, ווו ער רעדט וועגן טשערנישעווסקין, זענען באַזונדער הייס אָנגעשריבן. אין לענינס בראָשור „וואָס טוט מען" איז דאָ אַן אומדירעקטע אָנווייזונג וועגן טשערנישעווסקיס איינפלוס. ריידנדיק וועגן דעם פעריאָד, איידער די פאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן, וועגן דעם פעריאָד צווישן 1894—98, ווען די אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך שנעל אָנגעהייבן צו אַנטוויקלען, האָט אָנגענומען אַ מאַסן-כאַראַקטער, ווייזט לענין דעמאָלט אָן דערויף, אַז די יוגנט, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דערדאָזיקער באַוועגונג, האָט זיך אַנטוויקלט און דערצויגן אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון די פאָרגייענדיקע רעוואָלוציאָנערן, און אַז ס'האָט איר אָפגעקאָסט אַ סך אינערלעכן קאַמף, כדי אידעיש זיך צו באַפרייען פון זייער איינפלוס און אַוועקגיין אויף אַן אַנדער וועג, אויפן וועג פון מאַרקסיזם. אין דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטיק זעט מען אַן אויטאָביאָגראַפישן מאָמענט.

ווי אַ פערזענלעכקייט האָט טשערנישעווסקי געווירקט אויף לענינען מיט זיין פאַרביסנקייט און אויסגעהאַלטנקייט און אויך

דערמיט, וואָס ער האָט מיט ווירדע און שטאָלץ אַריבערגעטראָגן זיין שווערן גורל. אַלץ, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט געזאָגט וועגן טשערנישעווסקין, אָטעמט מיט אַ באַזונדער דרך-ארץ אין די זכרונות וועגן אים. אין די שווערע צייטן, ווען די פּאַרטיי האָט איבערגעלעבט קריטישע מאָמענטן, האָט וולאַדימיר איליטש ליב געהאַט איבערצוחזרן איין שטעל פון טשערנישעווסקין, וווּ ער זאָגט, אַז „דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף איז נישט דער טראָטואַר פון נעווסקער פּראָספּעקט”. דערפון האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן אין 1917, ווען די רעאַקציע האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן און ווען דער פּאַרטיי איז אויסגעקומען אָפּצוטרעטן. אויך אין 1918, ווען די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די גרעסטע שוועריקייטן, ווען ס'איז אויסגעקומען צו שליסן דעם ברעסטער שלום, פירן אַ בירגער-קריג, האָט איליטש דערמאָנט דידאָזיקע טשערנישעווסקיס ווערטער. אין טשערנישעווסקיס ביישפּיל האָט ער געשעפּט זיינע כוחות און גאַנץ אָפט איבערגעחזרט, אַז אַ רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיסט דאַרף תמיד זיין גרייט אויף אַלץ.

אָבער נישט בלויז מיט זיין פּערזענלעכקייט האָט טשערנישעווסקי געווירקט אויף לענינען. אויב מיר וועלן באַטראַכטן וולאַדימיר איליטשעס ערשטע אומלעגאַלע ווערק „וואָס איז אַזוינס פריינט פונם פאָלק”, וועלן מיר דעמאָלט בולט אַרויסזען, וואָסער איינפלוס טשערנישעווסקי האָט געהאַט אויף לענינען. דער דור, וועגן וועלכן וולאַדימיר איליטש האָט גערעדט, די יוגנט, וועלכע איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין 1894, איז געוואָקסן אין אַ צייט, ווען אין דער ליטעראַטור און אומעטום האָט מען געשאָטן שבחים דער פויערישער רעפאָרם. טשערנישעווסקי האָט זי געקענט ריכטיק אָפּשאַצן. מ. נ. פּאָקראָווסקי האָט אויך דערפון גערעדט. און וולאַדימיר איליטש האָט געזאָגט: מען האָט געדאַרפט האָבן טשערנישעווסקיס גאַנץ ביסל געניאַליטעט, כדי אין דער סאַמער עפּאָכע פון די פויערישע רעפאָרמען געבן דידאָזיקע אָפּשאַצונג פון ליבעראַליזם, וואָס טשערנישעווסקי האָט געגעבן,

אויפדעקן די פֿאַררעטערישע ראָל פֿון דעמדאָזיקן ליבעראַליזם״ זיין קלאַסן־מהות.

אויב מיר וועלן אַ קוק טאָן אויף לענינס שפּעטערדיקע טעטיקייט, וועלן מיר זען, אַז טשערנישעווסקי האָט אים אָנגעשטעקט מיט זיין פֿאַרביסנקייט אין באַצוג צום ליבעראַליזם. די אומצוטרוי צו ליבעראַלע פֿראַזן, צו דער גאַנצער ליבעראַלער פּאָזיציע, ציט זיך מיט אַ רויטן פֿאָדעם איבער לענינס גאַנצער טעטיקייט. אויב מיר וועלן נעמען לענינס סיבירער פֿאַרשיקונג, דעם פּראָטעסט קעגן דער קרעדאָ, זיין סיכסוך מיט סטרווען, זיין פֿיינטלעכע שטעלונג צו די קאַדעטן, צו די מענשעוויסטישע ליקווידאַטאָרן, וועלכע זענען געווען גרייט צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט די קאַדעטן — זעען מיר, אַז וולאַדימיר איליטש האָט זיך געהאַלטן אויף דערזעלבער קאָמפּנדיקער ליניע, אויף וועלכער ס׳האָט זיך געהאַלטן טשערנישעווסקי, אין באַצוג צו די ליבעראַלן, וועלכע האָבן פֿאַרראַטן דאָס פֿויערטום אין 1861. אויב מיר וועלן איצט מאַכן אַן אונטערצוג פֿון דערדאָזיקער לענינס טעטיקייט, אויב מיר וועלן באַטראַכטן דידאָזיקע קעמפֿנדיקע פּאָזיציע זיינע, וועלן מיר זען, אַז אַ דאַנק דעם האָט די פּאַרטיי געזיגט. די פֿראַגע וועגן דער באַציאונג צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער דעמאָקראַטישער פֿראַגע. אין „וואָס איז אַזוינס פֿריינט פֿונם פֿאָלק״, האָט לענין געשריבן: „אין טשערנישעווסקיס עפּאָכע האָט דער קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיזם און דער קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין גאַנצקייט״. געבנדיק אַן אָפּשאַצונג פֿונם בורזשואַזן־ליבעראַלן דעמאָקראַטיזם און פֿונם דעמאָקראַטיזם פֿון די „פֿאַרבורזשויעוועטע״ נאַראָדאָוואָלצעס פֿון די 80קער יאָרן, וועלכע זענען געגאַנגען אויף פּשרות מיטן צאַריזם, האָט לענין אים קעגנגעשטעלט דעם דעמאָקראַטיזם פֿונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. טשערנישעווסקי האָט געגעבן אַ מוסטער פֿון פֿאַרביטערטן קאַמף מיט דער הערשנדיקער אָרדענונג, אַ קאַמף, ווו דער דעמאָקראַטיזם איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם.

לענין האָט געהאַלטן פֿון טשערנישעווסקיס טעטיקייט, פֿון זיין אמתן דעמאָקראַטיזם, ווייל ער האָט איינגעפֿונען אַז דערדאָזיקער דעמאָקראַטיזם איז אין איינקלאַנג מיט דער באַציונג פֿונם מאַרקסיזם צו די מאַסן. די מאַרקסיסטישע לערע האָט נישט בלויז באַלויכטן דעם קאַמף אויפֿן עקאָנאָמישן באָדן, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן אַרבעטער-קלאַס און די קאַפּיטאַליסטן, דער מאַרקסיזם האָט אַרומגעכאַפּט אינאיינעם אַלע דערשיינונגען, האָט באַלויכטן די גאַנצע אָרדענונג, געבנדיק אַן אַנאַליז און גלייכצייטיק אָנגעוויזן, וויאַזוי מען דאַרף פֿאַרייניקן דעם קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיזם און דעם קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם. אויב מיר וועלן אַ קוק טאָן, ווי מאַרקס האָט געקעמפֿט מיט לאַסאַלן, אויף וואָסער באָדן ביי זיי איז געגאַנגען דער קאַמף, ווי מאַרקס איז געווען אויפֿגערעגט דערמיט, וואָס לאַסאַל פֿאַרשטייט נישט די באַדייטונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער זעלבסטטעטיקייט פֿון די מאַסן, וועלן מיר דעמאָלט פֿאַרשטיין דעם סאָציאַליסטישן מהות פֿונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. דעמדאָזיקן מהות האָבן לגמרי נישט פֿאַרשטאַנען די אַזויגערופֿענע „לעגאַלע מאַרקסיסטן", ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט גענומען אין באַטראַכט די אָריענטאַציע, וואָס מאַרקס האָט געהאַט בנוגע דעם אַרבעטער-קלאַס, בנוגע די מאַסן. אינעם מאַרקסיזם גיסן זיך באמת צונויף דער דעמאָקראַטיזם און דער קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם. און ס'איז נישט קיין צופֿאַל, ווען בעת איליטש רעדט וועגן דעמאָקראַטיזם, דערמאָנט ער תּמיד טשערנישעווסקין, ביי וועלכן ער האָט זיך צוערשט אויסגעלערנט צונויפֿצוגיסן דעם קאַמף פֿון דעמאָקראַטיע מיטן קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם. אויב מיר וועלן באַטראַכטן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר די לערע וועגן די סאָוועטן, וועגן דער סאָוועטישער מאַכט, וועלן מיר זען, אַז אין דערדאָזיקער לערע וועגן דער סאָוועטישער מאַכט ווערט בולט אָפּגעשפּיגלט דידאָזיקע פֿאַרייניקונג פֿונם קאַמף פֿאַר דעמאָקראַטיזם און פֿאַר סאָציאַליזם. איך געדענק אַזאַ מין זאַך. אין 1918, בעת איך האָב געוואָלט אָנשרייבן אַ פּאָפּולערע בראָשור וועגן די סאָוועטן און וועגן דער סאָוועטישער מאַכט, האָט וולאַדימיר

איליטש מיר איינמאָל געבראַכט אַן אויסשניט פון דער פראַנצויזישער צייטונג „אומאַניטע” — דעם נאָמען פונם פראַנצויזישן חבר האָב איך שוין פאַרגעסן, — אַן אויסשניט, ווו ס׳האָט זיך גערעדט דערפון, אַז די סאָוועטישע מאַכט איז דעמאָקראַטיש אין פולן זין פון דעם וואָרט. וולאַדימיר איליטש, איבערגעבנדיק מיר דעמדאָזיקן אויסשניט, האָט געזאָגט, אַז דערויף דאַרף ספּעציעל ווערן געלייגט די אויפמערקזאַמקייט, מען דאַרף ווייזן דעם אמתן דעמאָקראַטיזם, וואָס דריקט זיך אויס אין דער סטרוקטור פון דער סאָוועטישער מאַכט, ווו דער פראָלעטאריאט דערהייבט זיך צו אַ נייעם, מער ברייטערן דעמאָקראַטיזם.

מאַרקס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש אין די 60ער יאָרן. מען האָט נאָך געדאַרפט מאַרקסן איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון רוסישע פאַקטן. דאָס האָט לענין געטאָן אין זיין בוך „די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד”. ער האָט עס געקענט טאָן צוליב טשערנישעווסקיס איינפלוס. וולאַדימיר איליטש האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט דערפון, ווי גוט טשערנישעווסקי האָט געקענט די רוסישעווירקלעכקייט, ווי גוט ער האָט געקענט די פאַקטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פויערים־באַוועגונג א. אַז. וו.

אינם ערשטן פּעריאָד פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט וולאַדימיר איליטש קנאַפּער אַכט געלייגט אויף טשערנישעווסקיס פילאָזאָפישע איבערצייגונגען, הגם ער איז געווען באַקאַנט מיט פּלעכאַנאָווס בוך „וועגן טשערנישעווסקין”, הגם אויף דערדאָזיקער זייט פון דער זאַך איז געלייגט געוואָרן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט; אָבער וולאַדימיר איליטשן האָט די פראַגע ווייניק דעמאָלט אינטערעסירט. בלויז אין 1908, ווען אויף דעמדאָזיקן פילאָזאָפישן פראָנט האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטער קאַמף, האָט לענין ערשט דעמאָלט אָנגעהייבן ווידער איבערצולייענען טשערנישעווסקין און גערעדט וועגן טשערנישעווסקין, ווי וועגן אַ גרויסן רוסישן העגעל־אָנהענגער, ווי וועגן אַ גרויסן רוסישן מאַטעריאַליסט. שפּעטער, אין 1914, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגערוקט און די נאַציאָנאַלע פראַגע

האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אַקטועלע באַדייטונג, האָט וולאַדימיר איליטש אין זיין אַרטיקל וועגן „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג״ אונטערגעשטראָכן הויפּטזעכלעך דאָס, וואָס טשערנישעווסקי האָט, פּונקט ווי מאַרקס, אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פונעם פּוילישן אויפשטאַנד.

אויב מיר וועלן באַטראַכטן דידאַזיקע אַלע מאָמענטן, וועלן מיר זען, ס'איז אַ גרויסן איינפלוס טשערנישעווסקי האָט געהאַט אויף לענינען, אויף זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דערפון נעמט זיך לענינס באַציונג צו טשערנישעווסקין. אין סיביר האָט וולאַדימיר איליטש געהאַט אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס פון די שרייבער, וועלכע האָבן אויף אים געהאַט אַ גרויסע השפּעה. דאָרט, זייט ביי זייט מיט מאַרקסן און ענגעלסן, זייט ביי זייט מיט הערצענען און פּיסאַרעוון זענען געווען טשערנישעווסקיס צוויי פאָטאָגראַפיעס און אויך אַ פאָטאָגראַפיע פון מישקינען, וועלכער האָט זיך באַמיט צו באַפרייען טשערנישעווסקין. און שפּעטער, אין איליטשעס קאַבינעט אין קרעמעל, צווישן די אויטאָרן, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן אונטער דער האַנט, לעבן מאַרקסן, ענגעלסן און פּלעכאַנאָוון, האָט מען אויך געזען טשערנישעווסקיס געזאַמלטע ווערק, וועלכע וולאַדימיר איליטש פלעגט לייענען, בעת ער האָט געהאַט פרייע צייט.

איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן אויף נאָך אַ קליינעם פּרט. אינעם זעלבן ביכל „וואָס איז אַזוינס פריינט פונעם פאָלק״, ווייזט וולאַדימיר איליטש אָן, אַז קאַוטסקי איז געווען גערעכט, בעת ער האָט גערעדט וועגן טשערנישעווסקיס עפּאָכע, אַז יעדער סאָציאַליסט איז דעמאָלט געווען אַ פּאָעט און יעדער פּאָעט — אַ סאָציאַליסט. ווען דער חבר פון מיין קרייז האָט מיר צום ערשטן מאָל דערציילט וועגן דעם נייעם אורח פון דער וואָלגע, דאָס הייסט, וועגן וולאַדימיר איליטשן, האָט ער מיר אים געשילדערט מיט דידאָזיקע ווערטער: „מען זאָגט, ער איז אַ גרויסער געלערנטער, האָט קיינמאָל נישט געלייענט

קיין איין ראָמאַן, קיין איין ליד". אמת גערעדט, האָב איך זיך שטאַרק געחידושט, אַז עס געפינען זיך אַזעלכע מענטשן. ערשט אין סיביר האָב איך, צו מיין גרויס שטוינונג זיך דערוווּסט, אַז וולאַדימיר איליטש האָט נישט בלויז געלייענט די דעמאָל-טיקע בעלעטריסטיק, נאָר ער האָט זי אויך גוט געקענט. נישט ווייניקער האָב איך זיך געחידושט, וואָס וולאַדימיר איליטש האָט אַזוי גוט געקענט נעקראַסאָוון, טשערנישעווסקין. ער האָט געקענט יעדן איינציקן פּרט פון טשערנישעווסקיס „וואָס טוט מען" און דעמאָלט האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז אַלע מעשיות וועגן לעצינען, אַז ער האָט נישט געלייענט קיין איין ראָמאַן, איז אויסגעזויגן פון פינגער. וולאַדימיר איליטש האָט געלייענט בעלעטריסטיק, שטודירט און געליבט. אָבער איין זאַך האָט געהאַט וולאַדימיר איליטש: ביי אים פלעגט זיך צו-נויפגיסן אין איינס דער געזעלשאַפטלעכער צוגאַנג מיט דער קונסט-אָפּשפּיגלונג פון דערווירקלעכקייט. דידאַקטיש צוויי זאַכן האָט ער נישט אָפּגעטיילט איינע פון דער צווייטער, און פונקט ווי ביי טשערנישעווסקין האָט זיך זיין אידעע פולשטענדיק אָפּ-געשפּיגלט אין זיינע קונסט-ווערק, אַזוי האָט אויך איליטש ביים אויסוואַל פון בעלעטריסטישע ביכער, שטאַרק ליב געהאַט די קונסט-ביכער, אין וועלכע ס'האָט זיך בולט אָפּגעשפּיגלט די אָדער אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אידעען.

אָט דאָס איז דאָס ביסל, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, טראָגט נישט קיין כאַראַקטער פון פערזענלעכע דערינערונגען. די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אויף דערדאָזיקער טעמע, געדענק איך נישט. מיט די יאָרן ווערט אַ סך פאַרשוווּנדן פון זכרון. ס'איז דער-פאַר, ווייל יעדן טאָג געשעט עפּעס נייעס, נישט יעדעס וואָרט פאַרבלייבט אין זכרון, עס פאַרבלייבן בלויז אין זכרון באַזונ-דערע שטריכן. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין וולאַדימיר אי-ליטשעס ווערק, אַרטיקלען, בראָשורן שפּיגלט זיך אָפּ פול-שטענדיק דער גרויסער איינפלוס, וואָס טשערנישעווסקי האָט אויף אים געהאַט.

וואָס איז לעבינען געפעלן געוואָרן פון קונסט-ליטעראַטור

אַ חבר, וואָס האָט מיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט איליטשן, האָט צו מיר געזאָגט, אַז איליטש איז אַ געלערנטער מענטש, לייענט אויסשליסלעך וויסנשאַפטלעכע ביכער, האָט אין זיין לעבן נישט איבערגעלייענט קיין שום ראָמאַן, האָט קיינמאָל קיין ליד נישט געלייענט. איך האָב זיך געחידושט. איך האָב אַליין אין מיינע יונגע יאָרן איבערגעלייענט אַלע קלאַסיקער, געקענט אויף אויסנווייניק גאַנץ לערמאָנטאָוון א. אַז. וו.; אַזעלכע שרייבער ווי טשערנישעווסקי, ל. טאָלסטאָי, אוספענסקי האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין מיין לעבן. איך האָב דעריבער געשטוינט, זעענדיק פאַר זיך אַ מענטש, וואָס איז ווייט פון קונסט-ליטעראַטור.

נאָכדעם, ביי דער אַרבעט האָב איך זיך נאָענט באַקענט מיט איליטשן. איך האָב זיך באַקענט מיט זיינע מיינונגען וועגן מענטשן, איך האָב זיך צוגעקוקט, ווי ער פאַרטיפט זיך אין לעבן, אין מענטשן, — און דער לעבעדיקער איליטש האָט אַרויסגעשטופט יענעם געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס האָט קיינמאָל אין האַנט אַריין נישט גענומען קיין בוך, וואָס רעדט פון מענטשלעכע לעבנס.

אָבער דאָס לעבן האָט זיך דעמאָלט אַזוי צונויפגעלייגט, אַז ס'איז אונדז עפּעס נישט אויסגעקומען צו כאַפּן אַ שמועס אויף דערדאָזיקער טעמע. ערשט שפּעטער, אין סיביר, האָב

איך געוווּסט, אַז איליטש האָט נישט קנאַפּער פון מיר געלייצנט די קלאַסיקער; נאָכמער, אפילו נישט איינמאָל איבערגעלייענט טורגעניעוון. איך האָב מיט זיך קיין סיביר געבראַכט פּושקינען, לערמאָנטאָוון, נעקראַסאָוון. וולאַדימיר איליטש האָט זיי אַוועקגעלייגט לעבן זיין בעט זייט ביי זייט מיט העגעלן און אָוונטצייט זיי נישט איינמאָל דורכגעלייענט. מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט פּושקינען. אָבער נישט די פאָרם האָט ער אָפּגעשאַצט אין אַ בוך. ער האָט, למשל, ליב געהאַט טשערנישעווסקיס בוך „וואָס טוט מען“, נישט געקוקט אויף זיין שוואַכער קינסטלערישער פאָרם. איך האָב געשטוינט אויף דער אויפמערקזאַמקייט מיט וועלכער ער האָט געלייענט דאָסדאָזיקע בוך, אָנצייכענענדיק דאָרט דינע שטריכן. ער האָט בכלל געהאַט אַ שוואַכקייט צו טשערנישעווסקין, און אין זיין סיבירער אַלבאָם זענען געווען צוויי פאָטאָגראַפיעס פון דעמדאָזיקן שרייבער; אויף איינער איז מיט איליטשעס האַנט געווען אָנגעשריבן דער טאָג פון זיין געבוירן ווערן און פון זיין טויט. אין אַלבאָם האָט זיך געפונען אַ פאָטאָגראַפיע פון עמיל זאָלאַ, און פון די רוסישע שרייבער — הערצען און פּיסאַרעוו. פּיסאַרעוון האָט וולאַדימיר איליטש אַמאָל אַ סך געלייענט און האָט אים ליב געהאַט. כ׳געדענק, אַז אין סיביר האָט ער אויך געהאַט געטעס „פאַוסט“ אויף דייטש און אַ באַנד היינעס לידער.

קומענדיק פון סיביר, איז וולאַדימיר איליטש איינמאָל געווען אין טעאַטער, ווו ער האָט געזען דעם „פורמאַן הענשעל“. נאָכדעם האָט ער געזאָגט, אַז עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

פון די ביכער, וועלכע זענען איליטשן געפעלן געוואָרן אין מינכען, געדענק איך הערגאַרדס ראָמאַן „ביי דער מאַמען“ און פּאָלענצעס „פּויער“.

נאָכדעם, שפּעטער, אויף דער צווייטער עמיגראַציע אין פּאַריז, האָט איליטש געלייענט וויקטאָר הוגאָס לידער „Châtiments“, געווידמעט דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר, וועלכע

הוגאָ האָט בשעתו געשריבן אין גלות און מען האָט זיי געשמוגלט קיין פראַנקרייך. דידאַזיקע לידער זענען דורכגעדרונגען מיט אַ מין נאַיוועט גאווה, נאָר דאָך אָטעמט פון זיי מיט רעוואָלוציע. וולאַדימיר איליטש פלעגט גערן באַזוכן פאַרשידענע צוקערניעס, פאַרשטאָט־טעאַטערס, כדי צו הערן די רעוואָלוציאָנערע זינגער, וועלכע האָבן געזונגען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן וועגן אַלץ. זיי האָבן געזונגען, ווי בגילופנדיקע פויערים קלייבן אויס אַלס דעפּוטאַט אַ פאַרבייפאָרנדיקן אַגיטאַטאָר, זיי האָבן געזונגען וועגן קינדער־דערציונג, וועגן אַרבעטסלאָזיקייט א, אַז. וו. באַזונדערס איז איליטשן געפעלן געוואָרן מאָנטעגיס, אַ זון פון אַ קאָמונאַר. מאָנטעגיס איז געווען דער ליבלינג פון די אַרבעטער־געגנטן. אמת טאַקי, זיינע אימפּראָוויזירטע לידער -- בילדער פון לעבן — האָבן נישט געהאַט קיין שום באַשטימטע אידעאָלאָגיע, אָבער ס׳איז אין זיי געווען אַ סך אויפריכטיקייט. איליטש פלעגט אַ סך מאָל זינגען מאָנטעגיס באַגריסונג דעם 17טן פולק, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אויף די שטרייקנדיקע: „Salut, salut à vous, soldats du 17-me". איינמאָל אויף אַ רוסישן אָוונט האָט זיך איליטש צונויפגערעדט מיט מאָנטעגיסן, און אַ מאָדנע זאַך, דידאָזיקע צוויי פאַרשידענע מענטשן (מאָנטעגיס איז בעת דער אייראָפּעישער מלחמה אַריבער אין לאַגער פון די שאָוויניסטן) האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמועסט וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע. אַזוי פאַסירט אַמאָל אין וואַגאָן: עס באַגעגענען זיך אַ פּאָר אומבאַקאַנטע מענטשן און אונטערן קלאַפּ פון די רעדער דערציילט מען זיך אַזעלכע זאַכן, וואָס אין אַן אַנדער צייט וואָלט מען קיינמאָל נישט דערציילט; נאָכדעם גייט מען זיך פאַנאַנדער און מען טרעפט זיך שוין מער קיינמאָל אין לעבן נישט. אַזוי האָט אויך דאָ פאַסירט. חוצדעם איז דער שמועס געפירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, און אויף אַ פרעמדער שפּראַך איז לייכטער צו טרוימען ווי אויף דער אייגענער. צו אונדז פלעגט קומען אויף עטלעכע שעה אַ פראַנצויזין, וואָס האָט אויפגעדוימט אונדזער וווינונג. איליטש האָט איינמאָל זיך צוגעהערט,

ווי זי זינגט לידער. דאָס האָט זי געזונגען אַן עלזאַסער נאַ-ציאָנאַליסטיש ליד. איליטש האָט געבעטן איבערצוזעצן דאָס ליד מיט די ווערטער. נאָכדעם פלעגט ער עס אַליין אָפט זינ-גען. עס האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

Vous avez pris Elsass et Lorraine,
Mais malgrés vous nous resterons français;
Vous avez pu germaniser nos plaines
Mais notre coeur vous ne l'aurez jamais!

(איר האָט גענומען עלזאַס און לאָטאַרינגיע, נאָר אויף צו להכעיס אייך פאַרבלייבן מיר פראַנצויזן; איר האָט געקענט פאַרדייטשן אונדזערע פעלדער, אָבער אונדזער האַרץ וועט איר קיינמאָל נישט האָבן".

דאָס האָט פאַסירט אין 1909, בעת דער רעאַקציע, בעת די פאַרטיי איז געווען צעקלאַפּט, אָבער דער רעוואָלוציאָנערער גייסט איז נאָך נישט געווען צעבראָכן. און דאָסדאָזיקע ליד האָט דעמאָלט האַרמאָנירט מיט לעגינס שטימונג. מען האָט געדאַרפט הערן, ווי זיגרייך עס האָבן אויף זיינע ליפּן געקלונ-גען די ווערטער: „אָבער אונדזער האַרץ וועט איר קיינמאָל נישט האָבן".

אין דידאָזיקע שווערע עמיגראַציע-יאָרן, וועגן וועלכע איליטש האָט תמיד גערעדט מיט אַ מין פאַרביטערונג, האָט ער תמיד געטרוימט און געטרוימט וועגן מאָנטעגיסן, געזונגען מיט באַגייסטערונג דאָס עלזאַס-לידל און אין די שלאָפלאָזע נעכט געלייענט ווערכאַרנען.

שפּעטער, בעת דער מלחמה, האָט וולאַדימיר איליטש זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט באַרביוסעס „דאָס פייער", צו-געבנדיק דעמדאָזיקן בוך אַ גרויסע באַדייטונג. דאָסדאָזיקע בוך איז געווען אין פולער האַרמאָניע מיט זיין דעמאָלטיקער שטי-מונג.

מיר פלעגן זעלטן גיין אין טעאַטער. אַז מיר פלעגן זיך שוין יאָ אויסקלייבן אין טעאַטער, פלעגט די נישטיקייט פון דער פיעסע, אָדער דאָס פאַלשע שפּילן ווירקן אויף וולאַדימיר

[illegible]שעס נערוון. געוויינלעך, פלעגן מיר נאָכן ערשטן אַקט אַוועקגיין פון טעאַטער. חברים פלעגן פון אונדז חוזק מאַכן, זאָגנדיק, אַז מיר פטרן געלט אומזיסט.

אָבער איינמאָל איז איליטש אָפּגעזעסן ביזן סוף. דאָס איז, דאַכט זיך, געשען אין בערן, אין 1915 יאָר, בעת מען האָט געשטעלט טאָלסטאָיס פּיעסע „דער לעבעדיקער מת". הגם מען האָט די פּיעסע געשטעלט אין דייטש, אָבער דער אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט דעם פּירשט, איז געווען אַ רוס און האָט געקענט גוט איבערגעבן טאָלסטאָיס געדאַנקען. איליטש האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געקענט אָפּרייסן פון דער שפּיל.

און, ענדלעך, אין רוסלאַנד. די נייע קונסט האָט זיך לענינען אויסגעדאַכט פרעמד, אומפאַרשטענדלעך. איינמאָל האָט מען אונדז פאַרבעטן אין קרעמל אויף אַ קאָנצערט, איינגעאָרדנט פאַר די רויט־אַרמייער. איליטשן האָט מען אָפּגעגעבן אַן אָרט אין די ערשטע רייען. די אַרטיסטין גזאָווסקאַיאַ האָט דעקלאַמירט מאַיאַקאָווסקין: „אונדזער גאָט — איז דאָס לויפן, דאָס האַרץ — איז אונדזער פּויק" און, שפּילנדיק איז זי געגאַנגען אין דער ריכטונג צו איליטשן. ער ווידער איז געזעסן אַ פאַרלוירענער, אַ צעחושטער, און פריי אָפּגעאָטעמט ערשט דעמאָלט, ווען נאָך גזאָווסקען איז אַרויסגעקומען אַן אַנדער אַרטיסט, וואָס האָט רעציטירט טשעכאָווס „פאַרברעכער".

איינמאָל איינאָוונט האָט זיך איליטשן פאַרוואָלט אַ קוק טאָן, ווי די יוגנט לעבט אין קאָמונע. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ וויזיט אונדזער וכוט-מאַסאָווקע — וואַריען אַרמאַנד. ס'איז דאַכט זיך געווען אינם טאָג פון קראָפּאָטקינס לוויה, אין 1921. ס'איז דאַכט זיך, דעמאָלט געווען אַ הונגער־יאָר, אָבער די יוגנט איז געווען שטאַרק באַגייסטערט. די יונגע לייט זענען געשלאָפן אין דער קאָמונע, כמעט אויף גאָלע ברעטער, קיין ברויט האָבן זיי נישט געהאַט. „מיר האָבן אָבער גרויפּן" — האָט אַ שיינענדיק פּנים געמאָלדן דער דעזשורנער מיטגליד פון דער קאָמונע — אַ וכוט-מאַסאָוועץ. פון דידאָזיקע גרויפּן האָט מען פאַר איליטשן אויסגעקאָכט אַ קאַשע, אָבער אָן זאַלץ. איליטש

האָט געקוקט אויף דעם יונגוואַרג, אויף די שיינענדיקע פּנימער פון די יונגע קינסטלער און קינסטלערינס, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. זייער פרייד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פּנים — זיי האָבן אים באַוויזן זייערע נאַיווע צייכענונגען, האָבן אים געגעבן דערקלערונגען, פאַרשאָטן אים מיט שאלות. און ער האָט געלאַכט, זיך אויסגעדרייט צו געבן תשובות, אויף פראַגן אָפּגעענטפערט מיט פראַגן. — „וואָס לייענט איר? איר לייענט פּושקינען?" — „אָך, ניין — האָט עמיצער אויסגערופן — פּושקין איז דאָך געווען אַ בורזשוי. מיר לייענען מאַיאַקאָווסקין". איליטש האָט אַ שמייכל געטאָן. „לויט מיין מיינונג איז פּושקין בעסער". שפּעטער איז איליטש בעסער געוואָרן צו מאַיאַקאָווסקין. ביי דעמדאָזיקן נאָמען פלעגט ער זיך דערמאָנען וועגן דער וכוט־מאַסאָוועד יוגנט, פול מיט לעבן און פרייד, וואָס איז גרייט צו שטאַרבן פאַר דער סאָוועטן־מאַכט, וואָס קענען נישט געפינען קיין ווערטער אין דער מאָדערנער שפּראַך, כדי צו קומען צום אויסדרוק און זוכן דעמדאָזיקן אויסדרוק אין די קנאַפּ־פאַרשטענדלעכע מאַיאַקאָווסקיס לידער. שפּעטער האָט איליטש איינמאָל געלויבט מאַיאַקאָווסקין פאַר זיינע לידער, וואָס מאַכן חוזק פון סאָוועטישן ביוראָקראַטיזם. פון די מאָדערנע זאַכן, געדענק איך, איז איליטשן געפעלן געוואָרן ערנבורגס ראָמאַן, וואָס באַשרייבט די מלחמה, „דאָס איז דאָך, ווי רופט מען אים דאָרט, דער צוקודלטער איליאַ (ערנבורגס צונאָמען) — האָט ער דערציילט — ס'איז ביי אים גוט אַרויסגעקומען"

מיר זענען עטלעכע מאָל געווען אין קונסט־טעאַטער. איינמאָל זענען מיר געגאַנגען זען „דעם מבול". ס'איז איליטשן שטאַרק געפעלן געוואָרן. אויפן צווייטן טאָג האָט זיך ווידער געוואָלט גיין אין טעאַטער. ס'איז געגאַנגען „אויפן דנאָ" — גאָרקיס. אַלעקסעי מאַקסימאָוויטשן האָט לענין געליבט ווי אַ מענטשן, צו וועלכן ער האָט דערפילט אַ נאָענטקייט אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, האָט אים ליב געהאַט ווי אַ קינסטלער און געהאַלטן, אַז גאָרקי אַלס קינסטלער קען אַ סך פאַרשטיין בלויז פון איין איינציק וואָרט. מיט גאָרקין האָט ער גערעדט

אָפּגעהערציק. דעריבער האָט ער פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט גאָרקיס זאַכן, אַ סך געפאָדערט. צופיל טעאַטראַליש-קייט האָט איליטש שטאַרק אויפגערעגט. נאָך דער פּיעסע „אויפן דנאָ", האָט ער אויף אַ לאַנגע צייט אויפגעהערט צו גיין אין טעאַטער. איינמאָל בין איך מיט אים געווען אויף טשעכאָווס „פעטער וואַניאַ". ס'איז אים געפעלן געוואָרן. און, ענדלעך, צום לעצטן מאָל, זענען מיר געווען אין טעאַטער אין 1922 אויף דיקענסעס „דער גריל אויפן אויוון". שוין נאָכן ערשטן אַקט איז איליטשן געוואָרן לאַנגווייליק, ס'האָט אים אָנגעהייבן צו ווירקן אויף די נערוון דיקענסעס בירגערלעכע סענטימענ-טאַליטעט, און ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן דער שמועס פונם אַלטן שפּילצייג-הענדלער מיט זיין בלינדער טאָכטער, האָט אי-ליטש מער נישט געקענט אויסהאַלטן און איז אַוועק אינ-מיטן אַקט.

איליטשעס לעצטע חדשים. איך פלעג אים, געוויינלעך, יעדן אָוונט לייענען בעלעטריסטיק, לויט זיין אָנווייזונג. איך האָב געלייענט שטשעדרינען, געלייענט „מיינע אוניווערזיטעטן"— גאָרקיס. חוצדעם האָט ער ליב געהאַט צו הערן לידער, הויפּט-זעכלעך דעמיאַן בעדניס. אָבער פון דעמיאַנס לידער זענען אים מער געפעלן נישט די סאַטירישע, נאָר די פּאַטאָס-לידער.

דו לייענסט אים לידער, און ער קוקט אַ פאַרטראַכטער אין פענסטער, אויף דער פאַרגייענדיקער זון. איך געדענק די לידער, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „קיינ-מאָל וועלן די קאָמונאַרן נישט ווערן קיין שקלאַפן".

דו לייענסט, און גלייך אַ שבועה חזרסטו איליטשן אי-בער: „קיינמאָל וועלן מיר נישט אַוועקגעבן קיין שום דעראָ-בערונגען פון דער רעוואָלוציע"...

צוויי טעג פאַר זיין טויט האָב איך אים איינאָוונט גע-לייענט דזשעק לאָנדאָנס דערציילונג: „ליבע צום לעבן" (דאָס ביכל ליגט נאָך ביז היינטיקן טאָג ביי אים אויפן טיש). ס'איז זייער אַ שטאַרקע זאַך. איבער אַ פאַרשנייטן מדבר, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן, שלעפּט זיך אַ

קראַנקער מענטש, וועלכער גייט אויס פון הונגער. ער וויל דערקריכן צום פּאָרט פון אַ גרויסן טייך. עס גייען ביי אים אויס די כּוחות. ער גייט שוין נישט, נאָר ער קריכט, און זייט ביי זייט מיט אים קריכט אויך אַ וואָלף, וואָס שטאַרבט פון הונגער. עס גייט צווישן זיי אַ קאַמף. דער מענטש זיגט, און נישט טויט נישט לעבעדיק דערקריכט ער צום ציל. אי־ליטשן איז דידאָזיקע דערציילונג שטאַרק געפעלן געוואָרן. אויפן צווייטן טאָג האָט ער ווידער געבעטן, איך זאָל אים לייענען לאָנדאָנס דערציילונגען. אָבער ביי לאָנדאָנען זענען צווישן די שטאַרקע זאַכן אויך דאָ שוואַכע זאַכן. גראָד די צווייטע דער־ציילונג איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדער טיפּ, — דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזער מאָראַל. עפּעס אַ קאַפּיטאַן האָט צוגעזאָגט אַן אייגנטימער פון אַ שיף, אָנגעלאָדן מיט ברויט, אַז ער וועט עס גוט פאַרקויפן. ער איז מקריב זיין לעבן, כּדי צו האַלטן וואָרט. איליטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

מער איז מיר שוין נישט אויסגעקומען פאַר אים צו לייענען...

סוף